STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04652

# KUNST UN GELT

Upton Sinclair

*Permanent preservation of this book was made possible
by Ruth Taubman
in memory of
her beloved husband, Edward Taubman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אײפּטאָן סינקלער

# קונסט און געלט

עסייען

איבערגעזעצט:
מאַרק פּאָגעלמאַן

19 װאַרשע 30

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב

Printed in Poland

דאָס בוך הייסט אין אָריגינאַל
MAMMONART
UPTON SINCLAIR
SZTUKA A PIENIĄDZ
TŁUM. MAREK FOGELMAN
Wyd. Sz. GOLDFARB Dzika 31
Druk. Piment, W-wa Sierakowska 4

די קייט די גאָלדענע גיב מיר נישט
אָ, גיב די קייט דעם ריטער
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
איך זינג פּונקט ווי דער פויגל זינגט,
וואָס אין די צווייגן וווינט,
דאָס ליד וואָס פון דעם האַרצן דרינגט,
איז לוין וואָס רייך באַלוינט

פון געטעס: „דער זינגער״

# אינהאַלט:

זייט


1. אַגי, דער זון פון אַג . . . . 9
2. צו וועמען געהערט דער קינסטלער . . 17
3. די קונסט און די פערזענלעכקייט . . . 23
4. דער קינסטלער און זיין שבר . . . 27
5. די אומשטערבלעכע . . . . . 31
6. קינסטלעכע קינדהייט . . . . 34
7. דער פערד-האַנדל . . . . . 39
8. דער אַלטער טעסטאַמענט . . . . 46
9. דער נייער טעסטאַמענט . . . . 54
10. די גריבן . . . . . . 61
11. וויליאַם ראַנדאָלף אַלקיביאַדעס . . . 68
12. דאָס יאָרהונדערט פון העלדנפאַרערונג . . 70
13. דער הונדערט-פּראָצענטיקער אַטענער . . 75
14. אַריסטאָפאַנעס דער הומאָריסט פון דער רעאַקציע . 79
15. די רוימער . . . . . . 83
16. דער פרומער אַנעאַס . . . . 89
17. האָראַץ און יוּווענאַל . . . . . 93
18. דאָס אַמעריקאַנישע אימפעריום . . . 98
19. די קריסטלעכע רעוואָלוציע . . . . 100
20. אינעווייניק און אויסנווייניק . . . 102
21. דער הימל פון עלעגאַנץ . . . . 107
22. דער גיהנום פון דעגענעראַטן . . . 110
23. די פרומע פאַרגיפטער . . . . 114
24. מיקל אַנדזשעלאָ . . . . . 120
25. ווער איז משוגע? . . . . . 128
26. שימערירנדיקע פוילעניש . . . . 313

27. די טעאָריע פונם ערלעבן מאַן . . . 138

28. שעקספיר — אַ שוגא פונם פרייען מענטשלעכן גייסט 142

29. לויב די פוריטאַנער . . . . . 147

30. די פּראָפּאַגאַנדע פון רוים . . . . 152

31. אומגעצוימטע פאַרלאַנגען . . . . 158

32. דער פאַרפאָלגטער פון צביעות . . . 163

33. „אַ טויט דער אומפאַרשעמטקייט" . . . 171

34. זשאַן זשאַק רוסאָ . . . . . 1 8

35. די פאַרסמטע מויז . . . . . 184

36. באַצאָלטע צניעות . . . . . 187

37. דער ערנקאָדעקס פון דעם גוטן מענטשן . . 190

38. דער געניאַלער שטייער-באַאַמטער . . . 193

39. דער געהירן-באַזיצער . . . . 197

40. פּאָליטיק איז שיקזאַל . . . . 202

41. טאָרי-ראָמאַנטיק . . . . . 208

42. דער ערשטער לאָרד אין דער ליטעראַטור . . 214

43. דער מלאָך פון רעוואָלוציע . . . . 218

44. דער זון פון אַ בעל-עגלה . . . . 224

1

# אָגי, דער זון פון אָג

אין איינעם אַ שיינעם אָוונט אין יאָר 89073 פאַר קריסי־
טוס געבורט — דאָס הייסט מיט הונדערט טויזנט יאָר צוריק —
זיצט זיך אַזוי אָגי, דער זון פון אָג, פאַר דעם פלאַמעדיקן פייער
אין זיין הייל, לעקט זיך די פעטע ליפּן און ווישט אָפּ די פאַר־
שמירטע פינגער אָן זיינע געדיכטע ברוינע האָר, וואָס באַדעקן
זיין ברוסט. די פעטיקייט אויף אָגיס ליפּן און פינגער שטאַמט פון
אַן אויעראַקס, וואָס אָגי האָט אויף אַ שפּיז געבראָטן איבערן
פייער. זיין שטאַם האָט אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אויפן יאַגד און
אָגי אַליין האָט אַריינגעשטאָכן די שפּיז אין די אויגן פון אָט דער
ריזיקער חיה. ער איז געווען יונג און אַ העלד, און איצטער האָט
שוין אין זיין בויך גערוט דאָס פלייש פון זיין העלדנטאַט. ער איז
געזעסן ביים פייער מיט שווערע פאַרשלאָפענע אויגן און אין האַלבן
חלום נאָכאַמאָל זיך פאָרגעשטעלט די געשעענישן פון יאַגד.

אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן די בראָט־שפּיז, געשפּילט
זיך מיט איר, געצייכנט שטריכן אויף דער ערד. און פּלוצלינג,
האַלב אומבאַוווסט, האָט ער געגעבן די שטריכן אַ געשטאַלט:
אַ לאַנגער שטריך — דער רוקנביין פונם אויעראָקס, צוויי קורצע
שטריכן פאָרנט: די פאָדערשטע פיס, צוויי אונטן: די אונטערשטע
פיס, און נאָך איין שטריך פאָרנט: דער קאָפּ! אַ מאָדנער שוידער
האָט דורכגענומען זיין לייב. אָט שטייט פאַר אים די ריזיקע חיה,
וואָס איז אויף אַ צויבערדיקן אופן, דורך שטריכן אויפן זאַמד

צוריק אויפגעוועקט געוואָרן צום לעבן. אָגי האָט געצייכנט דאָס ערשטע בילד.

דאָן האָט אים אַרומגענומען אַ פּחד. ער האָט געלעבט אין אַ וועלט פון שרעק, תּמיד געמוזט פריער טון, איידער ער האָט זיך נאָך דערוועגט צו טראַכטן. ער האָט אָנגעהויבן האַסטיק שאַרן אויפן זאַמד, ביז יעדערער שפּור פון דער פאַרכשופטער חיה איז פאַרשוווּנדן. מיט מורא האָט ער אַ קוק געטון הינטער זיך, מורא געהאַט אַרויסצורופן דעם גייסט פונם אויעראָקס דורך דעם אומ־היימלעכן נייעם צויבער אין דער הייל, און ער האָט געוואָלט זיך איבערצייגן, צי די אַנדערע מיטגלידער פונם שטאַם, וואָס זענען איינגעקורטשעט געשלאָפן ביים פייער, האָבן, חלילה, נישט באַמערקט זיין ריזיקאַלישע דרייסטקייט.

אָבער ס׳איז גאָרנישט געשען קיין שלעכטס. דאָס פליייש אין אָגיס בויך האָט זיך אין יענער זומערדיקער נאַכט נישט פאַר־וואַנדלט אין בייזע גייסטער, דער בליץ האָט אים נישט דורכגעלע־כערט מיט זיין שאַרף, אַ וואָרצל פון אַ בוים איז אויף אים נישט אַרויפ־געפאַלן. און אַזוי איז געשען, אַז צומאָרגנס אין אָוונט האָט אים ווידער באַהערשט אַ געדאַנק צו מאַכן דעמדאָזיקן פּרווו. ער האָט זיך דערמאָנט די נעכטיקע שטריכן, און איינגעקורטשעט ביים פייער, האָט ער געפּרוּווט דעם צויבערדיקן אויעראָקס נאָכאַמאָל אַרויס־צורופן, ווי ער שאָקלט אַזוי מיטן קאָפּ און ווי ער רעכנט זיך אָפּ מיט זיינע שונאים. און שפּעטער האָט שוין אָגי אַ פּרווו געטון עפּעס דרייסטערס: ער האָט אויפגעצייכנט אַ גלייכן שטריך, הינטער דעם צוויי שטריכן ווי צוואַנגען, אינדערהויך אַ ראָד: אָגי אַליין, אַ טאָפּעלער אָגי, וואָס פאַרטיידיקט זיך מיט זיין לאַנגער שפּיז קעגן אָנגריף פונם אויעראָקס.

און נישט איינמאָל איז אים דאָס אַלץ אויסגעקומען ווי שוואַרצקינסטלעריי. אָגי איז נישט קראַנק געוואָרן און, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, נישט געטראָפן געוואָרן דורך דער שאַרף פון אַ בליץ און נישט דער וואָרצל פון אַ בוים איז אויף אים אַרויפגעפאַלן. פּאַמעלעך איז אים איינגעפאַלן נייע אידעען. דורך צוויי שטריכן האָט ער אָנגעצייכנט דעם קערפּער

פונם אויעראָקס, מיט קליינע שטרייכעלעך — די האָריקע פעל און מיט אַ ראָד האָט ער געשאַפן די אויגן פון דער חיה, וואָס האָט געקוקט אויף אָגין פול מיט האַס און געלאָצט אים קוקן אויף זיך, ווי עס איז נאָך קיינער פון זיינע שטאַם-חברים נישט אָנגעקוקט געוואָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער גרויסער כשוף-כוח איז נישט לאַנג געהאַלטן געוואָרן בסוד. אָגי האָט געפילט אַ געוואַלטיקן דראַנג צו ווייזן פאַר זיין שטאַם זיין ניי-געשאַפענעם אויעראָקס, און געפילט צוליב דעם זייער אַ גרויסע אויפרעגונג. די מיטגלידער פון זיין שטאַם האָבן מיט אַ געמורמל באַשטעטיקט, אַז ס׳איז דאָ געשען עפעס אַ וווּנדער. זיי האָבן תיכף דערקענט דאָס באַשעפעניש: אַן אויעראָקס, אָן ספק! זיי האָבן געשריגן פאַר פרייד, קוקנדיק אויף דער גרויסער ענלעכקייט.

(נייןאונניינציק טויזנט ניינהונדערט דרייאונזעכציק יאָר שפּע־טער, ווען דער מחבר פונם דאָזיקן בוך איז נאָך געווען אַ קליי־ינגל, האָט ער אין עס-צימער פון אַ דייך הויז, וווּ ער האָט טייל־מאָל געוויילט אויף אַ באַזוך, געזען דריי בילדער, וואָס האָבן אַרויס־גערופן גאַסטראָנאָמישע געפילן. דאָס ערשטע בילד האָט פאָרגע־שטעלט דריי פלוימען אויף אַ טעלער, דאָס צווייטע — אַ האַלב טוץ פישעלעך צונויפגעבינדן אויף אַ שנירל, דאָס דריטע — צוויי קוראָ־פּאַטוועס אויפגעהאָנגען ביי די העלדזער, און אָגים שטאַם - חברים, וואָס האָבן זיך איצטער אָנגערופן „די סוחרים - און אינדוסטרי־פאַריייניקונג פון באַלטימאָר”, זענען געזעסן אַלס געסט אינם דאָ־זיקן צימער און באַוווּנדערט דעם גרויסן כשוף. דאָס זענען געווען קונסטווערק. אַלע האָבן געוווּסט דאָסדאָזיקע און זיי האָבן אַפילו געוווּסט פאַרוואָס. זיי האָבן גערעדט וועגן די פיש: — מ׳קאָן זען ווי די שופּן גלאַנצן. און וועגן די פלוימען: — מ׳קאָן אָפּרייבן פון זיי די הויט. און וועגן די קוראָפּאַטוועס: — מ׳קאָן זיך איינגראָבן במעט מיט די הענט אין די פעדערן!)

ווען די ערשטע אויפרעגונג איז פאַרשוווּנדן, האָבן די איינ־וווינער פון דער הייל דערפילט אַ פּאַנישע שרעק. דער אויעראָקס איז געווען אַ מוראדיקע חיה. עס איז גענוג שווער אָנגעקומען, איידער מ׳האָט אים געקאָנט לייגן. אָבער אויפסניי אַרויסצורופן

זיין צאָרנדיקן גייסט, וואָלט געהייסן אויף צו־להכעיס טון דעם שיקזאַל. אויפן הייליקן באַרג, קעגנאיבער דער הייל, האָט געלעבט דער גרויסער יעגער, וואָס האָט געשאַפן די אויעראָקסן־סטאַדע. ער וועט אויף זיכער דערפילן אַן אייפערזוכט צו דעם נייעם שעפער פון זיין חיה. בלויז דער בשופמאַכער פונם שטאַם, וואָס האָט אויפגעזוכט דעם גרויסן יעגער און וואָס האָט געקאָנט די כּללים פון בשוף, — נאָר ער האָט געמעגט טרייבן כּשוף, דאַקעגן אַ געוויינלעכער מענטש האָט עס נישט געטאָרט. דערפאַר האָט דער בשופמאַכער צעטרעטן אָגים צייכנונגען, און דער ראש פונם שטאַם, דער, וואָס גיט אַרויס די געזעצן, האָט אים פאַרטריבן פון דער הייל אין דער פינסטערער נאַכט אַריין, ווו ס'האָט געלויערט דער בייזער טיגער.

(אין פאַרגאַנגענעם ווינטער איז דער מחבר פונם דאָזיקן בוך אין איינעם אַן אָוונט געשטאַנען אויף דער דרייאונפערציקסטער גאַס אין בראָדוויי, דאָרטן, ווו דער פאַרקער איז באַזונדערס גרויס, און געזען אויף אַ בנין, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצן בלאָק, לויכטן אין פיאָלעטע פלאַמען: „די צען געבאָט". ער איז אַריין אינם בנין און געזען, ווי אויף אַ זילבערנעם גלאַנצנדיקן לייוונט פאַלן בליצן, עס קנאַלן טעאַטער־דונערן, און פון די בליצן און דונערן האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן דאָס צווייטע געבאָט: „דו זאָלסט דיר נישט מאַכן קיין שום בילד און קיין שום געשטאַלט, וואָס אויבן אין הימל און וואָס אויף דער ערד אונטן און וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד").

אָגי האָט אויסגעפונען פאַר זיך אַ נייע הייל און בייגעקומען דעם בייזן טיגער. נישט די קללות פונם מכשף, און נישט די צען געבאָט פונם גרויסן יעגער האָבן נישט געקאָנט פאַרטרייבן די שווידערלעכע זכרונות, וואָס ער האָט געפילט, בעת ער האָט געצייכנט אין יאַמד דעם גרויסן אויעראָקס. איצטער, ווען ער איז געווען אַליין, האָט ער געהאַט צייט אויף די כשוף־שטיק. ער האָט געפונען ווייכע, רויטע שטיינער און ער האָט באַצירט די ווענט פון זיין הייל מיט די בילדער פון כּלערליי חיות. און שפּעטער האָבן די יונגע מענער פונם שבט אָפּגעזוכט אים בסוד און זיך געטיילט

מיט אים מיט דעם פאַרבאַטענעם גליק.

(אויף דער הויפטגאַס פון אונזער שטאָט, קאָן איך אייך צופירן צו אַ הייל, ווו איבערן טויער פלאַמען פייערדיקע אותיות. ווען איר גייט דאָרטן אַריין, קאָנט איר געפינען אַגים כשוף פאַרבאָרגן אין קליינע באַהעלטעניש, ווהין איר וואַרפט אַריין אַ קופערשטיק און זעט אַלץ, וואָס עס איז נאָר דאָ צו זען. איין טייל פון דער הייל טראָגט אַן אויפשריפט: „נאָר פאַר מענער")

אָט איז אָבער געשען, אַז אין שבט איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן דעם אָנפירער פון שטאַם און אַ צווייטן אָנפירער און דאָסגלייכן צווישן אַן עלטסטן מיט נאָך אַן עלטערן מכשף. די אויפשטאַנדיקע, וואָס האָבן זיך דערוווּסט פון אַגים כשוף, האָבן באַשלאָסן אים אויסצונוצן. אויף אַ געהיימער זיצונג האָט דער מכשף פון די אויפשטאַנדיקע דערקלערט, אַז ער האָט געהאַט אַן אינטערוויו מיט דעם גרויסן יעגער אויפן הייליקן באַרג, און דער גרויסער יעגער אין זיין חשובער פערזאָן האָט געגעבן אַגין די מאַכט צו שאַפן די פאַרכשופטע אויעראָקסן און צו טויטן זיי אויף די צויבערדיקע געיעגן. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: דער מכשף האָט געגעבן צו וויסן, אַז אַגי איז אַן אינספּירירטער קינסט-לער. אויב אַגי און זיינע פריינט וועלן מיטהעלפן דער נייער פּאַרטיי צו דערגרייכן די מאַכט, דאַן וועט אַגי דערקלערט ווערן פאַר הויף-מאַלער און זיינע צייכענונגען — פאַר אַ הייליקייט. זעלבסט-פאַרשטענדלעך, איז אַגי און זיינע פריינט באַגייסטערט געוואָרן פון דעם פאָרשלאָג. אייניקע פון זיינע פריינט האָבן זיך אויסגעלערנט פונקט אַזוי גוט צייכענען ווי ער. זיי האָבן פונקט ווי ער גע-וואָלט ווערן אינספּירירטע קינסטלער און באַצירן די היילן און דאָס וואָפן פון שטאַם מיט צייכנונגען.

אָבער דער מכשף פונם אויפשטאַנד האָט געשטעלט אַ תּנאי: אַגי און זיינע פריינט מוזן זיך פאַרפליכטן צו פאַרהערלעכן נאָר זיין כשופמאַכעריי. אויב זיי וועלן צייכענען אַ יאַגד-בילד, מוזן זיי אינעם דאָזיקן בילד אויסדריקן, אַז דער נייער עלטסטער פירט אָן מיט דער יאַגד, און תּמיד אים פאָרשטעלן ווירדיק און גרויס. אַגי און זיינע תּלמידים האָבן געענטפערט, אַז כל-זמן מ'וועט זיי

געבן די דערלויבעניש צו צייכענען יאַגד - בילדער ) ון אויעראַקסן, איז אים אַלצאיינס, וועלכן יעגער און וואָס פאַראַ אויעראָקס זיינע צייכנונגען וועלן פאָרשטעלן. וואָרים די קונסט האָט נישט קיין שייכות מיט פּאָליטיק און פּראָפּאַגאַנדע. דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן. דער פאַן פון אויפשטאַנד האָט געוויייעט אינם ווינט. דער אַנדערער זקן איז געוואָרן פירער פון שבט. דער נייער מכשף האָט געמאַכט זיין כשוף אונטער דער פעל פונם אויעראָקס אין דער אונטערשטער טייל פון דער הייל, און אָגי האָט פון זיי ביידע געשאַפן פיל צייכנונגען.

(איך בין דורכגעגאַנגען די פּאַלאַצן פון די קעניגן, די טעמפּלען און קאַטעדראַלעס פון אַ סך לענדער און איך האָב געזען אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות די פּאָרטרעטן פון די גרעסטע מענטשן פון אַ סך פעלקער, אָנגעטון אין פּראַכטפולע מלבושים, בלישטשנדיק צירונג און גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ. מ׳רופט זיי: קיסרים, קעניגן, פירשטן, גראַפן, פרינצן, אינדוסטרי-קאַפּיטאַנען און פּרעזידענטן פון האַנדלס-קאַמערן. איך האָב אויך געזען די בילדער און ביוסטן פון די מכשפים, וואָס מ׳רופט זיי פּויפּסטן, קאַרדינאַלן, בישאָפן, אַבאַטן און אוניווערזיטעט-רעקטאָרן, און דידאַקטיקע בילדער ווערן אַלע צוזאַמען אָנגערופן „אַלטע מייסטער”).

אַזוי אַרום איז אָגי געוואָרן הויף-מאַלער און ער האָט פאַראייביקט די העלדישע מעשים פון זיין שבט. ווען זיין שבט איז אַרויסגעטרעטן מלחמה האַלטן מיט אַן אַנדערן שבט, האָט אָגי געצייכנט בילדער, כדי אויסצודריקן דורך זיי די שיינקייט פון זיין שבט און די העסלעכקייט פונם שונא.

(ווען מיין שבט איז אַרויסגעטרעטן אין קאַמף, האָבן די הויף-באַצאָלטע מאַגאַזין-אילוסטראַטאָרן געצייכנט די איידעלע פּנימער פון שיינע יונגפרויען, ווי זיי שרייען אויס די מלחמה-אויסרופן, און דאָס גאַנצע איז אָנגערופן געוואָרן „קאַמפּאַניע פאַר דער פרייהייטס-הלחאה”. און די דערציילער פון מיין שבט זענען געוואָרן מאַרטירער און זיך גערופן „וויגיליאַנטן”).

אָגי האָט אָפּגעהיט און אַנטוויקלט זיין טעכניק, אַזוי אַז ער האָט שוין געקאָנט פאָרשטעלן כלערליי מענטשן און חיות. דער

רום פון זיין בשוף האָט זיך פאַרשפּרייט אומעטום. פון אַנדערע שבטים איז מען געקומען אָנקוקן די אויסגעצירטע היילן און צו באַוואונדערן זיין פלינקייט, און מיט פיל דרך-ארץ האָבן זיי גע-שמועסט איבער דעם אינספּירירטן קינסטלער.

אָגיס רום און זיין בשוף־שבערוי האָט אויפגערייצט די יונגע ווייבער פון זיין שבט. זיי האָבן זיך אים געוואָרפן צו די פיס און אַזוי איז געשען, אַז זיין טאַלאַנט זאָל איבערגיין צו די קינפטיגע דורות.

(אין די קונסט-גאַלעריען פון אייראָפּע האָב איך באַוואונדערט נאַנצע מיילן פון מאַדאָנעס, טרויעריקע און שמייכלענדיקע. מאַדאָנעס מיט גאָלדענע לאָקן און שוואַרצע האָר, אָבער צווישן זיי האָט זיך נישט געפונען קיין איינע, וואָס זאָל נישט זיין קיילעבדיק, מאַניקירט, געפלעגט און אָנגעטון אין סאַמעט און אין זיידנס, ווי דאָס האָט געפּאַסט פאַר אַ געליבטע פון אַ הויף-מאָלער, פון אַ פּויפּסט, קאַר-דינאַל אָדער אַבאַט.

אָגיס זין און פּעטערס האָבן פאַרפולקאָמט אָגיס אויבער-קונסט און אויסגעפינען נייע מיטלען, כדי נאָכמער צו דערהייבן די ווירקונג פון דער קונסט. זיי האָבן זיך געלערנט אויספאָרמען גע-שטאַלטן פון ליים און באַלד אויך פון האָלץ און שטיין.

(אַ קורצע צייט פאַר דער מלחמה בין איך געווען אין בער-לין, און מיינער אַ פריינט איז מיט מיר אַדורכגעפאָרן די נצחון-אַלעע, צווישן ווייסע מירמלנע געשטאַלטן אין העלמען און כלי-זין, אין קעניגלעכע מלבושים און אין פראַכט פון אַ בישאָף; סצעפּטער און שווערדן, מלחמה-העק און פאַסטאַר-שטעקנס, וואָס זענען גע-האָנגען אין דער לופט. איך, אַ פּשוטער באַרבאַר, האָב אָנגעהויבן לאַכן, קוקנדיק אויף דעם בילד. אָבער מיין פריינט איז בלייך געוואָר; און מיר געטון אַ לייג אַרויף די האַנט אויפן מויל; אָנווייזנדיק מיר אויפן דראָזשקע-קוטשער, האָט ער מיר שטילערהייט דערציילט, אַז ס'איז שוין נישט איינמאָל פאָרגעקומען, ווי אַזעלכע באַרבאַרן, וואָס האָבן געהאַט די העזה צו לאַכן פון די עלטסטע פון דעם האָענצאָלערן-שטאַם, זענען פון אַ לאַיאַלן דראָזשקע-קוטשער אָן שום תירוץ אָפּגעפירט געוואָרן אין פּאָליציי-צירקל אַריין.)

אַגים זין האָבן זיך אויך געלערנט נאָכמאַכן דאָס געזאַנג פון די פייגל, אויף אַזאַ אופן האָט זיך זיי איינגעגעבן אַרויסצורופן די אַנטציקונג פון דער ערשטער ליבע. זיי האָבן נאָכגעמאַכט דאָס קנאַלן פונם דונער און דאָס קלינגען פון כלי-זין און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי געוואָלט פאַרשטעלן די הערלעכקייט פון דער יאַגד און שחיטות.

(אין יאָר 1870 האָט דער קעדיוו פון עגיפּטן געשאַפן אַ פאָנד פון צען טויזנט פונט פאַר יענעם נאָכפאָלגער פון אָגין, וועמען עס וועט אַמבעסטן געלינגען פאַרצושטעלן די שחיטות פון זיינע אורעלטערן. היינט טוען אָן די הערן אַמוניציע-פאַבריקאַנטן זייערע אָוונט-אָנצוגן און זיי באַגלייטן זייערע פעטע, אין צירונג-גע-טונקענע ווייבער אין דער אָפּערע אַריין, כדי צו הערן זייער ליבלינגס-ווערק „אַאידאַ").

אַגים נאָכפאָלגער האָבן זיך אויך געלערנט שילדערן זייערע איבערלעבענישן אין אימיטירטע יאַגד-נסיעות. באַגייסטערט פון דער מוזיק האָבן זיי געטאַנצט אַרום פייער אין דער מחנה, אַריינגעשטאָכן אַ שפּיז אין אַ פאַרבשופטן אויעראָקס; געברילט, ווען ער איז אַ פאַל געטון אויף דער ערד, געלעקט זיך די ליפן ביים טראַכטן וועגן דעם מפלומרשטן פלייש.

דריי טויזנט דרייהונדערט דרייאונדרייסיק גענעראַציעס זענען געקומען און אַוועקגעגאַנגען און אין יעדער גענעראַציע האָבן אָגים נאָכפאָלגער געמוזט לעזן דאָס פּראָבלעם וועגן זייער באַציונג צו די עלטסטע און צו די מכשפים-פּריסטער. אָגי אַליין איז געווען אַ יעגער, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע הענט געטויט דעם אויעראָקס, צעשניטן און געבראָטן. אָבער דאָך איז שוין זייער לאַנג, ווי זיינע נאָכפאָלגער האָבן אויפגעהערט אויפצוהייבן די שפּיז קעגן דעם אויעראָקס. זיי זענען געוואָרן ספּעציאַליסטן פון דער פאַנטאַזיע. זייערע הענט זענען צוגעוווינט געוואָרן צו האַלטן די בלייפעדערס, די פּענזלען, אויטאָמאַטישע פעדערס און צו קלאַפּן אויף די שרייב-מאַשינען. אויב זיי זאָלן פאַרטריבן ווערן פון שבט, וואָלטן זיי שוין מער נישט בכוח געווען אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם בייזן טיגער און שאַפן פלייש פאַר זיך און פאַר זייערע שיינע

ווייבער. און מחמת דעם זענען זיי וואָסאַמאָל מער און מער אונטערטעניק געוואָרן דער מאַכט פון די עלטסטע און פּריסטער. זיי זענען מער ווי אַלעמאָל געצוווּנגען געוואָרן צו מאָלן בילדער און צו שרייבן ביכער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט טעמעס, וואָס אַנדערע האָבן באַפוילן. זיי האָבן וואָסאַמאָל מער געמוזט ערן און שעצן די זיטן פון זייער שבט און אויפהייבן אים איבער אַלע ערדישע און הימלישע שטאַמען.

## 2

## צו וועמען געהערט דער קינסטלער

אַגים נאָכפאָלגער האָבן געשאַפן פאַרשידענערליי קונסט־פאָרמען. די לאַנגווייליקסטע פון אַלע איז, אָן ספק, דער פּאַראַבעל, די קליינע דערציילונג, וואָס באַדאַרף זיין עפּעס אַזאַ מין מאָראַלישע לעקציע. דעריבער לאָז איך, אַזוי גיך, ווי ס'איז מעגלעך, אַגין און זיינע נאָכפאָלגער אָן אַ זייט און דערקלער אָפן, אַז דאָס דאָזיקע בוך דאַרף זיין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם קינסטלער און זיין באַציונג צום הערשנדיקן קלאַס. דאָס וועט אויפשטעלן די טעזע, אַז זינט די ערשטע צייטן פון דער וועלט־געשיכטע, קענען די קינסטלער דערגרייכן רום און דערפאָלג נאָר דורך דעם וועג: דורך פאַרהערלעכן דעם הערשנדיקן קלאַס און דינען צו אים. זיי מוזן אים פאַרווײַלן, פאַרשטעלן אים אין דער שענסטער ליכט און לערנען זיינע שקלאַפן און אונטערטאַנען, ווי אַזוי אים צו פאַרערן און מורא האָבן פאַר אים.

אינם דאָזיקן בוך וויל איך באַהאַנדלען די קינסטלער פון מיין נייעם שטאַנדפּונקט. כ'וויל פרעגן: ווי אַזוי פאַרדינען זיי זייער ברויט, וואָס טוען זיי דערפאַר? איך וויל זיי איבערדרייען די קעשענעס; זען, וואָס ס'איז דאָ אינעווייניק; דערוויסן זיך, ווי עס קומט אַהין. איך וויל זיי שטעלן די פראַגע, וואָס כ'האָב שוין אַמאָל געפרעגט גייסטלעכע, זשורנאַליסטן, אוניווערזיטעט־

פראָפעסאָרן, רעקטאָרן און לערער: צו וועמען געהערט איר און פאַרוואָס געהערט איר זיי?

דאָס בוך דאַרף זיין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער קונסט פון שטאַנדפונקט פון קלאַסן-קאַמף. עס וועט באַטראַכטן קונסטווערק, נישט נאָר אַלס אַ וועדקצייג פון פּראָפּאַגאַנדע און אונטערדריקונג, געשאַפן פונעם הערשנדיקן קלאַס, — נאָר אויך אַלס אַן אַנגריפס-מיטל אין די הענט פון נייע קלאַסן, וואָס שטרעבן צו מאַכט. עס וועלן באַהאַנדלט ווערן די יעניקע קינסטלער, וואָס זענען אָנערקענט געוואָרן פון קריטיקער-אויטאָריטעטן און עס וועט אַוועקשטעלן די פראַגע, צי האָבן זיי געדינט צו פאַרטיידיקער פון דעם הערשנדיקן קלאַס. עס וועלן אויך באַהאַנדלט ווערן די רעוואָלוציאָנערע קינסטלער, וואָס האָבן זיך געקווענקלט צו דינען די האַרן און מיר וועלן זען, וואָס פאַר אַ פּרייז זיי האָבן באַצאָלט פאַר זייער ווידערשטאַנד.

די מענטשהייט פון דער היינטיקער צייט האָט אַ גאַנץ פאַלשן באַגריף וועגן דעם, וואָס אַזוינס עס איז קונסט און וואָס זי באַדאַרף צו זיין. זייער באַגריף וועגן שיינקייט און ווערט איז פאַלש און שעדלעך. זעקס גרויסע קונסט-ליגנס זענען דאָ, וואָס מיר וועלן זיי אַנטפּלעקן אינם דאָזיקן בוך און רעדן וועגן זיי.

ערשטער ליגן: אַז די קונסט עקזיסטירט נאָר לשם קונסט גופא; אַז דער ענדציל פון קונסט, די איינציקע אמתע אויפגאַבע פונם קינסטלער, איז צו פאַרפולקאָמען די פאָרם. דערדאָזיקער ליגן איז אַ געווער, וואָס איז על-פי נוים געשאַפן געוואָרן דורך אַלטפּרעגקישע קינסטלער. דאָרטן, ווו דערדאָזיקער ליגן הערשט, איז דעגענערירט נישט בלויז די קונסט גופא, נאָר אויך די געזעלשאַפט, אין וועלכער די קונסט איז געשאַפן געוואָרן.

צווייטער ליגן: שטאַמט פון די סנאָבן, וואָס האַלטן, אַז די קונסט איז עפּעס איבערערדישעס, באַשטימט פאַר יחידים, אָבער נישט צוגענגלעך פאַר די מאַסן. איר וועט אָבער זען, אַז די גרויסע קונסט איז, מיט קליינע אויסנאַמען, פאַרשטענדלעך געווען פאַר יעדן איינציקן פון פאָלק און, אַז די גרויסע קינסטלער האָבן תמיד באַאיינפלוסט די מאַסע.

דריטער ליגן: דאָס איז די קונסט-טראַדיציע. דער באַגריף, אַז די יונגע קינסטלער מוזן זיך האַלטן בײַ די אַלטע בײַשפּילן און קענען זיך לערנען נאָר פון די קלאַסיקער. איר וועט זען, אַז די באמת לעבנס-פעיקע קינסטלער שאַפן זיך זייער אייגענע פאָרם, און, אַז אונזער הײַנטיקע קונסט-טעכניק איז נישט אונטערשטעליק לגבי יענע פריערדיקע צײַטן.

פערטער ליגן: דאָס איז דער קונסט-דילעטאַנטיזם. דער באַגריף, אַז דער צוועק פון דער קונסט איז פאַרווײַלונג און צעשטרייונג, די אָפּוועגדונג פון דער גרויער אַלטעגלעכקייט. דערדאָזיקער ליגן איז אַ פּראָדוקט פון גײַסטיקער מינדערווערטיקייט: דער אמתער ציל פון דער קונסט באַשטייט אין ענדערן די ווירקלעכקייט.

פינפטער ליגן: אַז די קונסט האָט נישט קיין שייכות מיט עטיק. נאַטירלעך, קאָן דער קינסטלער זיך נישט אָפּהאַלטן אַרויסצוזאָגן זײַן שטעלונג צו עטישע פראַגן, וואָרים יעדער פּראָבלעם פאַרמאָגט אַן עטישן מאָמענט.

זעקסטער ליגן: אַז אמתע קונסט שליסט אויס פּראָפּאַגאַנדע און האָט נישט קיין שייכות מיט פרייהייט און גערעכטיקייט. אויף דעם ענטפערן מיר אָט וואָס:

יעדע קונסט איז גלײַכצײַטיק פּראָפּאַגאַנדע. זי איז אוניווערסאַלע און זיכערע פּראָפּאַגאַנדע, טײלמאָל אומבאַוווּסט, אָבער ס׳רוב מאָל באַוווּסט.

קינסטלער און קריטיקער, וואָס האַלטן, אַז אמתע קונסט שליסט אויס פּראָפּאַגאַנדע, זאָגן דערמיט נישט מער ווי דאָס, אַז זייער פּראָפּאַגאַנדע האַלטן זיי פאַר קונסט און די פּראָפּאַגאַנדע פון אַנדערע — נישט.

יעדע קונסט באַהאַנדלט — באַוווּסט אָדער אומבאַוווּסט — די דאָזיקע פראַגן: וויאַזוי מען קאָן זײַן גליקלעך, וויאַזוי מען קאָן געבן דעם מענטשלעכן גײַסט אַ מעגלעכקייט פאַר אַנטוויקלונג. טייל קינסטלער פרייִדיקן זעלבסט-באַהערשונג, אַנדערע ווידער — גענוס. בײדע זענען זיי פרייִדיקער. טייל קינסטלער האַלטן, אַז

קונסט איז שיינקייט און זיי שאַפן ווערק פון שיינקייט, און אַזוי אַרום באַווייזן זיי, אַז דאָס קונסטווערק קאָן זיין אַ מיטל, מיט וועלכן דער קינסטלער דריקט אויס זיינע געדאַנקען וועגן שיינקייט-אידעען און וועגן יושרדיקער האַנדלונג.

וואָס אַזוינס איז קונסט? מיר ווילן טאַקע געבן אַ דעפיניציע און פּרוּוון באַווייזן איר ריכטיקייט, סיי פּסיכאָלאָגיש, ווי מיר וועלן פאַרפאָלגן דעם פּראָצעס פון קינסטלערישע שאַפונגען, סיי היסטאָריש, דורך אַן אַנאַליז פון קונסט-ווערק פון אַלע צייטן.

מיר שטעלן פעסט:

די קונסט איז אַן אָפּשפּיגלונג פון לעבן, ווי עס נעמט עס אויף די פּערזענלעכקייט פונם קינסטלער. זי באַאיינפלוסט אַנדערע פּערזענלעכקייטן דערמיט, וואָס זי פאַרענדערט אין זיי די געפילן, רופט אַרויס ביי זיי איבערצייגונגען און האַנדלונג.

פראַגע: וואָס אַזוינס איז גרויסע קונסט?

ענטפער: גרויסע קונסט-ווערק ווערן נאָר דעמאָלט געשאַפן, ווען אַ באמת-באַדייטנדע, לעבענס-וויכטיקע פּראָפּאַגאַנדע ווערט געטריבן מיט דער גאַנצער טעכנישער פולקאָמענהייט פון דער געגעבענער צייט.

דערפון איז געדרונגען, אַז אַ באַשטימטע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז באמת באַדייטנד און לעבנסוויכטיק, קאָן נאָר אַנטשיידן די פּראַקטישע דערפאַרונג פון דער מענטשהייט. דער קינסטלער אַליין קאָן איבערצייגן, אַז זיין באַזונדערע פּראָפּאַגאַנדע איז אַן אויסגעצייכנטע; די דערפאַרונגען פון די מענטשן, להיפּוך, קענען באַווייזן, אַז די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט נישט קיין ברעקל ווערט. און דאָס, וואָס עס איז יאָרהונדערטער בסדר אָנגעגאַנגען פאַר אַ דערהויבן קונסט-ווערק, קאָן פּלוצלינג אָנערקענט ווערן פאַר אַ ווערטלאָזע שמאַטע. דאָך, אויב דער קינסטלער געפינט אַן אמתן וועג צו פאַרשריט, אַ דאַנק דער אַרבעט פון זיין גייסט און שטרענגער דיסציפּלין פון זיין דענקען, דעקט ער אויף נייע געפילן, וואָס דערשיטערן די מענטשן; נייע געפאַרן, וועלכע די מענטשן מוזן באַזיגן,

נייע קרבנות, וואָס זיי מוזן ברענגען, נייע פרייד, וואָס זיי קענען געניסן. ער מייסטערט די טעכניק פון זיין קונסט און ער דריקט אויס זיינע איבערצייגונגען קלאָר און לעבעדיק, — דאַן, און נאָר דאַן, איז ער בכוח צו שאַפן דאָס אמתע אומשטערבלעכע קונסט־ווערק.

דאָס אַלץ איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָפּהענגיק פון דעם זין, וואָס מיר געבן דעם וואָרט: פּראָפּאַגאַנדע. מיר מוזן דאָסדאָזיקע וואָרט ווי געהעריק צופּאַסן. דער לעקסיקאָן, למשל, דעפינירט פּראָפּאַגאַנדע: אַלס אַ סיסטעמאַטיש באַוועגנדיק שטרעבן צו דערווערבן אונטער־שטיצונג פאַר אַ געוויסער איבערצייגונג אָדער טאַט. די פּראָפּאַ־גאַנדע קאָן זיין גוט אָדער שלעכט, לויט איר אינהאַלט, אָדער לויט די מאָטיוון פון די פּראָפּאַגירער.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז געוויסע מיינונגען און איבערציי־גונגען קאָנען אונז לחלוטין ווייטער נישט אָנגיין. אָבער וויבאַלד מיר באַגעגענען זיי אין אַ געדיכט אָדער אין אַ קונסט־ווערק, ווייזן זיי זיך אונז אַבסאָלוט נישט אויס טענדענציעז. אָט לאָמיר, למשל, נעמען אַ ליבלינג־טעמע פונם דיכטער: דאָס באַפרידיקן דאָס נאַטירלעכע ליידנשאַפטלעכע געפיל. דאָס איז אַן אָנגענעמע זאַך, און דער דיכטער, וואָס באַווייזט עס אונז, דערוועקט נישט ביי אונז קיין שום אומצוטרוי אָדער פּראָטעכט. אָבער, דעמאָלט ווען עס האַנדלט זיך אין אידעען, וואָס פאַרלאַנגען פון אונז קאָנצענ־טרירטע אויפמערקזאַמקייט און אָנגעשטרענגטן ווילן, דאַן מאַכן זיי אונז אומרויק, ווירקן אויף אונז אָפּשטויסנדיק און שווער, אַזוי אַז מיר פאַרוואַנדלען דאָס וואָרט אין אַ ביליקן אויסדרוק. דער אַלטער דיכטער העריק ראָט אונז:

„פּליקט די רויזן־קנאָספּן, ווי לאַנג איר קענט,
וואָס ס'איז פאַרביי קערט קיינמאָל שוין נישט צוריק,
די בלום, וואָס טוט נאָך היינט אַ שמייכל,
מאָרגן וועט זי שוין זיין טויט".

אָט דאָ איז אויסגעדריקט געוואָרן אַ נאָכגיביקע שטעלונג לגבי דעם לעבן. דער דיכטער גיט אונז זיין עצה אין פערזן, פאַר־באָרגן אונטער אַ שיינעם משל, דערפאַר איז די עצה אַ ליד.

וואָלטן מיר עס באַצייכנט פאַר טענדענציעז, דאַן וועלן אַלע קרי־טיקער איינשטימיק דערקלערן, אַז דאָס איז אַ לעבערלעכע גוזמא. להיפוך דערצו באַטראַכט די פאַר שורות פון מתי אַרנאַלד:

> נאָך אַן אָנגריף, דאַן פאַרשטומט!
> לאָזט די זיגער, ווען זיי קומען,
> ווען עס פאַלן מויערן פון שטות,
> וועלן אייערע לייבער זיך געפינען אויף די באַריקאַדן".

אָט דאָ פאַרלאַנגט מען דעם היפוך. דער דיכטער פאַרלאַנגט פון אונז, אַז מיר זאָלן קעמפן פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. פונקט ווי העריק, האָט ער אויך אויסגעקליבן דעם משל, אַרויס־געבראַכט זיינע פאַרלאַנגען אין מעלאָדישע ווערטער. ווען מיר נעמען דאָס אַלס דיכטונג, האָבן זיינע פערזן דעמזעלבן ווערט, וואָס העריקס. זאָלן מיר אָבער דאָס געדיכט אָנרופן טענדענציעז, דאַן וועט אַפילו דער קריטיקער דערפאַר נישט האָבן צו אונז קיין טענה.

פונקט דאָסזעלבע קומט פאַר ביים קלאַסן־קאַמף. באַהאַנדלט דער מענטש די קונסט, צי די ווירקלעכקייט, — איז ער שטענדיק גענייגט אָן שום קריטיק אויפצונעמען די געגעבענע געזעלשאַפט־לעכע אָרדנונג און צו באַוווּנדערן די גרויסע, שטאַרקע און רייכע. אָבער אַריינצוקוקן טיפער און זען, אַז אין די נשמות פון די „שמוציקע, מיאוסע" אַרבעטער, לעבן אָפטמאָל העכערע אייגנ־שאַפטן און אומגעהויערע העלדישקייטן — דאָס איז פאַר אַ סך מענטשן זייער פיינלעך. אַזעלכע און ענלעכע אידעען צערייצן דעם מענטשן און ער טראָגט אַריבער זיין אידערווילן אויף די, וועלכע ער באַקעמפט. דערפאַר דערקלערן אַלע אָרטאָדאָקסישע קריטיקער, אַז יעזוס און טאָלסטאָי זענען געווען פּראָפּאַגירער, און שעקספּיר מיט געטע זענען געווען ריינע שעפערישע קינסטלער. דער אונ־טערשיד צווישן קונסט און פּראָפּאַגאַנדע איז אַ ריינער קלאַסן־אונטערשיד און במילא שוין פון זיך אַליין אַ פּראָפּאַגאַנדע־ווערקצייג פון דעם הערשנדיקן קלאַס, אַ מיטל, צו פאַרטומלען די מענטשן און צו האַלטן זיי אין דער געפענגעניש פון פאַלשע לעבנס־און־קונסט־אָנשויאונגען.

## 3

# די קונסט און די פערזענלעכקייט

די עלעמענטאַרע התחלה האָט די קונסט געהאַט אין דעם פּרווו אָפּצושפּיגלען די ווירקלעכקייט פון די מענטשן, ראשית, כּדי צו דערהאַלטן פאַר זייער אייגן געדעכעניש; והשנית, כּדי איבער-צולאָזן זי פאַר ווייטערדיקע דורות. פּונקט ווי אַגי וועט זיך באַמיען וואָס לענגער צו געניסן דאָס פליייש פון ווילדן אָקס, אַזוי וועט ער, ביים דערמאָנען זיך פון געניסן אים, תּמיד קוקן אויף זיין בילד און פּונקט ווי מיטן פונאַנדערטיילן דאָס פליייש פון ווילדן אָקס אויף אַ סעודה, קאָן ער זיך אויך פאַרשאַפן כּבוד און אָנזען דורך אַ ליד אָדער מיט אַ בילד פון ווילדן אָקס, דורך שילדערן די יאַגד אָדער אַן אויסדרוק אין טאַנץ.

אין דעם פאַל שטויסן מיר זיך אָן אויף צוויי סיבות. די צווייטע סיבה איז מייסטנס אַ סאָציאַלע. דערדאָזיקער פאַרלאַנג, איבערצוענטפערן געדאַנקען און געפילן צו אַנדערע, ווערט דער הויפּטמאָטיוו פון קונסט און דער אַנטשיידנסטער פאַקטאָר פון איר ווערט. מיר טיילן זיך מיט אַגים דעריגערונגען וועגן דער יאַגד, זיין פרייד, זיינע קאַמפן, זיין טריומף, מיט דער גוואַלטיקער מאַסע ברוטאַלן, אָן שכלדיקן כּח. אַט טוט עס איינמאָל אַ פּרווו ביי אייערע אייגענע קליינע אַגים און איר וועט זען, אַז ס'וועט זיי קיינ-מאָל נישט צוגעגעסן ווערן אויסצוהערן די מעשהלעך פון יאַגד און אַז זיי — אָפטמאָל טרעפט עס — בעת זיי הערן אוים די דערציילונגען, פאַרטיפן זיי זיך אין אַ גייסט פון אַן אַנדער לעבן און אין אַ סאָציאַל

וועזן. אויף אַזאַ אופן האָט דאָס מענטשלעכע געשלעכט דורך יאָרהונדערטער אַנטוויקלט זיין גרויסע ציוויליזירנדיקע קראַפט, די איבערגעלעבטע פאַנטאַזיע, וואָס האָט געשאַפן נאַציעס פון שבטים און וועט פון די נאַציעס לסוף שאַפן די פאַראייניקטע מענטשהייט.

דער געניוס, וואָס עס שענקט אונז אַ בילד, אָדער אַ שילדערונג פון דער ווירקלעכקייט, איז קאָמפּליצירט און פאַרשידנאַרטיק. דאָ האָבן מיר פריער פאַר אַלץ דאָס פאַרגעניגן פון דערקענען די פּרימיטיווע פרייד ביים אויפבינדן רעטענישן. ביי אַ מערער אַנטוויקלטער פאָרם איז אַפילו מעגלעך צו דערקענען די איינצלהייטן: — דאָס איז דער אַלטער שמידט — זאָגן מיר — „ער האָט נאָך אַפילו דאָס וואָרצעלע אויפן נאָז”. אָדער מיר זאָגן: „מ'קאָן זען ווי די שופּן גלאַנצן”, „מ'קאָן ממש אָפּרייבן פון זיי די הויט, איינגראָבן כמעט די הענט אין די פעדערן”. צי איז דאָס אָבער דאָס וויכטיקסטע אין דער קונסט? משמעות, אַז נישט — וואָרים אַנדערש וואָלטן אָגיס נאָכפאָלגער לחלוטין אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. ווען מיר זאָלן באַטראַכטן אַ פאָטאָגראַפיע דורך אַ מיקראָסקאָפּ, וואָלטן מיר געפינען אויף איר אָן אַ צאָל נייע איינצלהייטן. דאָס איז אַ ווייט גרעסערער כשוף, ווי עס וואָלט געשאַפן אָגיס אַ זון אָדער זיינס אַ פעטער.

אָבער, ווען מיר נעמען אָן, אַז די מיקראָפאָטאָגראַפיע איז העכסטע קונסט, וועט אויך דאַן דער איינפלוס פון דער פּערזענלעכקייט נישט זיין קיין בייזאַך. אַפילו דאַן פאַרבלייבט נאָך תמיד די פראַגע: אויף וואָס ווערט אָנגעשטעלט דער אָביעקטיוו?

דער ערשטער קינסטלער, וועלכן איך האָב דערקאָנט אין מיין לעבן, איז געווען אַ מאָלער, דער פאַרשטאָרבענער דזש. ג. בראָון. ער האָט געמאָלט ציייטונגס-יונגען, פּויערן און יענע כאַראַקטעריסטישע אַלטע טיפּן, וואָס זיצן אין די קליינע דאָרפס-קרעמלעך. יונגלוויז האָב איך זיך אָפטמאָל צו אים צוגעקוקט ביי דער אַרבעט, כ'האָב דורכגעוואַנדערט מיט אים דאָס לאַנד צו זוכן סוזשעטן. נאָך היינט דערמאָן איך מיך צוויי זאַכן, וואָס האָבן דעמאָלט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק: זיין געדיכטע גראָע באָרד און ווי ער איז געוואָרן אויסער זיך, בעת איך האָב אים

געבעטן צו מאָלן אַן אַלטן מלחמה-וועטעראַן, וואָס האָט פאַרלוירן זיין האַנט. שרעקלעך פאַרמלאָז, שווידערלעך. קיינמאָל קאָן נישט אַ קינסטלער אויסקלויבן פאַר זיך אַזאַ מין סוזשעט!

אַז איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך אַנטדעקט, אַז אַ סך פון די גרעסטע קינסטלער שטעלן אָפטמאָל פאַר צעקאַלעטשעטע און פאַרמלאָזע בילדער. איך האָב געזען „אַלטע מייסטער", וואָס האָבן פאַרגעשטעלט קרייציקונגען און טאָרטורן, כ'האָב געזען די אַלפּן-בילדער פון דאַדע און די מלחמה-בילדער פון ווערעשטשאַגין, און אַזוי האָב איך זיך אויסגעלערנט באַגרייפן דעם חילוק צווישן יענע, וואָס האָבן געוואָלט אויספאָרשן די טיפקייט פון דער מענטשלעכער נשמה און יענע, וואָס האָבן זיך באַפרידיקט מיטן בייפאַל פון קינדער און פון קינדישע דערוואַקסענע. דער פאַרשטאָרבענער דזש. ג. בראַון איז געווען אַ רעאַליסט, דאָס הייסט, ער האָט אויסגעקליבן אַ געוויסן קעגנשטאַנד און אים געמאָלן אַזוי, ווי ער האָט אים געזען. אָבער אַזוי ווי ער האָט פאַרמאַכט זיין קינסטלעריש אויג, וואָס איז בכוח געווען אויפצונעמען ווייטיק און אומדערפאָלגרייכקייט, האָט ער מיט זיינע לעבנסווערק נאָר איבערגעלאָזט אַ געפעלשטע סענטימענטאַלע פאַרשטעלונג פונם לעבן.

אַ סך קינסטלער שאַפן ווייט שטאַרקערע ווערק, ווי עס איז זייער פערזענלעכקייט. זיי קלויבן זיך אויס אַ קעגנשטאַנד, אָבער זיי געבן אים נישט איבער פּינקטלעך, פאַרקערט, זיי פאַרענדערן אים גאָר, ברענגען צום אויסדרוק דעם אָדער אַן אַנדערן געדאַנק. דאָס רופט מען „אידעאַליזירן". בכלל ווערט געהאַלטן, אַז דאָסדאָזיקע וואָרט באַדייט עפּעס אַ שיינע געשטאַלט, אויף אַנטקעגנצוקומען דעם געשמאַק פונם צושויער. דאָס איז אָבער אַ פאַלשע דעפיניציע. אידעאַליזירן אַ טעמע, הייסט פאַרענדערן די טעמע לויט אַ באַשטימטע אָנשויאונג און אידעע און ברענגען דידאָזיקע אידעע צום אויסדרוק, מעג עס זיין פאַר זיי אָנגענעם אָדער אומאָנגענעם. העגרי דזשעמס האָט אָנגעשריבן אַ נאָוועלע וועגן אַ מאַלער, וואָס האָט געמאָלט אַ פאָרטרעט פון אַ באַקאַנטן מאַן. דער מאַלער האָט דערשפּירט די געמיינקייט און פאַלשקייט פון זיין מאָדעל און ער האָט דידאָזיקע מיאוסע אייגנשאַפטן געבראַכט צום אויסדרוק

אינם פאָרטרעט. ער האָט אַנטדעקט פאַר דער וועלט דעם מאַן, ווי ער איז באמת געווען. און זיין ווייב האָט אים צוליב דעם אַוועקגעוואָרפן. אויך דאָס הייסט אידעאַליזירן. און עס איז קלאָר, אַז אַ פאָרטרעט-מאַלער, וואָס באַנוצט זיך מיט אַזוינע מעטאָדן, וועט געפינען ווייניק מענטשן, וואָס זאָלן זיך לאָזן פון אים מאָלן.

וואָס עס קאָן געשען אין אַזוינע פאַלן, זען מיר שוין, בעת אַגי איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו צייכענען דעם מכשף און דעם עלטסטן פון זיין שבט. דער לעצטער גרויסער העלד פון די האָענצאָלערן, וואָס האָט געלאָזט אויפשטעלן די ווייסע געשטאַלטן אויף דער נצחון-אַלעע פון וועלכע איך האָב אַזוי חוצפהדיק געלאַכט, האָט איין האַנט אַ קורצערע, וואָס פאַרשאַפט דערדאָזיקער איינגעבילדעטער פאַווע-נשמה אומגעוויינלעכע פיין. איר וועט אָבער באַמערקן, אַז אויף די פאָטאָגראַפיעס שטייט ער תמיד מיט דער לינקער האַנט פאַרבאָרגן. ווי זעט עס אָבער אויס מיט די צאָלרייכע פאָרטרעטן, וואָס ער האָט געלאָזט מאָלן פון זיך? גלויבט איר טאַקע, אַז ס'האָט זיך כאָטש געפינען איין מאַלער, וואָס זאָל זיך האָבן אַ קווענקל געטון נישט צו געבן אים אַ געזונט, נאָרמאַלן אָרעם? לויט די זעלבע פרינציפן האָבן אַלע אָגים פון עגיפטן פאַרגעשטעלט זייערע הערשער אין איבערנאַטירלעכער גרויסקייט, כאָטש אינדערעמתן דאַרף דער הערשער פון אַ שטאַרק קעניגרייך זיין קליין-געוויקסיק, קלענער ווי זיינע מלחמה-פירער, וואָרים ער איז פון קינדווייז אָן צעפיעשטשעט און צעקראָכן. אָבער דאָך, וואָס קלענער ער איז אין דער ווירקלעכקייט, אַלץ שטרענגער פאָדערט דער קונסט-קאָנווענט, אַז ער זאָל גרעסער געמאָלט ווערן.

אָט צוליב דידאָזיקע פאַרברעכנס טאַקע, האָט פלאַטאָן פאַרטריבן די קינסטלער פון זיין רעפובליק. אַלע צוזאמען זענען זיי שווינדלער און ליגנער, זיי צושטערן דעם מענטשנס דרך-ארץ צום אמת. אינדערעמתן איז דערדאָזיקער אופן פון אידעאַליזירן די הערשער און מלחמה-פירער אָפטמאָל גאַנץ הערלעך. דער קינסטלער איז עמפינדלעכער, ווי זיינע אַרומיקע און גראָד דאָס מאַכט אים פאַר קינסטלער. ער שרעקט זיך פאַר ווייטיק און געוואַלט און פילט אַ יראת הכבוד צו דער אויטאָריטעט. ער גלויבט, אַז זיין הערשער

שטיינז גייסטיק העכער און דערמיט וואָס ער באַמיט זיך, אַז ער זאָל אויך קערפּערלעך זיין גרעסער, ווי אַלע אַנדערע, האַנדלט ער אַלס נביא און פילאָזאָף און פאָדערט, אַז דער אינערלעכער אמת זאָל אַרויסקומען אויף דער ליכטיקייט. דערדאָזיקער פאַקט מאַכט אַ סך פון אונזערע היינטיקע קונסטווערק פאַרשטענדלעך זייער סנאָביזם, זייער אונטערטעניקייט, פּחדנות און דאָס אונטער-וואַרפן זיך דער טראַדיציע, זייער רימען זיך, אָנגעבלאָזנקייט און פויקן-קלאַפּעריי. יעדערער קליינער קאַפּע-געקרוינטער דיכטער, יעדער קרענקלעכער פאַרשוין האַלט היילִיק אַ שטאַרקן און גרויזאַמען טרוים. ניטשע מיט זיין בלאָנדער בעסטיע און קאַרלייל מיט זיין העלדן-פאַרהערלעכונג, העגלי מיט זיין ליד פון אַ שווערד, קיפּלינג מיט זיין גאָט פון אונזערע פאָטערס, וואָס איז פון די אַלטע צייטן אָן אָנ-גערופן געוואָרן דער הער פון די מלחמה-פירער.

# 4

## דער קינסטלער און זיין שכר

ביסלעכוויז הייבן מיר אָן צו דערקענען די שטריכן פון אַגיס קונסט-כללים. מיר מוזן אָננעמען צוויי זיכערע הנחות: אַגי מאָלט נישט די זאַכן, ווי זיי זענען אין דערראַמתן, און: אַגי מאָלט נישט די זאַכן אַזוי ווי מ'האָט זיי געזען. ערשטנס, איז ער עס פּשוט נישט ביכולת, ווייל ער ווייסט נישט ווי זיי זענען אין דער ווירק-לעכקייט; צווייטנס, וועט ער עס האַלטן פאַר געשמאַקלאָז, נישט שיין און אוממאָראַליש, און צוליב דעם מאָלט אַגי די זאַכן אַזוי, ווי עס דאַכט זיך אים אַז די זענען, אָדער — ווי עס טרעפט נאָך אָפטער, — ווי ער גלויבט, אַז אַנדערע גלויבן ווי זיי דאַרפן זיין.

און דאָ קומען מיר צו צו דער פראַגע: צו וואָס אידעאַלי-זירט אַגי זיינע קעגנשטאַנדן אין הסכם מיט איין באַשטימטער

אידעע און נישט מיט קיין אַנדערע? צי זענען אַזעלכע פאַקטן פשוט אונטערגעוואָרפן דעם צופאַל? געוויס נישט, ווייל די מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע האָט אירע געזעצן, וואָס מיר ווילן דאָ אויספאָרשן. אָבער וועלכע געזעצן רעגירן מיט אַגיס האַנט, מיט זיינע אויגן, מיט זיינע געהירן? וועלכע כוחות באַשטימען, אַז ער זאָל פאַר־שטעלן זיין „ווירקלעכקייט" אויף אַזאַ און נישט אויף קיין אַנדער אופן.

קודם כל, דאַרפט איר נישט פרעגן וועגן דעם אַגין אַליין, ווייל ער וועט עס אייך נישט קענען זאָגן. אַגי איז אינגאַנצן אַנ־דערש ווי אים אַליין דאַכט זיך, און ער שאַפט זיינע קונסטווערק, חלילה, נישט צוליב יענע טעמים, וואָס ער זאָגט פאַר דער וועלט: דער חברה־מאַן איז גאַנץ קלוג, מ'טראַכט אויס פאַרשידענע שפּראַך־תירוצים, וואָס ער רעדט איין נישט נאָר זיין עולם, נאָר אויך זיך גופא.

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער קינסטלער איז אויך אַ סאָציאַלער פּראָדוקט. אַ מיטגליד, וואָס איז באַהערשט פון אַלדינג, וואָס קומט פאָר אין זיין שטאַם.

אָבער דאָס לייקענט ער תמיד אָפּ מיט דעם גאַנצן ברען. ער שילדערט זיך ליבערשט פאַר אַן איינזאַמע נשמה, וואָס וווינט ערגעץ אין אַ פאַרכשופטן שלאָס, גאַלאָפּירט אַרום אין דער לופטן רייטנדיק אויף אַ באַפליגלטן הימלישן פערד, באַזוכט פון הימלישע גייסטער און געטצהט און אַרומגערינגלט פון שיינע דאַמען, וואָס מען רופט „מוזעס". אין דער זעלביקער צייט דאַרף ער פונדעסט־וועגן ליב האָבן אַנ'אמתע דאַמע און זי האָט על פי רוב קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר זיינע איינגעבילדעטע געשטאַלטן. פאַרקערט, זי הערט אים נישט אויף אָנצוווייזן דערוויל אויף די ברוטאַלע פאַקטן, אַז ער פאַרצערט יעדע פּיראָנצוואַנציק שעה אַ שטיק פלייש פון דעם אויעראָקס און אַז זי דאַרף אויך אַ שטיקל פלייש, און אַז זי דאַרף קענען, און דאָס איז דער עיקר, סערווירן דאָס דאָזיקע שטיקל פלייש אויפן בעסטן אופן פון איר שטאַם־טראַדיציע פונקט אַזוי ווי זי איז געוווינט געוועזן מיידלווייז, איידער זי האָט זיך פאַרבינדן מיט אַ קינסטלער. דער מנהג אָבער פאָדערט, אַז די גלעזער אויף איר טיש זאָלן זיין געשליפן דורך דער האַנט — אַפילו

אַ ביסל אַ זעלטנהייט — און די פּישטוכער זאָלן זיין אויסגעשטיקט דורך ריינער האַנט-אַרבעט, ווייל מאַשין-שטיקעריי איז נישט קיין „קונסט".

טעאָרעטיש קענען מיר זיך פאָרשטעלן אַן אָגי, וואָס שאַפט זיינע קונסטווערק בלויז פאַר זיינע מוזעס. אָבער אין דעראמתן האָט אַפילו דער איינזאַמסטער אַלטער אָגי עמיצן, עפּעס אַ טרייען פריינד, אָדער עפּעס אַן אַלטע באַלעבאָסטע אָדער אַפילו אַ קינד, פון וועלכן ער וויל אָנערקענט ווערן. אַפילו אַ קינסטלער, וואָס לעבט אויף אַ וויסטן אינזל האָפט אויף דעם, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט אָנקומען אַ שיף; און די יונגע בונטאַרישע קינסטלער שאַפן זייערע ווערק פאַר אַן אויסגעחלומטן פובליקום פון דער צוקונפט. דער לעצטער פאַל איז אויך געווען מיט מיר אין מיין יוגנט. סטענדאַל האָט געשריבן וועגן דעם די גרויזאַמסטע פראַזע, וואָס איז נאָר מעגלעך: „די בריוו אין דער צוקונפט קומען זעלטן אָן צו די אַדרעסאַטן".

אָגי מוז האָבן אַ פובליקום. מחמת דעם ווערט ער תמיד בעת זיין אידעאַליזירן און אַנדערע ליגנס, פאַרפאָלגט פון דעם פראָבלעם: צי וועט עס געפעלן ווערן מיין פובליקום, אין וואָסער מאָס? אין אָגיס געהירן איז נישט פאַראַן קיין שום געבורט-קאָנטראָל. אַן אַ צאָל קינדער-חלומות קומען אויף דער וועלט; עס מוז פאַר-קומען אַן אויסקלייב, אייניקע פון זיי אויפהאָדעווען און דערנערן און די אַנדערע לאָזן אויסשטאַרבן פון הונגער און באַגראָבן.

היינטיקע צייטן, ווען אָגי לעבט, ווי אַ ספּעציאַליזירטער קינסטלער, פון זיין אַרבעט, מוז ער זיך אָפּזוכן אַזאַ פובליקום, וואָס זאָל אים געבן צו עסן. און דאָ גייט שוין נישט בלויז אין די עקס אויעראָקט-קאָטלעטן יעדן טאָג פאַר אים און פרוי אָגי, נאָר אויך אין דער מעגלעכקייט פאַר פרוי אָגי צו סערווירן דאָס עסן אויף אַזאַ אופן, ווי עס פאָדערט איר סאָציאַלע שטעלונג. איך פאַרשפּאָר שוין, דאַכט זיך, צו באַטאָנען, אַז אָגי קען בשום אופן נישט שאַפן קיין אמת קונסט-ווערק, בעת פרוי אָגי שרייט און קריגט זיך אין דער הייל.

אָט אַזאַ סתירה לעבט שוין אין דער נשמה פון קינסטלער

אפשר דרייטויזנט דרייהונדערט דרייאונדרייסיק גענעראַציעס און ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך. צווישן אָגים גייסטיקע קינדער זענען פאַראַן אַ היפּשע צאָל, וואָס ער האָט זייער שטאַרק ליב, וואָס האָבן אָבער נישט קיין דערפאָלג. אַנדערע ווידער, וואָס ער פאַראַכט, ווערן אויפגענומען פון פובליקום מיט התפעלות און זענען גוט באַצאָלט. וועלכע זאָל ער אויסוויילן?

די ענטפערס זענען אַזוי פאַרשידנאַרטיק, ווי די נשמות פון די קינסטלער. מיר וועלן קענען מאַכן אַ שפּאַציר אין משך פון די יאָרהונדערטער און זיך איבערצייגן, אַז אַלעמאָל שטייען ווידער אויף העלדישע און מאַרטירערישע קינסטלער, וואָס שאַפן דאָס, וואָס זיי האַלטן כאַר ס׳בעסטע, צו־להכעיס זייערע יסורים, דעם הונגער, די תפיסה, און אַפילו דעם שייטערהויפן. אַוודאַי זענען אַזעלכע באַדינגונגען נישט גינציק צו שאַפן מייסטערווערק. די אַנטוויקלונג פון דער קינסטלערישער טעכניק פאָדערט גאַנצע צענער יאָרן פון אַרבעט און שטודיום. אָן אינטענסיווער און כסדרדיקער קאָנצענטראַציע איז אינגאַנצן אוממעגלעך צו שטודירן די געפילן פון אַנדערע און אַרויסצוגעבן זיי, ס׳איז אוממעגלעך צו שאַפן נייע פאָרמען, צוזאַמענצושטעלן מיליאָנען נאָטן, ווערטער, מאָלעקולן פון פאַרבן צו בילדער. אָן אַ פרייען קאָפּ, רויקייט קען עס נישט באַווייזן קיין איין מענטש; ער וועט עס אָבער אויך נישט קענען באַווייזן, ווען ער וועט זיך אַליין צוליב דידאָזיקע זאַכן פאַרגוואַלדיקן. דעריבער האַלטן מיר פאַר איינעם פון די פונדאַמענטאַלסטע קונסט־כללים:

די מערהייט פון די דערפאָלגרייכע קינסטלער פון אַלע ציַיטן זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן האַרמאָנירט מיטן גייסט פון זייער צ י י ט און זיך געפילט איין האַרץ מיט די הערשנדיקע כוחות.

## 5

## די אומשטערבלעכע

ווער באַצאָלט די קונסט? אויף יעדער מדרגה פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג זענען פאַראַן באַשטימטע גרופּן, וואָס זענען אין דער לאַגע צו צאָלן פאַר באַשטימטע קונסט-אופנים. מעגן די דאָזיקע גרופּן זיין גרויס אָדער קליין, אָבער פאַר דעם אָדער יענעם קינסטלער שטעלן זיי שטענדיק פאָר „דאָס פובליקום" און באַשטימען דעם כאַראַקטער און די קוואַליטעט פון זיינע ווערק; ווער עס באַצאָלט דעם כּלי-זמר, קען זיך אויסביטן, וואָס ער זאָל שפּילן. איך פאַרשפּאָר, דוכט זיך, צוצוגעבן, אַז די אַלע ראָיס-אויטאָס ווערן נישט געמאַכט לויטן געשמאַק פון די שמאַטע-קלויבער אָדער קאַנאַל-רייניקער, נישט לויטן געשמאַק פון די דיכטער און הייליקע, נאָר לויטן געשמאַק פון יענע לייט, וואָס קענען זיך אַזאַ ראָלס-ראָיס-אויטאָ איינקויפן. ווען אונזערע מיינונגען וועגן קונסט וואָלטן נישט פאַרדאָרבן און געפעלשט געוואָרן דורך פאַלשער פּראָפּאַגאַנדע, וואָלט עס אונז אויסגעקומען גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר זאָלן פאַרשטיין אַ קונסטווערק נאָר דאַן, ווען מיר וועלן פאַרשטיין דאָס פובליקום, וואָס האָט דאָסדאָזיקע קונסטווערק באַשטעלט און באַצאָלט דערפאַר.

איינקע קינסטלער זענען טאַקע ביליקער ווי די אַנדערע. באַלאַדן און לידער קאָסטן גאָרנישט, מען קען זיי דיכטן און זינגען זיי אין די גאַסן. דאָס איז טאַקע די סיבה, וואָס באַלאַדן

זענען פאָלקסטימלעך, פשוט, מענטשלעך און על פּי רוב רעוואָלוצ-יאָנער. דאָס אייגענע אויך מיט לעגענדעס און ליבע-לידער. ערשט נאָכדעם, ווען די מענטשן האָבן זיי אָנגעהויבן צו דרוקן אין ביכער, האָבן זיי אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען, וואָס האָבן געפּאַסט פאַר יענע לייט, וועלכע האָבן געגוג געלט זיך אָפּצוגעבן מיט פאַנטאַסטישע פּראָדוקטן.

אָנהויבנדיק נאָך מיט די פּרימיטיווע קונסט-פאָרמען איז עס מעגלעך געוואָרן צו רעגולירן און צו קערעווען די קונסט מיט איר טייערקייט, כּדי זי זאָל זיך אַזוי אַרום צופּאַסן צום אַריסטאָקראַטישן גייסט און צו די אידעאַלן פון די הערשנדיקע קלאַסן. פון אָט די אַלע ענלעכע קונסט-פאָרמען איז די אָפּערע די טייערסטע, און מחמת דעם איז נאָך ביז איצט נישט געווען קיין אמת-פּראָלעטאַרישע אָפּערע, אויב מירן נישט וועלן מאַכן קיין אויסנאַם פאַר דעם „רינג פון די ניבעלונגען", וואָס האָט באַהאַלטן זיין טענדענץ אין אַ מעשהלע אַזוי געשיקט, אַז נאָר אַ בערנאַרד שאָו האָט גע-קאָנט זיין פעיק אויפצודעקן זיין רעוואָלוציאָנערן זין.

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָב איך איינמאָל אין ניו-יאָרק גע-רעדט מיט אַן איינפלוסרייכן אינדוסטרי-הערשער, איך האָב גערעדט מיט אים וועגן דער קאָרופּציע פון אונזערע ריכטער און ער האָט מיר אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל: „אונזערע ריכטער ווערן נישט געקויפט, נאָר אויסגעוויילט". דאָס אייגענע קומט פאַר אויך מיט אונזערע דערפאָלגרייכע קינסטלער. ביי זיי האַנדלט זיך עס אין מענטשן, וואָס האַלטן זיך אינסטינקטיוו ביים הערשנדיקן קלאַס און דינען פרייליך און פריידיק זייערע האַרן. אויב זיי טוען עס נישט, באַצאָלן זיי פאַר זייער פאַרברעכן מיט אַ לעבן פון קאַמף און חרם. יאָ, ווען זיי זענען אָרים וועלן זיי נישט איינמאָל אַרויסרופן די דאַנקבאַר-קייט פון דער צוקונפט, ווייל זייערע טרוים-קינדער שטאַרבן אומ-געבוירן און צוזאַמען מיט זיי ווערן זיי גופא באַגראָבן אין פאַרלאָ-זענע אומבאַקאַנטע קברים. מיר ווילן אין דעם דאָזיקן בוך שטודירן די קינסטלער פון דעם גרויסן קונסט-פּעריאָד, וואָס זיי זענען געווען, און אין וואָס זיי האָבן געגלויבט, און ווי אַזוי זיי האָבן פאַרדינט אויף זייער חיונה, וואָס זיי האָבן געטון פאַר יענע, וועלכע האָבן זיי

באַצאָלט. און מיר וועלן איינזען, אַז כמעט זיי אַלע האָבן געהאַט די אינטערעסן און די פאָראורטיילן פון זייערע קלאַסן, זייער שנאה און פחד, זייער ליבע, קנאה און באַוווּנדערונג. זיי זענען געווען אונטערגעוואָרפן דעם סאָציאַלן איינפלוס פון זייער צייט און ליידנשאַפטלעך געקעמפט אין דער שלאַכט אויף דער זייט פון זייער קלאַס. וואָרים דאָס לעבן שטייט נישט שטיל. ס'פאַרענדערט זיך אָן אויפהער, שטעלט צו זיינע קרבנות תמיד נייע געפאַרן און צווינגט זיי צו נייע אָנשטרענגונגען. דער הערשנדיקער קלאַס ווערט באַדראָט, אָדער פון אויסערלעכן פיינט, אָדער פון אַ נייעם אינערלעכן קלאַס, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון דער געזעלשאַפט גופא. אין דער צייט, ווען עס הערשט אָרדענונג און ווילשטאַנד, אַנטוויקלט זיך דער לוקסוס און די ליידיקגייעריי: כלערליי נייע זאַכן שרעקן איבער די אַלטע, די מאָדערנע געדאַנקען גראָבן אונטער די אַלטע דאָגמעס, די עבירות פון די דערוואַקסענע מענער גייען איבער צו קינדער.

אַזוינע אומגליקן מוזן באַזייטיקט ווערן, די שונאים פון פאָלק מוזן באַזיגט ווערן. וואָס זאָל דעם הערשנדיקן קלאַס שטערן אָנצוגרייפן דאָס בעסטע ווערקצייג: די קונסט? דער קינסטלער געהערט פולשטענדיק צו זיי. אָגי ווערט באַשטימט פון זיינע האַרן, אָדער ער דינט זיי אפשר אַליין, פון זיין אייגענעם ווילן, פירט־אָן מיט דעם קרייץ־צוג, פאַרהערלעכט די „גוטע אַלטע צייטן", די העלדישע אבות, די הייליקע און די געזעצגעבער און וואַרפט מיט שפּאָט און חוזק אויף די קורץ־געשוירענע האָר פון די „יונגע מיידעלעך". די קריטיקער קומען מיט אַ ליאַרם באַגריסן אָגין אַלס געטלעכן מייסטער, אַלס שעפער פון מייסטער־ווערק, אַלס בכבודיקן געזעצטן קינסטלער, וואָס איז זיכער מיט זיין אומשטערבלעכקייט: — דאָס איז קונסט — שרייען די קריטיקער — דאָס איז עכטע, אומגעפעלשטע, אויטענטישע קונסט. אין דרויסן, אין דער ווילדעניש יאָמערט אַן איינזאַמער גראָער רעוואָלוציאָנערער וואָלף, וואָס וויל אָנגרייפן און פאַרשלינגען די גאַנצע שיינקייט און די הייליקייט פון לעבן — דער דאָזיקער געיאָמער פון וואָלף איז נישט קונסט. ער איז נישט מער, ווי גאַנץ געמיינע, ביליקע, אומקינסטלעריש[illegible]אָפּאַגאַנדע.

די קריטיקער שטייען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז זייער אורטייל איז נישט מער, ווי אַ פראַזע פון עסטעטיק. מיר אָבער ענטפערן זיי: ניין, ס׳איז נישט מער, ווי אַ פראַגע פון קלאַסן־פּרעסטיזש. די קריטיקער שטעלן פעסט, אַז דער מאַסשטאַב פון קונסט איז אַן אייביקער, מיר אָבער ענטפערן: ניין, ער ווערט פאַרווייעט דורכן שטורם פון פּאָליטיק. קלאַסן באַקעמפן זיך איינער דעם אַנדערן, טייל ווערן באַזיגט און זייער הערלעכקייט ווערט פינסטער, זייער קונסט גייט־אונטער, אַנדערע זענען מנצח, שטעלן אויף נייע מאַסשטאַבן, וואָס זענען אין הסכּם מיט זייערע אינטערעסן. אייביקע פאַקטאָרן זענען אייביקע פאַרלאַנגען פון דער מענטשהייט נאָך יושר, ברודערלעכקייט און חכמה. נאָר אויף אַזוי ווייט, וויפיל די קונסט וועט זיי דינען, האָבן זיי אַן אויסזיכט אויף אומשטערבלעכקייט.

## 6

## קינסטלעכע קינדהייט

דער לעזער מיט זיינע צרהדיקע קונסט־אַנשויאונגען וועט האַלטן פאַר פאַנטאַסטיש און לעכערלעך די דאָזיקע אַרויסגעזאָגטע השערה. צווישן מיינע קעגנער געפינט זיך איינער פון מיינע בעסטע פריינט, אַ באַקאַנטער דיכטער, וואָס האָט מיט זייער פיל געדולד און אַ סך מי געלייענט דעמדאָזיקן מאַנוסקריפּט. ער האָט מיר געשריבן: עס איז פאַראַן און עס מוז זיין עפּעס אַזוינס, וואָס מיר זאָלן אָנרופן „ריינע שיינקייט”. און: „אָדער דו מוזט אָבער מודה זיין, אַז מיר האָבן רעכט זיך צו שפּילן, און דאַן איז דער אינדיפערענטער קינסטלער באַרעכטיקט, אָדער דו גלויבסט אין דעם היפּוך, אַז אָנשטאָט דער שיינקייט וועט קומען עפּעס אַ גענעראַציע פון פּייערלעכע וויסנשאַפטלעכע ברואים.”

עס איז גאָר נישטאָ קיין שום ספק, אַז דער שפּילערישער

עלעמענט שפּילט אין דער קונסט די גרעסטע ראָלע; אַ דאַנק אים צייכנט זי זיך אויס פון אַנדערע אויסדרוקספאָרמען, ווי אַ שטייגער עסייען, דרשות, רעדעס אָדער מאַטעמאַטישע באַווייזן. אויב אָבער מיר באַטאָנען נישט אָט דעם שפּילערישן עלעמענט, איז עס נישט דערפאַר, ווייל מיר פאַרשטייען נישט אונטערצושיידן אַ קונסטווערק פון אַ דרשה, נאָר דערפאַר, ווייל מיר זענען ביי דער מיינונג, אַז דאָס שפּילערישע ווערט תמיד אַנערקענט פון ערשטן בעסטן, בעת די איבעריקע עלעמענטן פון באַוווסטן דענקען און ווילן אין דער קונסט הויבט מען נישט אָן צו באַמערקן, הגם זיי זענען אויך פונקט אַזוי וויכטיק.

וואָס איז עס שפּיל? די שפּיל איז דער נאַטירלעכער מעטאָד פון דער יוגנט זיך צוצוגרייטן צו דער ווירקלעכקייט. צוויי יונגע הינטלעך, וואָס רייסן זיך אין שפּיל ביים גאָרגל, לערנען זיך אַרומרייסן, נישט דורכבייסנדיק דערביי דעם גאָרגל אינדערראמתן. אויף אַזאַ שטייגער אַנטוויקלען אַלע יונגע באַשעפענישן זייערע פעיקייטן און די דאָזיקע פונקציע פאַרמאָגט אויך די מאָדערנע קונסט־פּראָדוקציע. איך קען לערנען, למשל, פון אַ סך ראָמאַנען, אויסמיידנדיק איינגאַנצן אַליין צו עקספּערימענטירן, וואָס מיר וועט געשען, ווען איך גופא וועל מיך איבערגעבן צו דער ווילדער חיה פון ליידנשאַפט.

די קונסט איז אַ שפּיל, וואָס איר זין איז די אַנטוויקלונג פון די מענטשלעכע פעיקייטן און דאָס עקספּערימענטירן די מעגלעכקייטן פון לעבן.

נעמט אָבער אין אַכט דעם אונטערשייד: צוויי יונגע הינטלעך, וואָס כאַפּן זיך אָן איינער דעם אַנדערן ביים גאָרגל און שפּרינגען באַלד אָפּ, טוען עס נישט מיט קיין שום ישוב הדעת, נאָר ווערן בלויז געטריבן דורכן אינסטינקט. דער מאָדערנער שריפטשטעלער אָבער ווייסט, וואָס ער טוט, זיינע געדאַנקען וועגן דעם לעבן זענען געסדרט און ער שילדערט באַוווסטזיניק.

די קונסט איז איין שפּיל נאָר אויף אַזוי ווייט וויפל זי איז אינסטינקטיוו; ווי גיך זי ווערט רייף און באַוווסטזיניק, איז זי שוין פּראָפּאַגאַנדע.

פאַרשטייט זיך, אַז די קונסט קען נישט זיין קיין הוילע שפּיל, פּונקט ווי קיין מענטש קען נישט זיין קיין הוילער אינס־טינקט; פּונקט אַזוי ווייניק אָבער קען זי זיין הוילע פּראָפּאַגאַנדע; דערפאַר וואָס זי וויל גילטן אַלס קונסט, מוז זי אומבאַדינגט האָבן דעם שפּילערישן עלעמענט אין זיך. אַחוצדעם מוז דערדאָזיקער עלעמענט זיין עכט, דאָס ווערק, הייסט עס, מוז זיין אַן עכטע שיל־דערונג פון דעם לעבן, אַז מיר זאָלן עס קענען אָננעמען פאַר ווירקלעכקייט. יוליקיע קעלינס האָט אויפגעשטעלט פאַר די דראַמאַ־נען־שרייבער פאָלגנדיקע כּללים: „מאַכט זיי לאַכנדיק, מאַכט זיי וויינענדיק, מאַכט זיי וואַרטנדיק". מיט אַנדערע ווערטער: צווינגט זיי צו טון דאָס, וואָס זיי מוזן טון, ווען זיי לעבן זייער ווירקלעך לעבן. דאָס איז איינער פון די אומבאַדינגטע עלעמענטן אין דער קונסט. דער קינסטלער מוז אונז, דורך עפּעס אַ טריק, וואָס עס זאָל נישט זיין, איבערצייגן, אַז עס האַנדלט זיך דאָ נישט אין קיין שום טריק, נאָר אין דער ווירקלעכקייט גופא.

עס איז נאָך נישט לאַנג, זינט דער מענטש האָט אַנטוויקלט די העכערע פונקציעס פון זיינע געהירן און עס איז איבער זיינע כּוחות אויסצואיבן זיי, אַז זיי זאָלן שטענדיק טראַכטן קלאָר. טייל־מאָל מוז ער זיך אויך אָפּרוען פון זיי און אַריינפאַלן צוריק אין אַ פּרימיטיוון צושטאַנד, מיט אַנדערע ווערטער: זיין קינדיש און שפּילעריש. מיין פריינט, דעם דיכטער, וואָס האָט מיך געפרעגט, וואָס איך טראַכט וועגן שפּיל, האָב איך געוויזן מיין טעניס־שלאָגער. ווי אָבער זאָלן מיר, דערוואַקסענע, קוקן אויף די, וואָס טוען בכלל קיין אַנדער זאַך נישט, ווי דאָס, וואָס זיי שפּילן זיך? די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט געפינען פאַר זיי אַ באַצייכענונג: מאָראָנען. פון וואַנען־זשע קומט עס, וואָס די קונסט פון די מאָראָנען־קינסטלער ווערט געלויבט און פאַרטיידיקט פאַר „עכט" און „ריין"? פון וואַ־נען קומט עס, וואָס אַן אייגנשאַפט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יונגע הינט און קינדער, ווערט פּלוצלינג געשעצט ביי דער־וואַקסענע מענטשן? פאַרוואָס ווערט אַזאַ מין אומרייפקייט געריכט אויפן געביט פון דער קונסט?

דעם קלאַס, וואָס באַהערשט די וועלט, גייט פּשוט אין לעבן,

אז אַלצדינג זאָל בלייבן ווי עס איז געווען. מיט זיין עשירות איבט ער אויס אויף דער קולטור אַן אַנטשיידענעם איינפלוס און באַשטימט דעם געשמאַק. פונקט אַזוי ווי זיי פאַרהערלעכן יענע געלערנ־טע, וואָס גייען איבער דער וועלט ווי ראַקעס, אַזוי פאַרהערלעכן זיי אויך די מאָראַנען־קינסטלער, אָט די מענטשן, וואָס פאַרמאָגן געפילן, אָבער קיין שום פאַרשטאַנד.

די אַזוי גערופענע „ריינקייט" פון דער קונסט, איז בכן בלויז אַ פאָרם פון קינסטלערישער קינדהייט. פונקט אַזוי ווי די בינעזער קלעמען איין די פיס פון זייערע פרויען, כדי זיי זאָלן זיין הילפלאָז און אָפּהענגיק, פונקט אַזוי בינדט די קולטור פון די הערשנדיקע קלאַסן די פאַנטאַזיע פון דער מענטשהייט.

מיר קענען, דעריבער, אַרויסזאָגן צוויי הנחות:

ערשטנס: דער קינסטלער איז אַ סאָציאַלער פּראָדוקט. זיין פּסיכאָלאָגיע און זיין גאַנצע שאַפונג ווערט באַשטימט פון די ווירט־שאַפטלעכע כוחות, וואָס הערשן אין זיין צייט.

צווייטנס: דער אָנערקענטער קינסטלער פון יעדן פּעריאָד איז אַ מענטש, וואָס סימפּאַטיזירט מיט די הערשנדיקע קלאַסן און ער שענקט אַוועק זיין שטים פאַר זייערע אינטערעסן און אידעאַלן.

כדי צו פאַרשטיין די קונסט גופא און די קונסט־געשיכטע פון פאַרגאַנגענע צייטן, מוזן מיר קודם כל זיין באַהאַוונט אין דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג און אין די קלאַסן־קאַמפן פון יענער צייט.

## פרוי אָגי קומט אַריין

אַזוי ווייט זענען מיר דערגאַנגען, אָבער דאָ רייסט אונז אי־בער פרוי אָגי, יענע פרוי אָגי, וואָס וווינט אויך אין יענער הייל, וווּ דאָס דאָזיקע בוך ווערט געשריבן.

פרוי אָגי:

— דו ווילסט, הייסט עס, נאָכאַמאָל אָפּהאַלטן אַ סאָציאַליסטישן

רעפעראַט?

פרוי אָגיס מאַן:

— אָבער...

פרוי אָגי (וואָס איז געוווינט צו פאַרענדיקן נישט נאָר איר מאַנס מאַנוסקריפּטן, נאָר אויך זיינע זאַצן):

— האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט אָנצושרייבן אַ בוך אָן פּראָפּאַגאַנדע.

פרוי אָגיס מאַן:

— אָבער... דאָס בוך דאַרף גראָד אויפווייזן, אַז אַלע ביכער זענען פּראָפּאַגאַנדע. טאָ ווי קען איך אָן פּראָפּאַגאַנדע מאַכן פּראָ־פּאַגאַנדע פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע?

פרוי אָגי:

— דאָס ווענדט זיך אין דעם, ווי נאַריש דו ביסט — זי האָט דערקלערט ווייטער, אַז אמתע פּראָפּאַגאַנדע מוז געמאַכט ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז דער לעזער זאָל גאָרנישט באַמערקן, וואָס מ'איז דאָ אויסן —אויב דו רעדסט זיך איין, אַז מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט קונסט־פראַגן וועלן נעמען שלינגען די גע־שיכטע פון סאָציאַלע רעוואָלוציעס, קען איך דיך נאָר אָנרופן: שוטה. און דו מעגסט מיך אַפילו אָנרופן פרוי אָגי.

הער אָגי (האַסטיק):

— טייערע, דו דאַרפסט עס נישט נעמען בוכשטעבלעך: פרוי אָגי איז דאָס ווייב פון דעם קינסטלער אין אַלגעמיין. עס איז דער מענטשלעכער פאַדים, וואָס פאַרבינדט אים מיט דער געזעלשאַפט און צווינגט אים זיך צוצופּאַסן צו אירע קאָנווענאַנסן.

פרוי אָגי:

— איך ווייס שוין, דו ווילסט פאַראַלגעמיינערן פּונקט ווי אַלע מענער. אָבער מענטשן וועלן גלויבן, אַז...

הער אָגי:

— איך וועל זיי נישט לאָזן ביי דעם דאָזיקן גלויבן; איך וועל זיי אויסדריקלעך דערקלערן, אַז דו ביסט נישט פרוי אָגי.

פרוי אָגי:

— דו מוזט אויסדריקלעך דערקלערן, אַז אין דערדאָזיקער

הייל, זינט איך ווין דאָ, האָבן מיר נאָך נישט געהאַט קיין שום אויפגעגייטע, געשטיקטע סערוועטקעס, נאָר אייביק פּאַפּירענע.

העראַגי (געדולדיק):

— טייערסטע, גראָד דו האָסט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער באַדייטונג פון די האַנט-געשטיקטע טישטוכער אין דער קונסט-געשיכטע. דערמאָן זיך נאָר, ווי מיר האָבן געמיטאָגט ביי פּרופ׳ רייסער...

פּרוי אַגי:

— יאָ, איך דערמאָן מיך, און דו האָסט געזאָלט שילדערן דעם דאָזיקן מיטאָג אין דיינס אַ בוך. רופ-זשע אָן דאָס קומענדיקע קאַפּיטל: „דער איינפלוס פון אונטערוועש אויף דער ליטעראַטור", אָדער „די מענטשלעכע נשמה אונטער דער השפּעה פון זייַ־דענע זאַכן"

הער אַגי:

— גאַנץ גוט. איך וועל צוקומען דערצו. דערווייל אָבער וועל איך פּרווון זיך רעכטצופאַרטיקן פאַר דיר.

און הער אַגי האָט זיך אָפּגעזונדערט, און צעבראָכן זיך דעם קאָפּ, ביז ער האָט אויסגעפונען אַ ניי קאַפּיטל, וואָס זאָל נישט טראָגן דעם אָפּשטויסנדיקן טיטל: „די עוואָלוציע פון די סאָציאַ־לע קלאַסן". נאָר, כדי צו נעמען די ליידיקגייער און די פּוילענצער, זאָל עס הייסן:

## 7

## דער פערד־האַנדל

מיט פינפאונצוואַנציק יאָר צוריק האָט אַן אַמעריקאַנער, אַ קרבן פון אונזער קאָמערצישן סיסטעם, אַ געפערלעך־לונגען־קראַנקער מאַן, אַנגעשריבן אַ ראָמאַן, וואָס האָט אַנטהאַלטן

אַ שילדערונג פון פערד-האַנדל. אַ סך פאַרלעגער האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָסדאָזיקע בוך אַרויסצוגעבן, ביז עס איז אָנגעקומען צו איינעם אַ לעקטאָר, וואָס האָט איינגעזען, אַז די סצענע פון דעם פערד-האַנדל איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע. ער רעדט-צו ־עם שריפטשטעלער דאָס בוך צו באַאַרבעטן פון ס'ניי, און דעם פערד-האַנדל צו געבן באַלד ביים אָנהויב פון ווערק. יענער האָט אים געפאָלגט און די דאָזיקע געשעעניש איז געווען איינער פון די סענסאַציאָנעלסטע דערפאָלגן אין דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. יונג און אַלט, רייך און אָרים, הויכע און נידעריקע, גאַנץ אַמעריקע האָט דערקענט אין די ערשטע קאַפּיטלען פון „דויד האַרום" די אמונה, וואָס ער האַלט, די געזעצן, וואָס ער פאָלגט, דעם דערפאָלג, וואָס ער זוכט. דאָס בוך איז פאַרקויפט געוואָרן אין זעקסהונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן. דעמאָלט בין איך נאָך געווען זייער יונג. פונדעסטוועגן געדענק איך נאָך, ווי אַלע מיינע באַקאַנטע האָבן זיך פשוט געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק, און זיך געוויילט מיט דעם ראָמאַן און הנאה געהאַט, ווי דויד האָט זיך אַן עצה געגעבן מיטן דיאַקאָן.

מיר וועלן פּרוּוון אַנאַליזירן דעם פערד-האַנדל און לייענען אונזערע דאַטן פון דעם ראָמאַן. קודם-כל דער ליגנט פון דעם פאַרקויפער, — ער באַשרייבט אַ פערד, וואָס ער איז זיכער, אַז ער טויג צו גאָרנישט: „אַזוי ווי עס איז, איז עס ווערט גוטע צוויי הונדערט. עס איז נאָך נישט טרענירט און ס'קען נאָך שלעפּן צוויי מענער אין אַ וואָגן אַ סך בעסער, ווי פופציק אַנדערע פערד". דאַן דער ליגן פון דעם קונה, — מיט וואָס ער באַרימט זיך שפּעטער: „וואָס לענגער איך באַטראַכט די בהמה, געפעלט עס מיר אַלץ מער. אָבער איך האָב נאָר געזאָגט: אַז יאָ, עס קען זיין, אַז דאָס געלט איז עס ווערט, אָבער פאַר מיר גופא האָט עס נישט אַזאַ גרויסן ווערט. אַ חוצדעם האָב איך גאָרנישט מיט זיך אַזוי פיל געלט".

מיר זען בכן, אַז ביים פערד-האַנדל נאַרן זיך אָפּ סיי דער קויפער און סיי דער פאַרקויפער, און יעדער איינציקער טענהט, אַז ער רעדט דעם ריינעם אמת און וויל דעם אַנדערן אויך איבערצייגן אין דעם. מיר באַמערקן אויך, אַז קיין איינער פון זיי

ווייסט נישט געגנוי, ווי ווייט דער צווייטער גלויבט זיין ליגן און וויפל אמת עס שטעקט אין דעם אַנדערנס ווערטער. יעדער איינער פון זיי געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון צווייפל און פאָרזיכטיקייט. ווען דער האַנדל איז שוין אָפּגעמאַכט, פילט איינער פון זיי אַ געפיל פון טריומף פאַרמישט מיט פאַראַכטונג צו זיין קרבן. דער אַנדערער, פאַרקערט, פילט אַ שנאה און טראַכט שטילערהייט ביי זיך, אַז ער וועט זיך נאָך ווען עס איז מיט זיין זיגער „אָפּרעכענען".

ווייטער איז ווערט צו באַמערקן, אַז אין דעמדאָזיקן קאַמף פון נשמות, אין דעמדאָזיקן מאָדערנעם דועל, ווי גרויזאַם און אומברחמנותדיק דער קאַמף זאָל נישט זיין, זענען אויך דאָ פאַראַן געוויסע עטישע כללים. דויד איז גרייט אָפּצונאַרן דעם דיאַקאָן, פונדעסטוועגן וועט ער אים קיינמאָל נישט אַרויסציען דעם געלטבייטל פון קעשענע און אַוודאי נישט דערשטעכן מיט אַ מעסער הינטנאַרומערט, אַפילו דעמאָלט, ווען דער דיאַקאָן האָט אים פולשטענדיק באַזיגט אין דעמדאָזיקן קאָמערציעלן קאַמף. דער מחבר גיט איבעריקנס צו, אַז דויד וואָלט דעם דיאַקאָן נישט באַשווינדלט, ווען דער דיאַקאָן זאָל אים צוערשט נישט באַשווינדלען. דאָס איז דער קאָנווענציאָנעלער פערד־מסחר־שווינדל פון אַ ראָמאַנען־שרייבער. נאָך דער גיריקייט צו עשירות קומט דער פאַרלאַנג צו געזעלשאַפט. נאָכדעם, וואָס ער האָט אָפּגעשלאָסן דעם מסחר, דערציילט דויד וועגן דער געשעעניש זיין שוועסטער. דאָס מענטשלעכע פון דערדאָזיקער געשיכטע ליגט נישט נאָר אין דוידס טריומף, נאָר אויך אין דער שמחה, מיט וועלכער ער דערציילט דאָס איבער זיין שוועסטער. נעמט אין אַכט, אַז דויד דערציילט אַלדינג אָן שום צוריקגעהאַלטנקייט. אין אַנדערע זאַכן נאַרט ער דער שוועסטער אָפּ, וואָס אָבער עס האָט אַ שייכות צום פערד־האַנדל, ווייסט ער געוויס, אַז זי וועט נישט גיין און אויסזאָגן פאַרן דיאַקאָן.

ווען דער ערשטער ווילדער האָט אָנגעבאָטן אַ פיש אַלס בייט פאַר אַ קאָקאָס־נוס און געערדט דערביי פון דעם פישס פרישקייט און פון דער סכנה, וואָס עס איז פאַראַן ביים פיש־כאַפּן, איז דער מסחר־שווינדל געווען נאָר אַ פאַרהעלטענישמעסיק פשוטע זאַך.

דער פרינציפ איז נויטיק פאַר יעדער נאַציע און יעדער ערד-טייל. מ׳דריקט עס אויס אין אָן אַ צאָל ווערטלעך און וויצן: caveat emptor; געשעפט איז געשעפט; האַנדלשאַפט איז נישט קיין ברודערשאַפט; אַלע הינט האָבן איין פּנים; זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבן; ווער ס׳קומט צו׳ערשט, מאָלט צום ערשטן; באַפּט דער טייוול דעם שלימזל; אויב דו וועסט עס נישט טון, וועט עס אַן אַנדערער טון; זעלבסטדערהאַלטונג איז דאָס ערשטע נאַטור-געזעץ. אין אַ ציוויליזאַציע, וואָס שטיצט זיך אינגאַנצן אויף דער האַנדלס-קאָנקורענץ און אויף דער פרייקייט פון דעם קאָנטראַקט, ווערט דער ליגן פון דעם פערד-האַנדל דער באַוועגנדיקער הויפּט-מאָטיוו פון אַלע גרויסע האַנדלונגען פון דעם מענטשן.

אַזוי איז אַ שטייגער קלאָר און פאַר אַלעמען באַקאַנט, אַז ס׳איז שוין נישטאָ כּמעט אַזאַ נאַר אין דער וועלט, וואָס זאָל גלויבן אין אַ האַנדלס-ליגן. אָבער די קונץ פון דעם קאָמפּעטענטן ליגנער באַשטייט אין דעם, וואָס ער רופט פונדעסטוועגן אַרויס אַ גלויבן. אין דעם פאַל שטיצט אונטער דעם סוחר דאָס, וואָס ער וויל זיך אַרויפאַרבעטן, וואָס העלפט מיט, אַז די מענטשן זאָלן נישט גלויבן אין יעגעמס אומערלעכקייט. דעריבער זענען אויך פאַראַן אידעאַלן, שטרעבונגען, רעליגיעס, פּאַטריאָטיזם, איז פאַראַן אַ קריסטוס, אַ גאַליליי אין דער געשיכטע, און פּאַרסיפאַל און דאָן קישאָט אין דער ליטעראַטור. דער סוחר דריקט אויס דעם דאָזיקן פאַקט אויף אַזאַ אופן: „אין יעדער רגע ווערט געבוירן אַן אומשולדיק שעפעלע". דער סוחר דערהרגעט דאָס נאַרישע שעפעלע, ציט אַרויף זיין פעל איבער זיין אייגענעם וואָלפישן פעלץ און אַזוי אַנטשטייען רעליגיעזע אינסטיטוציעס, עטישע סיסטעמען, פאָרשריפטן פאַר קאַסטעס, פּאָליטישע פּלאַטפאָרמען, ערע, כּבוד, חשיבות, טיטלען, יחוס, מאַניערן און מאָסן פאַרן גוטן געשמאַק. אַ סך פון דידאָזיקע זאַכן זענען לכתחילה געווען נאַיוו און ערלעך געמיינט. אין אַ געזעלשאַפט פון קאָמערציעלער קאָנקורענץ אָבער, זענען זיי באַהערשט געוואָרן פון אַ סיסטעם פון גיריקייט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שאַכער-מאַכער און זענען געוואָרן אַ געווער אין דעם קלאַסן-קאַמף.

# דער קלאַסן-שווינדל

אויף יענער מדרגה פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ווען דער ווילדער האָט אויסגעטוישט אַ פיש אויף אַ קאַקאַס-נוס, זענען די געווינסן פון האַנדל געווען פאַר ביידע צדדים גלייך. דער פישער האָט זיך פונקט אַזוי געקאָנט נויטיקן אין דער קאַקאַס-ניס, ווי דעם קאַקאַס-ניס-רייסער — דער פיש. ווען מיר קומען אָבער צו צו יענער שטופע, ווען אַלס טויש-אָביעקטן האָבן שוין גענוצט געוויסע סימבאָלן, הויבט זיך אָן אַן איבערגרופּירונג פון די געווינסן. דער פאַרקויפער הויבט זיך אָן צו ספּעציאַליזירן אויף אַ באַשטימטער סחורה, דער קויפער אָבער מוז אויסשטיין פאַרשידענע זאַכן, און וואָס מער ער נויטיקט זיך אין אַ זאַך, אַלץ טייערער איז עס פאַר אים. אויסער דעם לערנען זיך אויס די פאַרקויפער צו פאַרייניקן, זיי גרינדן קאָמפּאַניעס, קערפּערשאַפטן, פאַרבאַנדן, פאַרטייען און ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ קלאַס. דער קויפער אָבער בלייבט אומאָרגאַניזירט און הילפלאָז. ער איז דער קאָנסומענט, וואָס מוז נעמען דאָס, וואָס מ׳גיט אים. דאָס איז דער פּראָלעטאַריער, וואָס האָט אַחוץ זיינע קייטן קיין שום זאַך נישט צו פאַרלירן. ער איז עס דער שפּיל-באַל פון דעם קאָנקורענץ-פּראָצעס, דער אָביעקט פון דעם פאַרקויפער אין משך פון אַלע יאָרהונדערטער. דער כּלל, אַז: „דער כּלל מעג גיין צום טייוול״, האָט איינמאָל אַרויסגעזאָגט אַ גרויסער סוחר פון אַן אַמעריקאַנישער אייזנבאַן-געזעלשאַפט און דאָסדאָזיקע װערטל איז געוואָרן דער ווינקלשטיין פון דער גאַנצער קאָמפּליצירטער ציוויליזאַציע.

נאָך מיט ניינצנהונדערט יאָר צוריק האָט געזאָגט איינער אַ בונטאַר: ווער עס פאַרמאָגט, דעם וועט מען נאָך צוגעבן, און ווער עס האָט גאָרנישט, וועט מען נאָך צונעמען״. דערדאָזיקער ווירטשאַפטלעכער פּראָצעס אַנטוויקלט זיך וואָסאַמאָל מיט אַ גרעסערער

שנעלקייט. ביי היינטיקן טאָג זענען כמעט אַלע פּאַרקויפער אָרגאַ־
ניזירט, דער פּראָלעטאַריאַט אָבער — בלויז אַ צען פּראָצענט און דער
קאָנסומענט אַלס אַזעלכער — אינגאַנצן נישט. דערפון באַקומט
זיך אַרויס די סתירה צווישן מאָנאָפּאָל־פּרייזן און קאָנקורענץ־
לוינען, און דער מערווערט פון דער וועלט פליסט אַריין אין די קעשע־
נעס פון אַ גאַנץ קליינעם קלאַס. דער סחורה־מאָנאָפּאָל פון דער וועלט
ליגט אין די גרויסע פאַרבאַנדן פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס
מ'רופט אָן „טרעסטן", וועלכע זענען די שטאַרקסטע פעס־
טונגען פון דעם שווינדל.

מ'וואָלט געדאַרפט אָנשרייבן אַ גאַנצן בוך, כדי אויסצורעכענען
אַלע האַנדלס־שווינדלערייען, וואָס די טרעסטן באַגייען טאָג־טעגלעך. זיי
זענען אַזוי פאַרשידנאַרטיק, אַז קיין איינצלנער בשר ודם וועט זיי
נישט באַווייזן צו קענען. עס זענען פאַראַן די ליגנס, וואָס זענען
געבוירן געוואָרן אין די גרויסע קאַרפּן־קעפּ און אין די מסחרים
פון די קליינע אָפּטיילונג־שעפן פאַרקערפּערט געוואָרן; אַ ליגן, וואָס
איז איינגעבירגערט געוואָרן און זיך אַזוי פאַרוואַנדלט אין אַ טראַ־
דיציע, אַזוי אַז די ליגנער גופא פילן שוין גאָרנישט, אַז דאָס איז
ליגן, און זיי זענען העכסט דערשטוינט און געקרענקט, ווען מען
מאַכט זיי אויפמערקזאַם, אַז דאָס איז אַ ליגן; עס זענען פאַראַן
ליגנס, וואָס זענען אויף אַזאַ אופן קאָמפּליצירט, אַז באַרימטע
אַדוואָקאַטן באַקומען מיליאָנען דאָלאַרן, כדי זיי אויפצופּלאָנטערן;
עס זענען פאַראַן ליגנס, וואָס זענען אַזוי גוט פאַרבאָרגן און פאַר־
מאַסקירט, אַז מען מוז אויפשטעלן אויפסניי אָן אַ צאָל פאַרברענטע
געשעפטס־ביכער, כדי זיי אויפצודעקן; עס זענען פאַראַן ליגנס, וואָס
ווערן מאַסנווייז רעקלאַמירט אויף די רעקלאַמע־סלופּעס, אין די
צייטונגען און אַזוי הויך אויסגעשריגן אין דער וועלט אַריין, אַז זיי
ווערן דאָס טעגלעכע ברויט פון דעם מענטשן און אַ באַשטאַנד־
טייל פון זיין שפּראַך און זיין געדאַנק.

מיר לעבן טאַקע אין יענער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע פון שווינדל,
ווען די שפּיץ פון די טרעסטן זענען געוואָרן אַ קלאַס און זיך פאַ־
רייניקט אין פּאַרטייען, אין רעגירונגען, כדי צו שיצן זייערע גע־
ווינסן. זיי קאָמבינירן און פאַרהילן דעם האַנדלס־ליגן, שאַפן דעם

אַנגראָ-ליגן, דעם ראַפינירטן ליגן, דעם ליגן פון דער טראַדיציע, דעם קלאַסישן ליגן, דער ליגן וואָס איז געוואָרן רעליגיאָן, געזעץ, פילאָזאָפיע, וועלט-געשיכטע, ליטעראַטור, קונסט.

מען זעט שוין, ווי אַזוי די קונסט-ליגנס, וואָס זענען אויס-געררעכנט געוואָרן אין צווייטן קאַפיטל, זענען אַנטשטאַנען. דער בייזוויליקער קריטיקער וועט מיר פאָרוואַרפן, אַז איך שטעל פאָר דעם קינסטלער, ווי אַ געפערלעכן שווינדלער. דערויף ענטפער איך, אַז על פי רוב איז ער אַ ליבלעך אומשולדיק קינד. זיינע שווינדלען זענען קלאַסנשווינדלען, קאָלעקטיווע גרויזאַמקייטן, אויפפאַסונגען און רגילותן, וואָס האָבן זיך פון זיך אַליין אַנטוויקלט ווי אַ רעאַקציע צוליב די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש.

בילדלעך אויסגעדריקט זיך, — נאַרט אָפּ, רויבט און מאָרדעט אָגי, געטריבן פון דעם אייגענעם אינסטינקט, וואָס צווינגט אים צו פינטלען מיט די אויגן, ווען ער קוקט אין דער זון.

**8**

## דער אלטער טעסטאַמענט

# דער פּאָפּוליסטן קאָנווענט

(פון דער „ניו - יאָרק סון" פון 4-טן יולי 1890)

# קענסעס טיילט איין פוס-טריט

### טומל פון נאַראָנים אויף דעם קאָנווענט פון טאָפּעקאָ

### די ווילדע פריידי-אײזלען ברילן

### דעם קומענדיקן נאָוועמבער וועט איינגעפירט ווערן דער גן-עדן דורך אַן אָפּשטימונג

(טאָפּעקאָ, דעם 5-טן יולי, ספּעציעלער באַריכט פון „סון")

„היינט האָט זיך אָנגעהויבן אין טאָפּעקאָ די סעסיע פון טייוול-געיעגן. פון נעמאַהאַ אין צפון, פון קאָמערטשע אין דרום, פון טשעראָקי אין מזרח און טשעניע אין מערב שטראָמען די יעגער מאַסנווייז אין דער הויפּט-שטאָט פון דעם שטאַט: געלט-טייוול-יעגער, שפּעקוליאַנטן-טייוול-יעגער, אייזנבאַן-טייוול-יעגער און בראָנפן-טייוול-יעגער. זיי פילן אָן די גאַסן פון שטאָט, די זאַלן פון די האָטעלן. אַלע זענען געקומען: מכשפים און מאַרק-שרייער, פּאָלי-טישע שאַרלאַטאַנעס, פּראָה־בישאַן-נאַראָנים, לאַנגהאָריקע מענער

און קורצהאַריקע פרויען, די באַקעמפּער פון פרייען געלט, פון פרייען לאַנד, פון פרייער הייראַט. שוין גאַנצע חדשים, ווי זיי פרייען זיך מיט דעמדאַזיקן קאָנוועגט, וואָס זאָל אַרויסרייסן די רעגירונג פון די הענט פון אַ רויבגיריקע פּלוטאָקראַטיע. אויב ס'איז נאָך ביי היינטיקן טאָג פאַראַן אין קענסעס עפּעס אַ משוגענער, וואָס געפינט זיך נישט אין טאָפּעקאַ, קומט עס דערפון, וואָס דער וואָל-סטריט-טייוול האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ משוגעים-הויז.

דער זאַל פון „אַמעריקאַן"-האָטעל האָט היינט אַן אויסזען, ווי אַ מענאַזשעריע פון אַ וואַנדערצירק. מאָרגן אַרום צען אַ זייגער אינדערפרי דאַרף פאָרקומען די דערעפנונג פון דעם קאָנוועגט, און יעדן רעדנער באַט מען נאָך אָן דעם היינטיקן אָוונט די מעג-לעכקייט צו ראַטעווען די נאַציע. קיין צוהערער זענען נישט פאַראַן. זיי רעדן אַלע פאַראַמאַל, אַ טוץ מאַנסבילן שטייען אויף די לע-דערנע פאָטעלן און האַלטן דרשות. דאָ קענען מיר זען דעם „באָרוועסן" ירמיהו סימפּסאָן, וואָס האָפט, אַז מ'וועט אים מאָרגן אויסוויילן אין קאָנגרעס. אָן אַ רעקל, אָן אַ קראַוואַט, מיט אַ ווייד-געוואָרענעם קראַגן שרייט ער אויס צו די מחנות אויפן קאָרנפעלד די תוכחה אויף די בלוטזויגער, די פּיאַווקעס, וואָס נאָגן אויס דעם מאַרך ביי די פאַרמער פון קענסעס. אויך קען מען זען ישעיהו וואָ, אַ מאָדנער טונקעלער פאַרשוין; די באַקנבערד גרייכן אים כמעט ביזן גאַרטל און די הויזן זענען ביי אים לענגער ווי די פיס. ער שרעקט מיט די אומשולדיקע אָרעמעלייט און מאַכט קולות ווי זיין ביבלישער עלטער-זיידע: „וויי צו דעם, וויי צו יענעם, וויי צו די, וואָס מיידן אויס דעם גערעכטן משפט פון די אָרעמעלייט, וואָס באַרויבן זיי פון יושר, וואָס מאַכן די אַלמנות צו זייער זאַק-רויב און באַגזלענען די יתומים".

ביי דעם פריירי-עולם האָט ישעיה אַ שם פון אַ נביא; ער שרייט אַרויס די געליטענע עוולה פון זיין ליבן פּ—אָ—לק פאַר דער גאַנ-צער וועלט און טרייסלט אויס פון זיינע ווייסע באַקנבערד היי-זריעה און מעל אַזוי לאַנג, ביז זיינע צוהערער הויבן אָן צו זען באַשיינפערלעך אַ הייליקע שיין אַרום זיין קאָפּ. ער האַלט נישט אָפּ זיך צו רימען מיט אַ געטלעכער אַנטפּלעקונג: „דער האַר האָט

מיך געזאַלבט, איך זאָל ברענגען טרייסט די געשלאָגענע און די געפאַנגענע צו באַפרייען".

וואָס שייך דעם כּוח הדיבור, האָט ישעיה נישט זיינס גלייכן, אויב מ'זאָל נישט רעכענען מיכה'ן, דעם פּאָטאָוואַטאָמיע-נביא, דער „טרוויעריקער מיקע", ווי מ'רופט אים אין דער הויפּט-שטאָט. די דאָזיקע אַלטערטימלעכע קאָפּיע פון אָנקעל סעם שטייט אויף אַ פּרובטן-קאַסטן פאַר דעם עלך-קלוב און אונזער רעפּאָרטער האָט אָפּגעשריבן אייניקע ווערטלעך פון זיינע זאַצן: „זיי בויען-אויף וואַשינגטאָן מיט בלוט און ניו-יאָרק מיט פאַרברעכן. די פירער משפּטן פאַר געלט, די פּריסטער פּריידיקן, ווייל מ'באַצאָלט זיי און די נביאים שטאָפּן-אָן זייערע זעק... דעריבער זאָל צוליב אייך וואַשינגטאָן פאַרוויסט ווערן ווי אַ ליידיק פעלד, ניו-יאָרק זאָל צעפאַלן ווערן אין חורבות און די געביידעס פון וואָל-סטריט זאָלן אויסגעגלייכט ווערן מיט דער ערד".

אַ גאַנצע מחנה מיט קלאָג-מוטערס דורשטן נאָכן בלוט פון דעם געלט-טייוול. צווישן פיל אַנדערע באַמערקן מיר אויך אליהו'ן, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער יינגל-רעדנער פון קיאָוואַ קאַונטי; אַזוי דעם בייזן עמוס, דער „ווילדער מאַן פון ניישאָ"; דאָ איז אויך פאַראַן אַ יוחנן, וואָס רופט זיך דער מטבל, און וואָס האָט די שליחות אונטערצוטונקען זיינע אָנהענגער אין וואַסער. אינדעראמתן קען מען נאָך אַ הייסן טאָג אין טאָפּעקאָ באַמערקן אַזאַ באָד. מען דערציילט, אַז דער טויפנדיקער נביא דערנערט זיך מיט היישעריקן, וואָס ער געפינט אויף די פעלדער פון קענסעס, און פון דעם האָניק, וואָס עס ברענגען אים גוטהאַרציקע בינען. אָבער משמעות, אַז דער נביא האָט נישט מיטגעבראַכט קיין טאָפּעקאָ קיין שום זאַפּאַס פון זיין צרהדיקער דערנערונג, וואָרים אונזער קאָרעספּאָנדענט האָט אים געזען אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע ווילדע פריירי-אייזלען אין רעסטאָראַן פון וואָקזאַל, ווי ער עסט זעמל און טרינקט קאַווע.

באַלד מאָרגן אינדערפרי דאַרף קענסעס באַגליקט ווערן מיט אַ נייער פּאַרטיי: די פּאַרטיי פון פאָ—אָ—אָ—אָלק, אָנגעפירט פון דעם נביא, פון וועלכן קיינער וועט נישט נעמען קיין שום געהאַלט.

און וואָס איז די פּלאַטפאָרם פֿון אָט דער פּאַרטיי? זי פֿאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל שטעלן אַ נ[illegible]ן פּרייז פֿאַר ווייץ, און אַז די פּראַכט-פּרייזן זאָלן פֿא[illegible] פּרט יערן אויף אַזאַ אופֿן, אַז פֿאַר די אייגנטימער פֿון [illegible] [illegible]אָל מער נישט איבערבלייבן, ווי זיך צו דערנערן [illegible] הײשעריקן און ווילדן האָניק. געלט זאָל מען נישט מער לייען אויף פּראָצענט; די נביאים רופֿן דאָס אָן „וווּ-כער" און זיי האַלטן זיך ביי די נביאים פֿון דעם תנך.

אַחוצדעם, פֿאָדערן זיי, אַז ס'זאָל דורכן געזעץ פֿאַרבאָטן ווערן די שקלאַפֿעריי פֿון די היפּאָטעקן און אַנדערע חובות, און פֿון יאָר 1900 אָן זאָל מען יעדע פֿופֿציק יאָר מוחל זיין אַלע חובות, כּדי יע-דער איינציקער זאָל קענען ווידער צו זיך קומען. באמת, מ'קען שוין באַגרייפֿן ווי יאַבעז סמיט, דער פֿאָרזיצער פֿון שטאָט-קאָמי-טעט פֿון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי, באַטראַכטנדיק דעמדאָ-זיקן ווילדן עולם און צוהערנדיק זיך צו זיינע דיבורים, הויבט אויף די הענט צום הימל און רופֿט אויס:

### וואָס איז עס געשען מיט קענסעס?

אָט אַזאַ מין אַרטיקל האָט פֿאַרעפֿנטלעכט די „ניו-יאָרק-סון" אין טשאַרל א. דיינעסעס צייטן און פֿון אים האָב איך געשעפּט אין מיינע קינדער-יאָרן פּאָליטישן וויסן. זיבן מאָל אין דער וואָך האָב איך געלייענט אַזעלכע לייט-אַרטיקלען און באַריכטן, געלאַכט אי-בער זיי באַגייסטערט, און יעדן זונטאָג בין איך געגאַנגען אינדער-פֿרי און פֿאַרנאַכט אין קירכע אַריין, זיך צוגעהערט צו די ווער-טער פֿון די ביבלישע נביאים און אָנגענומען זיי, ווי אַ שליחות אינספּירירט פֿון גאָט. ווי האָב איך, אַן אומוויסנדיק ייִנגל געבען, געקענט וויסן, אַז דידאָזיקע נביאים זענען ווידער אַראָפּ אויף דער ערד, פּירן פּונקט אַזאַ שטייגער לעבן, ווי די מענער פֿון דער ביבל, רעדן דיזעלביקע ווערטער, און פּרוּוון — ווי אַמאָל די אַל-טע נביאים פֿון יהודה — צו האַטעווען אַמעריקע פֿון די הענט פֿון אונטערדריקער און רויבער?

## קענסעס און יהודה

ווי קומט עס, וואָס די פּאָליטישע אַגיטאַטאָרן אין דעם טאָל פון מיסיסיפּי ביים סוף פון נייַנצנטן־יאָרהונדערט, זענען באַהערשט פון דעמזעלביקן גייסט, וואָס די נביאים אין קליין־אַזיען מיט פינפהונדערט יאָר פאַר קריסטוסעס געבורט? דער ענטפער איז: ציוויליזאַציעס קומען און פאַרגייען; די געשיכטע חזרט זיך איבער. איך וועל אַצונד שילדערן אַ היסטאָרישן פּראָצעס; גייט נאָר נאָך מיינע דערקלערונגען, זאַץ נאָך זאַץ, און זעט אַליין צי איר וועט דערקענען, צי איך רעד פון קענסעס אָדער פון דעם אַלטן יהודה:

אַ פאָלק האָט זיך אונטערגענומען אַ לאַנגן וואַנדער־וועג, אַנטלאָפן פון דעם דעספּאָטיזם און געזוכט רעליגיע־פרייהייט. דאָס זענען געווען פּרימיטיווע האַרטע מענטשן, וואָס האָבן געגלויבט אין גאָט, וואָס פירט אַליין אָן מיטן לעבן. זיי האָבן דערגרייכט אַ מוראדיק לאַנד, האָבן עס איינגענומען נאָך פאַרביטערטע קאַמפן, בסדר אונטער דער פּערזענלעכער אָנפירונג פון זייער גאָט. זיי האָבן אויסגעבויט הייזער צום וווינען, און אויסגעהאָדעוועט סטאַדעס, האָבן אָנגעזאַמלט רייכטימער. אָבער דידאָזיקע רייכטימער פליסן אַריין אין די שטעט און ווערן פאַרשלונגען פון די הערשנדיקע און סוחרישע קלאַסן. די אַגראַר־דעמאָקראַטיע פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּלוטאָקראַטישע הערשאַפט. די פּריצים און שטייער־איינמאָנער לאָזן דעם פויער איבער קוים אויף דורכצוקומען; די פּרוכט פון זיין אַרבעט גיט מען אוים אויף פּאַלאַצן און טעמפּלען מיט גאָלדענע דעכער, גאָלדענע קעלבער, אויף טייערע מאָלצייטן און אויף די באָריסטינס פון די הערשער.

דאָסדאָזיקע ברענגט־צו צו אַ מרידה צווישן די פויערים. נביאים פון דער אומצופרידנקייט שטייען אויף און וואַנדערן דורך

מיט פרייד די דערפער. אין ווירטשאַפטלעבן זין זענען דידאַזיקע אַלע נביאים ראַדיקאַל. זיי שענקען די ליידן פון די אָרעמע און הילפסלאָזע, יתומים און אַלמנות זייערע קלוגע רייד. פאַרקערט, אין סאָציאַלן און רעליגיעזן זין זענען זיי קאָנסערוואַטיוו. זיי רופן דאָס פאָלק צו די אַמאָליקע פשוטע, שטרענגע מנהגים, צום גלויבן אין איינאונאיינציקן אמתן גאָט. זיי ווענדן אָן די סימבאָלן פון אַלטן גלויבן פון פאָלק, באַקעמפן מאָדערנע געטער, ווי בעל און דאַרווין און רופן צום קאַמף מיט די פיינט פון איינאונאיינציקן גאָט. דעם גאַנצן לעבן ווערן זיי אויסגעלאַכט, פאַרפאָלגט, פאַרשטיינט. אָבער קוים זענען זיי שוין טויט, מאַכט מען זיי פאַרן רום און פאַרן שטאָלץ פון זייער לאַנד. זייערע ווערטער פאַרשרייבט מען לזכרון אין הייליקע ביכער און מען חזרט זיי איין מיט די קינ־דער פון שול.

איצט זאָגט מיר, ווען רעד איך פון קענעסעס און ווען פון יהודה?

פריער פאַר אַלץ מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן איין זאַך: יענע, וואָס האָבן געשאַפן דעם אַלטן טעסטאַמענט, זענען נישט אויסן געווען קיין שום זאַך אַחוץ פראָפּאַגאַנדע; היינט צו־טאָג לייענען עס געדולדיקע מענטשן מיטן גלויבן, אַז דאָס איז אַ ווערק אינספּי־רירט פון גאָט און זיי באַמערקן נישט, אַז דאָס בוך האָט אַ טאָ־פּעלע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איינע איז זיך סותר מיט דער אַנדערער: די פּראָפּאַגאַנדע פון דעם הערשנדיקן קלאַס, וואָס לערנט מורא צו האָבן פאַרן קעניג און דעם פּריסטער און די פּראָפּאַגאַנדע פון די רעוואָלוציאָנערן, וואָס זוכן די מפּלה פון דידאָזיקע קעניגן און פּריסטער.

אָבער אויך אַלס ליטעראַטור שעצט מען דעם אַלטן טעס־טאַמענט, דעריבער ווילן מיר אים אויך באַטראַכטן פון אַזאַ שטאַנדפּונקט. אַ גרויסער טייל פון זיין אינהאַלט האָט בכלל נישט קיין שום פּרעטענזיעס צו זיין ליטעראַטור. מיר געפינען דאָרטן לאַנגווייליקע כראָניקעס, וואָס באַשרייבן דאָס לעבן פון מלכים און רעכענען אויס זייערע זין און זייערע אייניקלעך. אַזעלכע זאַכן זע־נען אויך פאַראַן אין אונזערע גרויסע ביבליאָטעקן, וואָס איז

פונדעסטוועגן באַקאַנט אונטער דער באַצייכענונג: „גענעאַלאָגיע״. די ביבל אַנטהאַלט אויך אין זיך די געזעצן פון די העברעער, וואָס גייען אַריין אין דער יורידישער אָפּטיילונג, פּונקט ווי די אַרכיטעקטאָנישע באַשרייבונג פון טעמפּל און אויך כּללים פון געזונדהייט. דאָס אַלץ איז פאַר דעם היסטאָריקער אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט, אָבער פאַר דעם געוויינלעכן מענטשן — אָן שום באַדייטונג. עס איז אויך פאַראַן דאָרטן אַ מאַסע לעגענדעס, וואָס די קינדער האָבן הנאה דערפון: די געשיכטע פון דער וועלט-באַשאַפונג, פון מבול, דערציילונגען וועגן געטער, טייוולאָנים און נסים; דאָס אַלץ האָט נישט קיין גרעסערע ווערט, ווי די לעגענדעס פון די אַנגלאָזאַקסן, די אַלטע גריכן, אָדער פון די עגיפּטער.

דאָך זענען אַ סך פון דידאַקטיקע געשעענישן מיט זייער אַ סך געפיל און זייער בילדלעך דערציילט. אַלזאָ — „ליטעראַטור״. מיר געפינען דאָרט אויך אַ דראַמאַטישן פּרווו. אוודאי איז ער פּרימיטיוו און אומקלאָר. יעדער סטודענט פון ערשטן סעמעסטער, וואָס באַהערשט די כּללים פון דער דראַמאַטורגיע וואָלט געקאָנט איבערשטייגן דעם מחבר פון איוב און באַאַרבעטן די טעמע אַ סך קלאָרער און מיט ווייניקער איבערחזרונגען. אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע פעלערן פון דער קאָמפּאָזיציע פאַרמאָגט ער אַ וווּנדערלעכע פּאָעזיע, וואָס מ׳קאָן שווין נישט אויסלערנען אין אונזערס אַן אוניווערזיטעט. אויך די פילאָזאָפיע האָט איר אָרט אין דער ביבל. עס איז פּשוט צו לאַבן, ווען מיר באַטראַכטן, ווי אַזוי אונזערע ביבל-שטאַרקע-גייסטער גלויבן פּונקט אַזוי פעסט אין דער וועלט-פּקחות פון די ווערטלעך און שכל פון דעם פּריידיקער שלמה, ווי אין ישעיה׳ס פייער און אין דעם פאַנאַטישן צאָרן פון ירמיהו. די ביבל פאַרמאָגט אויך אַ מין גייסטלעכע ליריק, וואָס איז אויך אַזוי פול מיט איבערחזרונגען. ווען מיר באַטראַכטן עס אַלס ריטואַל איז גוט, ווייל דער ריטואַל ווירקט כּלומרשט אויפן אונטערבאַוווסטזיין און דערפאַר איז קיין שום זאַך נישט אַזוי וויכטיק, ווי איבערחזרונגען.

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם דאָקטאָר דזשאָנסאָן, וואָס ער טראַכט וועגן דער פעמיניסטישער באַוועגונג אין דער רעליגיע.

ער האָט געענטפערט: — אַ פּרוי, וואָס דרשנט איז פּונקט ווי אַ הונט, וואָס גייט אויף צוויי פיס. ער מאַכט עס שלעכט, דאָך רופט עס אַרויס ביי אונז באַוווּנדערונג, וואָס ער מאַכט עס בכלל. איך גלויב, אַז מיר וועלן, אויב מיר וועלן זאָרגפעלטיק אויספּרוּוון אונ־זער אורטייל, אַנטדעקן, אַז אונזער איבערשאַצונג פון דער אַלטער ליטעראַטור שטיצט זיך אויף דעמזעלביקן געפיל. מיר משפטן זי נישט לויט די מאָדערנע פאָדערונגען, פּונקט ווי מיר מעסטן נישט מיטן גלייכן די קונסט פון אַ קינד, וואָס צייכנט, שרייבט. מיר האָבן בלויז הנאה דערפון צו געפינען אין די אַלטע שריפטן די התחלה פון אמתן דענקן און פון אַ רייפע אָנשויונג וועגן לעבן און מיר זאָגן שטילערהייט: גאָט מיינער, דידאָזיקע אַלטע חברה־לייט האָבן באמת געהאַט שכל.

ווען מיר נעמען עס ליטעראַריש און נישט ווי אַן אַלטן דאָקומענט, וואָלטן מיר געקאָנט דעם גאַנצן אַלטן טעסטאַמענט צונויפשטעלן אין אַ קליין ביכל און מיר זאָלן נישט פאַרלירן דער־ביי קיין שום זאַך, וואָס האָט נאָך אַ ווערט פאַר אַ דערוואַקסע־נעם מענטשן.

## 9

# דער נייער טעסטאַמענט

### דער קאָמוניסטישער אַלמאַנאַך

(פון דעם ליטעראַרישן זונטאָג אי־
בערבליק פון „אַמעריקאַנער טיימס"
א. י. 1944)

## די הייליקע געזעצן פון טייוול

### אַ נייע רעליגיע

„אויף דעם שרייבטיש ביי אַ ליטעראַרישן קריטיקער פון אַ צייטונג געפינען זיך אַ מאַסע ביכער, וואָס מ׳קאָן ביים בעסטן ווילן נישט באַצייכענען מיט דעם וואָרט: ליטעראַטור. פונדעסטוועגן ווערן זיי געדרוקט און געבונדן און זייערע מחברים האַלטן זיי פאַר ווינטיק. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך אַנדערע האַלטן אזוי. דעריבער מוז זיך דער קריטיקער פאַרנעמען מיט אַזעלכע מינים ביכער.

פאַר מיר ליגט אַ בוך, וואָס ס׳איז אָנגעקומען מיט דער פּאָסט און עס איז נישט אָנגעגעבן דער נאָמען פון צושיקער. דעם אינהאַלט האָב איך דערשפּירט תיכף, ווי כ׳האָב עס נאָר דורכגעבלעטערט; יענע, וואָס האָבן געדרוקט דאָסדאָזיקע בוך און עס פאַרשפּרייט ווייסן גאַנץ גוט, אַז עס דראָט זיי קאַטאָרגע. אָבער [illegible]געשיקט דערויף, טרייבט זיי דער פאַנאַטיזם צו פאַראַכטן די דאָזיקע סכנה און אָט ליגט דער רעזולטאַט אַצונד אויף מיין

שרייב־טיש. פאַקטיש זענען מיר אויך אונטער אַ שטראָף, אויב מיר געבן תיכּף נישט איבער דאָסדאָזיקע צו דער פּאָליציי. דאָך זעט עס אויס צו זיין אונזער אויפגאַבע צו ווייזן דעם עולם, וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל עס ווערט צוגעגרייט צווישן דער באַפעלקערונג. מחמת דעם ברענגען מיר דאָ אַן אָפּהאַנדלונג פון קאָמוניסטישן אַלמאַנאַך אויף דעם יאָר 1944.

עס קאָן זיין, אַז עס איז אין הסכּם מיט דער מענטשלעכער נאַטור און מעגלעך, אַז עס איז אַ כּסדרדיקער זיך איבערחזרנדיקער היסטאָרישער פּראָצעס, דאָס יענע, וואָס זענען אָנהענגער פון אַ פאַרבאָטענער אידעע, זאָלן זיך האַלטן פאַר מאַרטירער און פּרוּוון אַרויסציען פון זייערע ליידן פּאָליטישע נוצן. זינט דער פאַרניכטונג פון דער סאָוויעטן־מאַכט דורך די באַוואָפנטע כּחות פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, האָבן זיך די איבערגעבליבענע קאָמוניסטן, וואָס לעבן פאַרבאָרגן אין וועלדער און אין הייֵלן, אָנגעהויבן זיך צו באַטראַכטן אַלס די גרינדער פון אַ נייער רעליגיע. אין דעם דאָקומענט, וואָס ליגט פאַר אונז געפינען מיר דעם גאַנצן אני־מאמין און דעם ריטואַל פון דערדאָזיקער שרעקלעכער פּערווערזיטעט פון דעם אַזוי גערופענעם פּראָלעטאַרישן גייסט, צוזאַמען מיט דער ביאָגראַפיע פון דעם באַגרינדער און די מעשים פון דעם הויפּט־מאַרטירער.

דערדאָזיקער באַגרינדער איז ניקאָליי לענין און ווי מאָדנע עס זאָל אונז נישט אויסקומען: ער ווערט אויך אָנערקענט פאַר אַ הייליקן. עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט איז אויסגעפירט געוואָרן איבער אים אַן אַטענטאַט און מען קאָן זאָגן, אַז די קוילן וואָס זענען דעמאָלט אַריין אין זיין קערפּער, האָבן שפּעטער גורם געווען זיין טויט. דאָס איז שוין געווען גענוג פאַר די לייט פון די סאָוויעטן־מאַכט צו מאַכן אים פאַר אַ מאַרטירער און צו וועבן אַ לעגענדע אַרום וולאַדימיר אוליאַנאָוו. נאָך זיין טויט, האָט מען זיך אַ גאַנץ יאָר געמאַטערט צו באַלזאַמירן זיין קערפּער, און אַז דער דאָזיקער אופן פון אומשטערבלעכקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך, האָט מען אים בלית־ברירה קובר געווען. באַלד דערנאָך האָבן זיך אַרומגעטראָגן מעשהלעך, אַז ער איז אויפגעשטאַנען

תחית המתים און העלפט זיינע נאָכפאָלגער. דאָס איז געווען אַ נס. און מחמת דעם איז לענין אויף אַ געוויסן אופן געוואָרן אַ געטלעכע פערזענלעכקייט און אַלע, וואָס ליידן פאַרן גלויבן פון דער „פּראָלעטאַרישער" רעוואָלוציע ווערן פאַרעכנט אַלס מאַרטירער און הייליקע. אַזוי, לפחות, זאָגט דער קאָמוניסטישער אַלמאַנאַך אויפן יאָר 1944.

די איינלייטונג פון דעם בוך באַשטייט פון פיר ביאָגראַפיעס פון די גרינדער, וואָס שטאַמען בלומרשט פון פיר אָנהענגער, וועלכע האָבן אָנגעהערט צו זיינע ענגסטע פאַרערער: מאַטעוש שיפּינסקי, מאַרקאָ צוקערמאַן, לוקאַ הערצקאָוויטש און איוואַן בעטשניקאָוו. דער לעצטער איז עפּעס אַזאַ מין פילאָזאָף, וואָס שטעלט־צו פאַר דעם באָלשעוויסטישן קולט דעם מאַנטל פון אַ מיסטישן און מעטאַפיזישן סיסטעם. עס איז ממש א פאַרגעניגן אָנצוקוקן, ווי דידאַקטיש אַלע פיר ביאָגראַפיעס פון דעם גרינדער לאָזן זיך אַריין אין די קלענסטע פּרטים און דערביי ווייבן זיי שרעקלעך אָפּ איינער פון אַנדערן. זיי לייגן אַריין אין זייער פירערס מויל די ווערטער פון זייער סעקטע און דערצו זענען די ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט ביי דערזעלביקער געלעגנהייט ביי יעדן איינציקן פאַרשידן. יאָ, עס קלינגט אומגלויבלעך, אָבער די דאָזיקע פיר שטימען קיין איינמאָל נישט אין די באַריכטן פון זייער אָפּשטאַמונג. בלויז אין איין פּרט זענען זיי אַלע איינשטימיק, אַז ער איז געווען די גרעסטע פערזענלעכקייט, וואָס האָט ווען ס'איז געלעבט אויף דער ערד, דער אָנזאָגער פון אַ נייער בשורה פאַר דער מענטשהייט.

נאָך די ביאָגראַפיעס ברענגט נאָך דער אַלמאַנאַך לאַנגע באַריכטן וועגן פאַרשידענע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון קולט, וועגן זייערע רייזעס איבער דער וועלט אין די אינטערעסן פון „קלאַסן־קאַמף" און וועגן די גזירות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אין פאַרשידענע לענדער. מיר מוזן ליידער צוגעבן, אַז עטלעכע שלוחים פון דערדאָזיקע צרה זענען געווען אַמעריקאַנער. זייער אַ באַקוועמער אופן צו ווערן כּאַרהייליקט ביים באָלשעוויסטישן סיסטעם איז, אַז אַ לויז זאָל אַ ביס טון און מ'זאָל שטאַרבן פון טיפוס.

דערפאַר געפינען מיר צווישן די סאָוויעטן-אַפּאָסטאָלן די געשטאַלט פון דזשאָן סידס, געוועזענער סטודענט פון דער האַרוואַרדער אוניווערזיטעט, וואָס איז געוואָרן אַ פאַררעטער פון זיין לאַנד און זיין פאָלק.

ווייטער אַנטהאַלט דער אַלמאַנאַך פאַרשידענע ידיעות פון די דאָזיקע אַגענטן פון דעם סאָציאַלן כאַאָס וועגן די פאַרבלאָנדזעטע אַנהענגער. אָט דער טייל פון זוערק ווירקט במעט קאָמיש מיט זיין פייערלעכקייט, מיט וועלכער די דאָזיקע ווערטער זענען אָפּגעהיט פאַר די צוקונפטיקע דורות. מ'פאַרשפּאָרט שוין איבערצוחזרן, אַז מ'פאָדערט אויף אַלע פאַרטיי-מיטגלידער צו בלייבן טריי זייער גלויבן און די בשורה איבערצוגעבן אַלע איבעריקע לוין- שקלאַפן.

דער דאָזיקער טייל פון דעם ווערק טראָגט דעם טיטל: „עפּיסטאָלן" (דאָס וואָרט „עפּיסטאָל" באַדייט אויף רוסיש בריוו). ביים סוף געפינען מיר נאָך אַ גרויסע צאָל נביאות, וועלכע מ'האָט צוגעשריבן אַ קאָמיסאַר פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג. מיר מוזן קודם כל צוגעבן, אַז דעם דאָזיקן טייל פון בוך הייבן מיר נישט אָן צופאַרשטיין. משמעות, אַז עס דאַרף דינען דער מענטשהייט אין משך פון גאַנצע צווייטויזנט יאָר פאַר אַלע משוגעים און שטאַרקערע נביאים לשם אינספּיראַציע. דערדאָזיקער טייל טראָגט דעם טיטל „די בשורה" און פאַרענדיקט דאָס משוגענדיקע ווערק.

מיר געפינען איין, אַז ס'איז צייט, אַז דער יוסטיץ-דעפּאַרטאַמענט זאָל מאַכן אַ סוף צו זיין נאָכגיביקייט לגבי דער קאָמוניסטישער אַגיטאַציע, און אויך די גאַנצע באַנדע פון סאַלאָן-קאָמוניסטן און די ראָז-פאַרביקע דאַרפן נישט לענגער געדולדעט ווערן. עס וואָלט אונז געטון זייער לייד, אַז דאָס לאַנד זאָל צוריק אומקערן צו דער האַרדינג-קולידזש עפּאָכע, צו די אַלטע טעג פון דער רעפּובּליקאַנישער און דעמאָקראַטישער פאַרטיי. אָבער ווען מיר לייענען אַזעלכע פאַרדאָרבענע זאַכן, ווי דעם „קאָמוניסטישן אַלמאַנאַך", זיפצן מיר בענקענדיק נאָך דעם צוריקקער פון פּאָלמער און דוגערטי, נאָך דידאָזיקע פּולבלוטיקע, הונדערט פּראָצענטיקע אַמעריקאַנער, וואָס האָבן אָנגעווענדעט אַלע כוחות, כדי צו ראַטעווען

## גאָט מאַכט פּראָפּאַגאַנדע

פאַר אונז ליגט אַ ליטעראַרישע קריטיק פון דער פאַרגאַני-
זעגהייט, פון דעם „וואָכנאַיבערבליק פון דער רוימישער טיימס״,
וואָס איז דערשינען אין יאָר 300 אונטער דער רעגירונג פון דעם
קייזער דיאָקלעציאַן. זי איז ענלעך, וואָרט ביי וואָרט, צו יענער,
צו דער „אַמעריקאַן טיימס״ פון 1944, מיט דעם איינציקן אונ-
טערשייד, וואָס אין דעם „אַמעריקאַן טיימס״ ווערן די הפקר-געז-
וואָרענע אָנגערופן: קאָמוניסטן, און אין דער ערשטער ווערן זיי אָנ-
גערופן: קריסטן. אין דעם „רוימישן טיימס״ ווערט דער באַגרינדער
פון קריסטנטום באַצייכנט פאַר אַ פּראָלעטאַרישן פאַרברעכער, וואָס
איז געקרייציקט געוואָרן אונטער דער הערשאַפט פון קייזער אוי-
גוסטוס, צוליב דער באַדראָאונג פון דער עפנטלעכער זיכערקייט.
פון דעמאָלט אָן האָבן זיך זיינע אָנהענגער באַהאַלטן אין קאַטאַ-
קאָמבן און סתם היילן און געטריבן, צו-להכעיס דעם רוימישן גע-
זעץ, אַן אומאויפהערלעכע פּראָפּאַגאַנדע. אויף דעם אָרט פון
דזשאָן ריד דערמאָנט די „רוימישע טיימס״ אַ געוויסן פּאַולוס, אַן
אָפּטריניקן רוימישן דזשענטלמאַן, אַן אַמאָליקן מלוכה-באַאַמטן פון
דער רוימישער אימפּעריע. די „גוטע אַלטע צייט״, נאָך וועלכער
עס בענקט אַזוי די „רוימישע טיימס״, זענען די טעג פון נעראָן,
ווען מען האָט דידאָזיקע רו-שטערנדיקע פאַנאַטיקער אָפּגעפרעגלט
אין אייל, אָדער געגעבן אויפצופרעסן די לייבן. אויפגעמונטערט פון
דערדאָזיקער חשובסטער פון אַלע „טיימס״, האָט דיאָקלעציאַן ווי-
דער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן ווילדע גזירות אויף קריסטן. אין פיר-
אונצוואָנציק יאָר אַרום אָבער, איז דיאָקלעציאַנס נאָכפאָלגער איבער-
געגאַנגען צום קריסטנטום, וואָס איז געוואָרן דערקלערט פאַר דער
אָפיציעלער רעליגיע פון דער מלוכה, און באַרעכטיקט אַלע אַנדע-
רע רעליגיעס צו רודפן.

דער לייענער וואָס איז אַ קריסט, וועט מיך מסתמא וועלן

דערמאנען, אז יעזוס איז געווען א פאציפיסט. אז ער איז געווען צארט און געדולדיק. דערויף וועל איך אים ענטפערן, אז די ערשטע סאציאלע רעוואלוציאנערן זענען אויך אזוי געווען אוטאפיסטיש געשטימט און אפעלירט צו די געפילן פון ליבע און ברודערלעכקייט. ווען דער נייער טעסטאמענט האט אנגענומען זיין איצטיקע פארם, איז נאך נישט געווען קיין איינציקער קריסט, וואס האט זיך פארמאסטן אויף א וועלטלעכער מאכט. ווען די קריסטן זענען אבער אונטער דער הערשאפט פון קייזער קאנסטאנטין אריינגעטרעטן אין דער רעגירונג, האבן זיי זיך אנגעהויבן נוהג צו זיין, ווי ס'איז זיך נוהג יעדע רעגירונג אויף דער וועלט, דאס הייסט : זיי האבן זיך געהאלטן פעסט אן דער מאכט און אנגעווענדט אזוי פיל געוואלט, וויפל עס האבן נאר געפאדערט זייערע צילן. אויב דעם לעזער שאקירט דער פאקט, וואס די סאוויעטן-רעגירונג האט געפירט צוויי יאר נאכאנאנד א דעפענסיווע-קריג אויף זעקסאונצוואנציק פראנטן, בעט איך אים זיך צו דערמאנען אן די קרייץ-צוגן, וואס באדייט נישט מער און נישט ווייניקער, ווי צוויי הונדערט יאר אפענסיווע און פראפאגאנדיסטישע מלחמה. אויב עס איז דערשיטערט פון די געשיכטעס, וואס ער לייענט וועגן דער „טשעקא” און די יסורים פון די געפאנגענע אין רוסלאנד, בעט איך אים צו לייענען די געשיכטעס וועגן דער שפאנישער אינקוויזיציע. אויב מיר זאלן נעמען אויסרעכענען די אומגעהויערע צאל פון רעליגיעזע מלחמות, וואס האבן אין משך פון גאנצע טויזנט יאר פארוואנדלט אייראפע אין א בית הקברות, וואלטן מיר זיך געקענט טרייסטן מיט דער טענה, אז אויף יעדן געאפפערטן לעבן אין סאוויעט-רוסלאנד, זענען פאראן הונדערטער טויזנטער לעבנס, וואס מ'האט מקריב געווען אין נאמען פון דעם צארטן און הכנעהדיקן יעזוס.

עס האנדלט זיך דא וועגן א פראבלעם, וואס קען נישט געלעזט ווערן אין משך פון איין דור, אפילו נישט אין א גאנצן יארהונדערט. מיר בלייבן ווידער ביי אונזער פראגע, וויאזוי ליטעראריש אויפצופאסן דעם נייעם טעסטאמענט. עס איז אן אנגענומענער כלל, אז קיין שום ווערק אין דער וועלט האט נישט איבערגעלאזט

אזא טיפן רושם אויף דער מענטשהייט, ווי דער נייער טעסטאַמענט. און דאָך, הגם דידאַקטישע ליטעראַטור איז ריינע אויספּאַרפּעלשטע פּראָפּאַגאַנדע; אין דער עוואַנגעליע, אין די אַפּאָסטאָל-געשיכטעס, אין די עפּיטעלן און אין די אָנזאָגונגען — אין קיין שום אָרט געפינען מיר נישט אַפילו קיין איין איינציקע שורה, וואָס זאָל נישט זיין באַוווסטזיניקע און בכיוונדיקע פּראָפּאַגאַנדע.

## 10

# די גריכן

ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגערמאַן און מיט לאַנגזאַמע טריט זיך דערנענטערט צום סאָציאַליזם, האָב איך אַנטדעקט, אַז די באַוועגונג פאַרמאָגט אַ ווילטעטיקע פרוי. זי האָט געהייסן פּרעס־טאָניאַ מאַרטין און זי האָט פאַרמאָגט אַ וווּנדערבאַרע שיינע היים אין אַ פאָרשטאָט פון ניו־יאָרק און אַ פּאַלאַץ אין די בערג. ביי איר זענען זיך צונויפגעקומען די גוט־דערצויגענע ראַדיקאַלן, זיי האָבן זיך אַליין באַדינט ביים טיש, אַליין געוואַשן זייערע וועש, צו ביסלעך געגראָבן אין גאָרטן און זיי האָבן געהאַט דאָס געפיל, ווי זיי וואָלטן זיך געפינען אין דעם פּרוזדור פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַט. דזשאָן מאַרטין אַליין איז אין לאָנדאָן געווען אַ מיטגליד פון די פּע־ביאַנס, דעריבער האָבן מיר געוווּסט, אַז מיר געפינען זיך אונטער אַ גוטער אויפזיכט און אַז מיר וועלן תמיד האַנדלען גוט.

אָבער די צייט האָט אויף דער נשמה פון מיינע פריינט, פּרעסטאָניאַ און דזשאָן, איבערגעלאָזט שטאַרקע שפּורן. זיי האָבן פאַרלוירן זייער גלויבן אין דעם צוקונפטיקן שטאַט. איצטער, ווען מען באַזוכט זייער שיינע היים איבערן קין־טאַל, טרעפט מען שוין נישט דאָרטן מער די יונגע ראַדיקאַלן און מען דאַרף זיך שוין נישט מער אַליין וואַשן קיין וועש. דאָרטן קומט מען זיך היינט צונויף מיט פייערלעכע פילאָזאָפן און מ׳הערט ווי פרוי פּרעסטאָניאַ רעדט וועגן דעם טרויעריקן אמת, אַז די מענטשהייט האָט נאָך

בכלל נישט געמאַכט קיין פאָרשריט. דאָס פּאָרפּאָלק האָט אונ־טערגענומען אַ נייעם קרייץ־צוג: די פרוי דאַרף באַשיצט ווערן פאַר דער גרויזאַמקייט פון דער פּאָליטיק. אַז איך האָב באַגעגנט ס׳לעצטע מאָל דזשאָן, דאָס איז געווען קורץ פאַר דער מלחמה, איז ער געווען זייער אַ חשובער מיטגליד אין איינעם פון די ניו־יאָרקער שול־קוראַטאָריומס. ער האָט גוטמוטיק געלאַכט, בעת איך האָב אים דערקלערט, אַז אין משך פון די נאָנטסטע צען יאָר וועלן אין שטאַט ניו־יאָרק די פרויען האָבן וואַל־רעכט: — „דאָס וועלן זיי נישט דערלעבן״—האָט דער נביא דזשאָן דערקלערט.

דער פּסאַלמיסט האָט אַרויסגעזאָגט דעם פאַרלאַנג: אָך, מיין שונא האָט אָנגעשריבן אַ בוך. אינם דאָזיקן פאַל איז די פרוי פון מיין פיינט געווען אומפאַרזיכטיק. אָט ליגט פאַר מיר אַ בלומרשט וויסנשאַפטלעך ווערק, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1910. עס הייסט: „צי גייט די מענטשהייט פאָרויס?״ פון פרוי דזשאָן מאַרטין. איך ציטיר דאָסדאָזיקע בוך פאַר אַ ביישפּיל פון אַ געוויסן קולטור־אַבערגלויבן, ווייל עס מאַכט די מעשים פון דער פאַר־גאַנגענהייט אומשטערבלעך לעבערלעך. מיין אַלטע פריינדין פרעסטאָניאַ האָט אַנטדעקט, אַז די גריכן האָבן דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון קולטור, וואָס עס איז געווען אויף אונזער וועלט. איר השערה, אַז די מענטשהייט האָט נאָך ביז היינט צו טאָג נישט געמאַכט קיין פאָרשריט, שטיצט זיך אויף איר פאַרהערלעכונג פון דער גריכישער קולטור.

אינדעראמתן איז פרוי פרעסטאָניאַ געווען ווייניק באַקאַנט אין דער גריכישער קולטור. דאָסדאָזיקע האָב איך באַמערקט אין די צאָלרייכע דיסקוסיעס, בעת זי איז גראָד באַשעפטיקט געווען מיטן שרייבן דאָס בוך. זי האָט גאַנץ פּשוט גענומען אַ געשיכטע פון גריכנלאַנד, אויסגערעכנט די אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן, באַאָטיש זיי אָנגעוואָרפן אויפן פּאַפּיר, נישט פאַרטראַכט זיך איבער זייערע איבערצייגונגען און זייערע היסטאָרישע ראָלן. אויף דעם־דאָזיקן אומוויכטיקן פאַקט, צי דידאָזיקע פערזענלעכקייטן האָבן זיך איינער דעם אַנדערן באַקעמפט, אָדער דערהרגעט; צי זייערע לע־רעס האָבן זיך סותר געווען איינער דעם אַנדערן, אָדער גאָר

באַגרינדעט, — דערויף האָט זי לחלוטין נישט געלייגט קיין אַכט. זיי זענען געווען גריבן און דערפאַר גרויסע מענטשן! זי האָט זיך צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון אַן ערך דריי הונדערט נעמען, לויטער גאונים און זי האָט געפרעגט: וועלבע הייַנטיקע נעמען קענען מיר פאַרגלייַכן מיט זיי?

איך האָב מיר גענומען דעם מוט אָנצוגעבן מייַן פרייַנדין פּרעסטאַניאַ אייניקע נעמען, אָבער עס האָט זיך געהאַנדלט אין מאָדערנע מענטשן, געמייַנע מענטשן, וואָס זענען געווען שיין אָנגעטון, געגעסן קובן און געאַרבעט פאַר דאָלאַרס. צי קאָן מען דען פאַרגלייַכן עדיסאָן מיט אַרכימעדעס? דאָס וואָלט דאָך געווען לעבערלעך! אָדער פּאַסטער מיט היפּאָקראַטעס!

„חשובע פרוי — בין איך צו איר צוגעשטאַנען — היפּאָקראַטעס האָט געגלויבט, אַז די קראַנקהייטן אַנטשטיין דורך „שוואַרצע זאַפטן" און, אַז די קריזיסן זענען אָפּהענגיק פון די גאַטריאַנער.

— „דאָס קען מעגלעך זייַן — האָט פרוי פּרעסטאַניאַ צוגעגעבן — פונדעסטוועגן איז היפּאָקראַטעס דער גרעסטער מעדיקער, וואָס האָט נאָר אַמאָל געלעבט". ווייטער האָט זי דערקלערט, אַז סאָקראַטעס איז איינער פון דער הערלעכסטער בליונג פון דער אַטענישער קולטור, — הגם דידאַזיקע אַטענישע קולטור האָט אים גראָד געצוווּנגען אויסצוטרינקען דעם בעבער-סם. אין איר גאַלעריע פון באַרימטקייטן האָט זי אויך אַרייַנגערעכנט פּעריקלעסן, הגם ער האָט געפירט זייַן לאַנד צום אונטערגאַנג און צוגעגנבעט קהלישע געלטער. פאַר זיי איז ער באַרימטער געווען ווי די לינקאָלנס, וואָס האָבן געראַטעוועט די אַמעריקאַנישע פאַרייַנען און באַפרייַט עטלעבע מיליאָן שקלאַפן. דער אויסגעלאַסענער יינגער דעספּאָט אַלעקסאַנדער, וואָס האָט געלעבטצו דעראָבערן פאַר זיך ביידע וועלטן, איז געשטאַנען בייַ איר פיל העבער, ווי אַ דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וואָס האָט געשאַפן אַ פאָלק פרייַע מענטשן און דערנאָך זיך אומגעקערט צו זייַן פּלאַנטאַציע-אַרבעט.

נאָכדעם, ווי איך האָב פאַר איר אומזיסט אויסגערעכנט אַלע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער ליטעראַטור, קונסט, פּאָליטיק, פילאָזאָפיע, אינדוסטריע און וויסנשאַפט, האָב איך לסוף עפּעס

דערשפּירט אַ זאַך, וואָס פרוי פּרעסטאָניאַ האָט נישט געוואָלט זאָגן: ס׳האָט איר געצויגן צו לעבן אין אַלטן אַטען — אָבער נישט אָן געוויסע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער היגיענע. און עס איז איר לחלוטין נישט איינגעפאַלן, אַז דערצו רעכנט זיך צו בליי, קופּער, שטאָל, ניקל, פּאָרצעלײַ אין פאַרבן. און פּונקט אַזוי די פאַבריקן, ווו עס ווערן געשאַפן דידאָזיקע זאַכן, צוגן און לאַסט-אויטאָמאָבילן, אויף וואָס זיי ווערן אָנגעלאָדן. און נאָך ווייטער: דער טעלעגראַף, טעלעפאָן, עלעקטרישע באַלויכטונג, דאָס קרעדיט-סיסטעם, די מאָדערנע בוכפירונג, קאַפּיטאַל און פּראָלעטאַריאַט, די רעפּובליקאַנישע פאַרטײַ און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג!

דאָסדאָזיקע קאַפּיטל זאָל אונז דינען אַלס איינלייטונג פאַר אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער קונסט און ליטעראַטור פון אַלטן גריבנלאַנד און אונז צווינגען צו נעמען אין אַכט די איינע פראַגע: וויפל פון דער גריבישער קונסט און ליטעראַטור באַוווּנדערן מיר אינדערעמתן, און וויפל דאַכט זיך אונז, אַז מיר באַוווּנדערן? אויף ווי וויט אמת איז די גרויסקייט פון דער גריבישער קולטור און אויף ווי-וויט זי איז נישט מער ווי אַן אַבערגלויבן, אונטערגעהאַלטן פון געוויסע הערן פאַר די, וואָס דער אויסגעהאַלטענער עקזאַמען אויפן אוניווערזיטעט באַדײַט נישט מער, ווי אַ ברויט-קאַרטע אין דערדאָזיקער וועלט.

## פרוי אָגי פאַרלאַנגט מער איינגעהאַלטנקייט

— אָ, איך ווייס שוין: די קומסט שוין ווידעראַמאָל אַרויף אויף דײַנע געדאַנקען, כדי די מענטשן ווי ווייט מעגלעך צו שאָקירן און אויפרעגן זיי. צי ווילסטו איצט פעסטשטעלן, אַז די גריבישע קונסט איז געווען פּראָפּאָגאַנדע? — האָט פרוי אָגי באַמערקט.

— איך קאָן אַנדערש נישט זאָגן.

— דו ווייסט דאָך יאָ, אַז גראָד דידאָזיקע קונסט האָט תמיד געדינט אַלס אַ בײַשפּיל פון פולקאָמענער ריינער קונסט און איז ציטירט געוואָרן אַלס דער אויסדרוק פון פרייד צוליב דער שיינקייט און ליבע צו איר.

— דאָס גריכישע פאָלק איז געווען אַ ליבהאָבערין פון שיינקייט און הונגעריק נאָך פרייד, זיי האָבן פאַרקערפּערט זייערע אידעאַלן אין געשטאַלטן פון געטער און געטינס — וואונדערבאַרע געשטאַלטן. קיין שום פאָלק איז נישט בכּח שענער פאָרצושטעלן דעם מענטשלעכן קערפּער, ווי זיי האָבן עס געטון. אויב אָבער די באַטראַכסט אין דידאָזיקע געטער נאָר זייער שיינקייט, האָסטו פונקט דעמזעלבן טעות, וואָס די גריכן — דערצו נאָך אָן דער אַנטשולדיקונג פון אומדערפאַרנקייט.

— וועסטו מיר איצטער אָפּהאַלטן אַ קריסטלעכע דרשה איבער נאַקעטע מירמלנע אָפּגעטער?

מיר וועלן פּרוּוון אַריינצודרינגען אין דער גאַנצער קונסטפּראָדוקציע פון די גריכן, אַרויסנעמען פון דאָרטן, וואָס די גריכן האָבן דאָרטן אַריינגעלייגט. דידאָזיקע מענטשן האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו צו פאַרוואַנדלען אין אַ באַזיס פון דער ציוויליזאַציע די ליבע צו שיינקייט — דאָס הייסט, דעם צוטרוי צו דער נאַטור. — דער פּרוּוו האָט זיך נישט איינגעגעבן. ער האָט זיי פאַרשאַפט צרות, אומדערפאָלג און יאוש. דאָסדאָזיקע זעט מען אַפילו אַרויס פון זייערע אַלע קונסטווערק. אין די גריכישע אַנטאָלאָגיעס געפינען מיר אַ גרויסע צאָל אויפשריפטן, פּערזן, שפּריכווערטער, און אונטער דידאָזיקע אַלע ווערטער — קוים איין וואָרט פון גליק. זייער קונסט איז באַשטאַנען אין אויסדריקן זייער טרויער דורך שיינע און מעלאָדישע ווערטער. „דאָס בעסטע פון אַלע זאַכן — האָט געזאָגט טעאָגניס — איז: נישט געבוירן צו ווערן". און אַנעקראָן, דער דיכטער פון פרייד, האָט פאַרגליכן דאָס לעבן צו אַ ראָד פון אַ וואָגן, וואָס „לויפט זיך גיך פאַרויס".

— דאָס איז דאָך באמת אַזוי.

— עס איז פאַראַן עפּעס, וואָס איז אייביק. מיר דאַרפן עס נאָר אויסגעפינען. מיר דאַרפן אָנכאַפּן דאָס לעבן און קערעווען עס, נישט נאָר זיך שפּילן אין אַ גאָרטן, ווי גליקלעכע קינדער. די גריכן האָבן זיך געשפּילט, און זייער גאָרטן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ הויז פון בייגער, אין אַן אימהדיק אָרט. איך האַלט פאַר אַן אומגעהויערן קריטישן טעות, ווען מען טענהט, אַז די גריכישע קונסט

איז די פאַרקערפּערונג פון פרייד און פרייהייט. דער העכסטער אויס־דרוק פון דערדאָזיקער קונסט באַשטייט אין טראַגעדיעס, וואָס זענען געשאַפן און אויסגעפירט געוואָרן דורך די געמיינדעס. דידאָזיקע אויפפירונגען זענען געווען אַ רעליגיעזער ריטואַל און דער העכסטער אויסדרוק פון עפנטלעכן לעבן. און וואָס געפינען מיר אין זיי? די אייגענע, תמיד גלייכע אומפאַרענדערלעכע טעמע: די הילפלאָזיקייט פון מענטשלעכן גייסט, די מאַכט פון שיקזאַל. אַ שוואַרצער שאָטן הילט איין דאָס לעבן פון די מענטשן, זיי קריכן בלינד אַרום אין אַ פינסטערניש. גאַנצע פאַמיליעס, די מעכטיקסטע דינאַסטיעס זענען פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג, זיי ווערן פאַרפאָלגט פון דער ברויזאַמער, אומבארחמנותדיקער גערין פון נקמה. פינסטערע נביאות, אַרויסגעזאָגט נאָך פאַרן געבורט פון מענטשן ווערן מקוים. מיר זען, ווי דידאָזיקע מענטשן באַמיען זיך אומזיסט מיט אַלע כחות אויס־צוווייבן זייער שיקזאַל. אונזער פאַרגעניגן אַלס צושויער באַשטייט אין דעם, וואָס מיר קוקן זיך צו צו דידאָזיקע קאַמפן, צו דערקע־נען די הילפלאָזיקייט פון אונזערע מיטמענטשן. מיר ווערן אויפגעהויבן ביז צום הימל פון די געטער. באַהאַוונט אין חכמה און אַלמעכטיקייט, נאָר דערמיט, וואָס מיר שנעבן אַריין דעם שפּיז אין אונזער אייגענער ברוסט, זענען מזנה אונזערע מוטערס אָדער שוועסטער, שטעכן אונזער פאָטער אָדער ברודער און רייסן זיך אַליין אויס די אויגן. אַזוינע זאַכן פאָרצושטעלן פייערלעך און מאַיעסטעטיש, מיט מע־לאָדישע ווערטער, צום טאַקט פון אַ הערלעכער מוזיק און באַ־גלייט מיט די רייצנדע באַוועגונגען פון כאָר — דאָס איז דער גרעסטער טאַט פון דידאָזיקע פאַרהערלעכער פון שיינקייט און פרייד!

— ביסט געוואָרן שטאַרק באַריידעוודיק — האָט פרוי אָגי אַ זאָג געטון, ווייל זי איז גישט געוווינט געווען צו הערן אַ סך רעדן אין איר הייל — און וואָס פאַר אַ מוסר השכל בעמסטו אַרויס פון דערדאָזיקער קונסט?

— מיר זענען ווי די דאָקטוירים, וואָס באַהאַנדלען אַ קראַנקהייט נאָכדעם, ווען דער פּאַציענט איז שוין געשטאָרבן. מיר ווילן זיך דערוויסן די סיבה פון זיין טויט, כדי מיר זאָלן וואָרנען די לעבע־דיקע פּאַציענטן. פון דעמדאָזיקן מת לערנען מיר, אַז דער זינלעכער

געגוס איז נאָך גאַנץ ווייניק צו זיכערן דאָס מענטשלעכע לעבן, אז נאָך נישט אַלץ איז דאָס, ווען מענטשן שאַפן ווונדער־באַרע סטאַטועס, וואָס שטעלן פאַר נאַקעטע לייבער, בויען־אויף טעמפּלען פון פרייד און ליבע, בעת דאָס פּאָליטישע לעבן איז גלייכצייטיק פול מיט האַס, גיריקייט און קאָרופּציע.

— איז אין עפנטלעכן לעבן פון גריבנלאַנד פאָרגעקומען קאָרופּציע?

אַזאַ קאָרופּציע, וואָס מיר מאָדערנע מענטשן זענען נישט בכח זיך עס פאָרצושטעלן. יאָ, יאָ, איך פאַרגעס נישט דערביי אונזערע אייגענע קאָרופּציעס. אַפילו אַ קינאָ־פּובליקום וועט אי־בעררראַשט ווערן פון אַזאַ קאָרופּציע, וואָס איז ביי די גריכן אויס־געקומען גאַנץ נאַטירלעך.

— דאָס קלינגט פאַר מיר זייער אינטערעסאַנט — האָט פּרוי אָגי אים איבערגעריסן — דערציילן זשע מיר סקאַנדאַליעזע געשיכ־טעס פון יענעם חשובן לעבן.

— קודם־כל מוז איך דיר דערציילן וועגן קלאַסנקאַמף אין דער גריכישער געזעלשאַפט, די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די שטאַטן און —

הער אויס מיין עצה: דעמדאָזיקן פאָרטראַג שטעל אַוועק צום סוף פון בוך, און דאַן פאַרגעס אים אַריינצונעמען. נעם דיין בעזעם מיט וואָס דו קערסט אויס דאָס מיסט און רייניק אויס מיט אים דעם פאָרטעגאָן.

— איך וועל — האָט אָגי אָפּגעענטפערט — נעמען אַ כאַ־ראַקטער־טיפּ פון אַלטן גריבנלאַנד, אַריינפירן אים אין אונזער וועלט און זען וואָס פאַר אַ פּנים ער וועט דאָ האָבן. אָט, למשל:

## 11

# וויליאם ראַנדאָלף אַלקיביאַדעס

(פון דעם ווערק: „דער אַמעריקאַנישער פּלוטאַרך״: אונזערע פּירנדע שטאַטסמענער, געשילדערט פאַר דער יוגנט מיט אַ מאָראַלישן מוסר השכל.

ניו יאָרק. א. ד. 2124

„דער גורל פון וויליאַם ראַנדאָלף אַלקיביאַדעס, — דער באַרימטער פּובליציסט, סאָלדאַט און פּאָליטיקער — איז אויסגעפאַלן אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה. ער איז געבוירן געוואָרן צו מאַכט און צו לוקסוס. ער איז געווען אַ פּלימעניק פון די גרויסע מלוכה-מענער פון זיין צייט, זיינע לערער זענען געווען די פירנדיקע פילאָזאָפן פון זיין צייט. ער איז געווען שיין און אָנציענדיק, אָבער זיין יוגנט איז געווען ווילד און ציללאָז. ער האָט פאַראַכטעט די אָפיציעלע קאַריערע, וואָס מ׳האָט אים פאָרגעלייגט און איז געוואָרן פירער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זיינע שונאים האָבן אים אָנגערופן דעמאַגאָג און שטאַרק באַקעמפט זיינע ערלעכע איבערצייגונגען.

אין דער ערשטער וועלט-מלחמה, איז דער יונגער שטאַטסמאַן באַשטימט געוואָרן פאַר הויפּט-אָנפירער איבער די אַמעריקאַנער מחנות אין פראַנקרייך. ער קערט זיך אום אַ היים, אָרגאַניזירט און פירט אָן מיטן פעלדצוג צו דעראָבערן זיד-אַמעריקע און באַלאַגערט

בוענאָס איירעס. ער ווערט אָפּגערופן פון זיין אַמט, ווייל זיינע פריינט האָבן אויפגעהויבן קעגן אים אַן אָנקלאַגע, אַז אַ נאַכט פאַרן ארויספאָרן מיט זיינע מחנות איז ער באַגאַנגען אַ גאָטסלעסטערונג דערמיט, וואָס ער האָט פון דער סטאַטוע דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וואָס שטייט פאַר דער שאַץ-קאַמער, אָפּגעשאָסן די נאָז. די געשיכטע וועט זיך קיינמאָל נישט דערוויסן, ווער עס האָט באמת אָפּגעטון אַזאַ וואַנדאַליזם. אינדעראמתן איז דאָרטן געשטאַנען אַ יונגערמאַן און ער איז געווען דער פאַרברעכער, און אייניקע פון יענע לייט, וואָס ער האָט אָנגעגעבן אַלס מיטשולדיקע זענען פאַרמשפט געוואָרן צום טויט. אָבער וויליאַם ראַנדאָלפס שונאים האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דאָסדאָזיקע עדות-זאָגן האָט ער זיך געקויפט, בדי פטור צו ווערן פון עטלעכע קעגנער זיינע".

„וויליאַם ראַנדאָלף, וואָס האָט באַדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן אַלס געפאַנגענער אין זיין היים, איז אונטערוועגס פאַרשוווּנדן געוואָרן און אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד. בדי נקמה צו נעמען אָן זיינע שונאים, אָפּעלירט ער צו דער בריטישער רעגירונג און פאָדערט זיי אויף צו שטעלן זיך אויף דער זייט פון זיד-אַמעריקע און אָנהויבן אַ קאַמף קעגן נאָרד-אַמעריקע. זיינע ווערטער געפינען אַן אָפּקלאַנג. סיי ענגלאַנד און סיי פראַנקרייך שיקן אַרויס קריגסשיפן אָנצוּוואַרפן אַ מורא אויף בוענאָס-איירעס. אָבער וויליאַם ראַנדאָלף מוז אויך אַנטלויפן פון ענגלאַנד, ווייל דער ענגלישער קעניג האָט אַנטדעקט, אַז דער יונגער אַמעריקאַנער האָט באַציונגען מיט דער קעניגין."

וויליאַם ראַנדאָלף האָט זיך געדאַלטן צוריקגעצויגן ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן מיט די פאַרבינדעטע מלוכות: יאַפּאַן, כינע, ענגלאַנד און פראַנקרייך. ראַנדאָלף איז פריער געווען אַ הייסער קעגנער פון יאַפּאַן, אָבער נישט געקוקט דערויף איז ער אָנגעקומען אין הויף פון יאַפּאַנישן קיסר און מיט דער הילף פון מאָנאַרכס געלט האָט ער געשיקט שליחים קיין אַמעריקע, כדי צוצוגרייטן דאָרטן אַ פאַרשווערונג. אין יענעם טאָג האָט די שנאה צווישן דער רעפּובליקאַנישער און דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי דערגרייכט צו אַזאַ פאַרביטערונג,

אַז זיי זענען גרייט געווען צו יעדנס עצה, ווער עס וועט זיי נאָר צוזאָגן די מאַכט איבער דער אַנדערער פּאַרטיי. וויליאַם ראַנדאָלף, דער דעמאָקראַט, איז איבערגעגאַנגען צו די רעפּובליקאַנער. זיינע אַגענטן האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די אָפיצירן פון קריגס-פלאָט און צוזאַמען מיטן ריכטער געריי, דזש. פּ. מאָרגאַן און אַנדערע רייכע הערן, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן די רעגירונג. זיי האָבן געשאַפן אַ נייע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט באַגרענעצט דאָס וואַל-רעכט אויף פינפטויזנט רייכסטע שטאַטס-בירגער".

„די נייע רעגירונג האָט זיך פאַרבינדן מיט יאַפּאַן און בינע קעגן ענגלאַנד און פראַנקרייך. וויליאַם ראַנדאָלף קערט זיך אום צוריק אין די פאַרייניקטע שטאַטן ז.זן ער ווערט באַשטימט אַלס הויפּט-אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער אַרמעע. ער איז עטלעכע מאָל באַזיגט געוואָרן און ער האָט אָנגעווירן זיין פּאָפּולאַריטעט. ער איז אַנטלאָפן אין אַ שלאָס, וואָס ער האָט געלאָזט פאַר זיך אויפבויען אין מעקסיקע. די בריטישע רעגירונג, שטאַרק אויפגעבראַכט, וואָס ער האָט אויפגעהעצט קעגן זיי דעם קיסר פון יאַפּאַן, האָט דורך אירע שלוחים געלאָזט אונטערצינדן דעם שלאָס. וויליאַם ראַנדאָלף אַלקיביאַדעס איז דערשאָסן געוואָרן אויף די חורבות פון דער ברענענדיקער געביידע".

„דערדאָזיקער גורל פון אַ מענטשן ווייזט אונז קלאָר, אַז פאַר אַ שטאַטס-מאַן אין נאָך ווייניק, וואָס ער איז שיין און אָנציענדיק. חוצדעם מוז ער אויך האָבן באַזוכט אין זיין יוגנט אַ זונטאָג-שול".

## 12

## דאָס יאָרהונדערט פון העלדנפאַרערונג

די גריכישע ציוויליזאַציע איז געשאַפן געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל פאַרשידענע שבטים, וואָס האָבן באַוווינט די אינזלען אָדער פּרוכטבאַרע, דורך בערג אָפּגעטיילטע, טאָלן, צווישן

דידאָזיקע שבטים האָט תמיד געהערשט מחלוקת און האַס. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געקאָנט צונויפגיסן אין איין נאַציע, און זייער געשיכטע איז אַ לאַנגע קייט פון כסדרדיקע אינטריגעס און מחלוקת. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער קלאַסנקאַמף. די אַריסטאָקראַטישע קלאַסן, וואָס האָבן געהאַט אייגענע ערד, זענען געזעסן אין דער רעגירונג און דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געוווינט אין די שטעט, האָט זיך פון זיין זייט אויך געריסן צו דער מאַכט. ס'זענען אויפגעשטאַנען פאָלקס - פירער, עס זענען פאָרגעקומען פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן. די פירער פון די אַראָפּגעזעצטע פאַרטייען האָבן זיך פאַרבינדן מיט אַנדערע שטאַטן און זיי אויפגעהעצט צו מלחמה קעגן זייער אייגענעם שטאַט. נאָך ערגער: עטלעכע פון זיי האָבן צוליב זייערע אינטערעסן גענומען געלט פון פערסישן קעניג, וואָס האָט פאַרקערפּערט אין זיך דעם באַרבאַרישן דעספּאָטיזם.

די ערשטע שריפטלעכע דאָקומענטן ווייזן אונז די גריכן, ווי זיי האָבן נאָר-וואָס בייגעקומען די משפחה-ווירטשאַפט. אָבער עס האָבן נאָך אַלץ געהערשט די עלטסטע, זיי זענען געווען קלוג און רייך און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אָנצורירן זייער אויטאָריטעט. זיי האָבן געשלאָסן צווישן זיך פאַרבינדונגען, אונטערגענומען רויבנסיעות אין אַנדערע שטאַטן, דאַן האָבן זיי זיך צוריק אומגעקערט אין זייערע פּאַלאַצן און זיך געדינגען זינגער, מ'זאָל זיי זינגען לידער וועגן זייערע העלדישע מעשים. אזוי אַרום זענען געשאַפן געוואָרן די האָמערישע געזאַנגען, די פּראָפּאַגאַנדע פון דעם הערשנדיקן קלאַס, — וועלכע האָבן פאַרהערלעכט די אורעלטערן פון די גרויסע אָנפירער און באַדאַרפט וועקן אין דער נייער גענעראַציע דעם גייסט פון געהאָרכזאַמקייט און געפילן פאַר מלחמה.

די האָמערישע העלדן ווערן כמעט ביי אַלע דיכטער אָפּגעשאַצט ווי אַ קונסט-געזעץ. תמיד זענען זיי האַלבע געטער, אַ פּועל - יוצא פון דער הייטערער שטימונג פון וועלכן סאיז אָלימפּ-איינוווינער וואָס, האָט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און אויף אַ לאַנקע דערזען אַ שיין גריכיש מיידל. דידאָזיקע געטלעכע אילעגיטימיטעט באַרעכטיקט די העלדן צו פאַרנעמען דעם רעכטן

מיטן נון דער בינע און זיי טוען עס אויך. אינדעראמתן זענען זיי געגליכן צו אָנגעפרעסטע, אייפערזיכטיקע, פוילע און קאַפּריזנע שול־יונגען. און כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס די געטער פון וועמען זיי שטאַמען אָפּ און וואָס שטעלן פאָר דעם העכסטן אידעאַל, זענען דאָסגלייכן אַזוי אָנגעפרעסן, אייפערזיכטיק, פויל און קאַפּריזנע. דאָס איינציקע שיינע געפיל אין די דאָזיקע געזאַנגען, איז די ליבע פון פאָטערס און מוטערס, פרויען און קינדער צו די דאָזיקע העלדן, — אַ ליבע, וואָס זיי האָבן זיך נישט פאַרדינט.

פאַר אונז באַצייכנט דאָס וואָרט „האָמעריש" עפּעס אומבאַגרייפלעכעס, עלעמענטאַרעס און וויכטיקס. ווי איז עס מעגלעך געווען, וואָס האָמער האָט פאַרשטאַנען אַלע זיינע כאַראַקטערן צוזוגעבן דעמדאָזיקן „הערשאַישן" עפעקט? דידאָזיקע ווירקונג האָט ער דערגרייכט אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געלאָזט זיינע העלדן מנצח זיין די גאַנצע איבעריקע וועלט און די געטער אַליין זאָרגן פאַר זייער גורל. אָבער פריער פאַר אַלץ דערפאַר, ווייל ער האָט זיי געשילדערט פאַר אומאָפּגעהאַלטענע אין זייערע געפילן און פאַרלאַנגען, — אַלץ אַזעלכע פאַמיליען־אייגנשאַפטן, מיט וועלכע די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך פון תמיד אָן אויסגעצייכנט.

און דאָס פירט אונז אַרויף אויפן געדאַנק, פאַרוואָס אַזעלכע מענטשן ווי מתי אַרנאָלד און גלאַדסטאָן האָבן געקאָנט אָנשרייבן אַזויפיל בענדער פול מיט באַגייסטערונג וועגן האָמערן. אין ענגלאַנד איז דאָ אַ קלאַס, וואָס האָט געפינען מיטלען תמיד אויפסניי צו באַווייזן דער וועלט, אַז זיי נויטיקן זיך נישט אין אירע פאַרוויילונגען. דערדאָזיקער קלאַס אַליין איז בכוח אויפצוטון דאָס, וואָס די גאַנצע געמיינע ערד איז נישט בכוח אויפצוטון. מען דאַרף נאָר לייענען, פאַרשטיין און געניסן די גריכישע און לאַטיינישע ליטעראַטור. האָמער באַדייט פאַר דער בריטישער קולטור דאָסזעלבע, וואָס דער צילינדער פאַר דער בריטישער הלבשה.

פאַר האָמערן איז עס געווען נאַטירלעך, ווייל ער האָט געלעבט מיט דעם אַריסטאָקראַטישן געדאַנק און ער האָט געגעבן דעם אַריסטאָקראַטישן גייסט דאָס, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. פונקט ווי מיר אין אַמעריקע היטן אָפּ די גענעאַלאָגישע ווערק, כדי צו

באווייזן דורך זיי, ווי אונזערע עלטערן זענען אריבערגעקומען אויף דער „מאי-פלאָווער", *) אַזוי האָט דער אַמעריקאַנישער משורר באַזינגען דעם קאַטאַלאָג פון די שיפן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער טראָיאַנישער מלחמה. בלויז איינאונאייצניק מאָל קומט פאָר אין דער „איליאַדע", ווען אַ געוויינלעכער מענטש נעמט זיך דעם מוט אויפצוהייבן זיין קול: אין דער באַרימטער סצענע אין ראַט, ווען טערסיטעס נעמט זיך דעם מוט זיך אויפצושטעלן. ער ווערט געשילדערט אַלס הויקערדיקער, אָפּשיילעכער שלימזל, ער ווערט אויסגעלאַכט און אָפּגעחוזקט און לסוף קריגט ער נאָך אָנגעשמיסן פון אָדיסעוס, וואָס טראָגט אַ צונאָמען „ביטרער" און פאַרקערפּערט אין זיך דעם גריכישן אידעאַל פון אַ קלוגן, פאַרנונפטיקן וועלט-מענטש. די הערשאַפט פון אַ סך איז נישט גוט — דערקלערט דער ביטרער — עס דאַרף נאָר זיין איין הערשער, איין קעניג.

מיר ווייסן זען, אַז די משוררים פון דער אַריסטאָקראַטיע האָבן זעלטן אויסגעמיטן צו חנפענען זייערע האַרן, כדי אַזויאַרום אַנצולערנען די רעוואָלוציאָנערן. שעקספּיר האָט באַהאַנדלט דזשעק קעדע פּונקט אַזוי, ווי האָמער האָט באַהאַנדלט טערסיטעס. ער האָט זיך אויף קיין איין ווײלע נישט פאַרטראַכט, צי דער אומצופרידענער האָט נישט עפּעס אַ גרונט צו זיין אומצופרידן. און מיר ווילן זען, אַז די קריטיקער פון פּוילנדיקן קלאַס האַלטן גראָד אַזעלכע סצענעס אַלס ריינע און נישט געפעלשטע קונסט, און מיט אויפרעגונג וואַרפן זיי אָפּ יעדן פאַרדאַכט, אַז די הערלעכע משוררים זאָלן האָבן געטריבן פּראָפּאַגאַנדע לטובת די אינטערעסן פון זייערע געלטגעבער. אין יענער פריער צייט איז זייער לוין אָן ספק געווען אַ שרעקלעך-קלאָגעדיקער. ווען מיר זאָלן גלויבן די לעגענדע קומט אויס, אַז האָמער האָט אַ בלינדער און פאַרלאָזענער געוואַנדערט דורך די שטעט, וואָס האָבן זיך שפּעטער געקריגט איבערן כבוד צו האָבן געווען זיין געבורטס-שטאָט.

---

*) „מאי-פלאָווער" האָט געהייסן די שיף אויף וועלכע די פאַרפאָלגטע פּוריטאַנער זענען מיט 300 יאָר צוריק אָנגעקומען צו די ברעגעס פון צפון-אַמעריקע

פאַרן טויטן האָמער האָבן זיך געקריגט זיבן גרויסע שטעט
וואָס ער איז ביים לעבן דורכגעגאַנגען ווי אַ בעטלער

ווען מיר זאָלן קוקן אויף דעם פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, קאָנען מיר זאָגן וועגן דעם „איליאַדע"-בוך, אַז ער פאַרמאָגט אמתע פּאָעזיע, לעבעדיקע בילדער פון דער אַלטער צייט און מנהגים, וואָס פאַרכשופן אונז — אַזוי לאַנג ווי מיר זענען יונג. עס איז פאַראַן אַזאַ צייט אין לעבן, ווען מיר באַטראַכטן די „העלדישקייט" מיט נאַיווע, אומקריטישע אויגן. מיר הענגען אָן אונזער האַרץ אין אַ גלענצנדער פּערזענלעכקייט, מיר טיילן זיך מיט אים מיטן רום, גייען אַרויס מיט אים אין דער מלחמה, ציטערן-אויף, ווען ער טוט אַ מאַך מיט דער שווערד און שרייען פאַר פרייד, ווען ער גייט אַרויס מיט נצחון — און דערביי פאַלט אונז לחלוטין נישט איין, אַז מיר האָבן זיך פונקט אַזוי גוט געקאָנט אינטערעסירן מיטן באַזיגטן, וואָס האָט פונקט דאָסזעלבע רעכט צו בלייבן לעבן. דער דורכשניטלעכער מענטש דערגרייכט דעמדאָזיקן עלטער פון העלדנפאַרערונג ס'רוב פון צוועלף יאָר אָן און עס פאַרשווינדט ביי זעכצן יאָר, אויב עס פאַרשווינדט בכלל. לאָזט אייערע קינדער לייענען „אָדיסעע" אין אַ גוטער איבערזעצונג, זיי וועלן געניסן פון די איבערלעבענישן און געפאַרן, ביז זיי וועלן שפּעטער אַנטדעקן, אַז דער וועלט-רוים איז נאָך נישט לגמרי אויסגעפאָרשט און אַז עס איז נאָך פאַראַן גענוג איבערלעבענישן אין אים און גענוג געפאַרן אין אונזער אייגענעם גייסט.

## 13

# דער הונדערט פּראָצענטיקער אַטענער

איינמאָל האָט דער שיקזאַל געשאָנקען די גריכן אַ גרויס געשעעניש. אין פינפטן יאָרהונדערט (פאַר קריסטוסן), איז דער ריזיקער וואָגן פון „דזשאַגאַנאַט״ *) פון פּערסיען אָנגעפאָרן אויף זיי. דער קעניג קסערקסעס האָט צונויפגענומען אַרום זיך זיינע באַרבאַרישע מחנות, זיינע שבטים, זיינע באַטאַליאָנען ווילדע רייטער און שקלאַפן, זיינע קריגס-עלפאַנטן און קר־גס-וועגן. אין פאַרגלייך צו דידאָזיקע אומגעבעטענע, ווילדע געסט, זענען די גריכן געווען מאָדערנע, ציוויליזירטע מענטשן, פרייע מענער אין וועמענס גייסט ס׳האָבן גערוט אַלע אוצרות פון דער צוקונפט. זיי האָבן פאַרגעסן אָן דער קנאה צווישן זייערע שטאַטן און אָן זייערע אינערלעכע רייסעניש. זיי האָבן זיך פאַרייניקט און געראַטעוועט זייער קולטור. פון דעמדאָזיקן נאַציאָנאַלן אימפּולס איז כמעט געבוירן געוואָרן אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט אין דער קלאַסישער ליטעראַטור. דאָ האָט דער גריבישער גייסט דערגרייכט זיין באַוווסטזיין און דער גריבישער פּאַטריאָטיזם האָט צוזאַמען מיט דער רעליגיע געפינען אַ תיקון, פאַרוואַנדלט זיך אין קונסט, וואָס האָט גלייבצייטיק ־עדינט אַלס פּראָפּאַגאַנדע.

---

*) אינדישער גאָט, וואָס די גלויביקע ווארפן זיך בעת רעליגיעזע ימים טובים פאַר זיין וואָגן.

צווישן די אַטענישע עלטסטע, וואָס האָבן געקעמפט בײַ מאַראַטאָן, האָט זיך אויך געפינען אַ מאַן מיטן נאָמען אייסכילאָס. פול מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ, האָט זיך דערדאָזיקער מאַן אומגעקערט אַהיים און אָנגעשריבן אַ טראַגעדיע „די פערסן". די דראַמע האָט באַהאַנדלט די געשיכטע פון קעניג, וואָס האָט מיטגעהאָלפן צום נצחון און געפינען דעם העכסטן אויסדרוק אין דער שלאַכט, אין וועלכער דער דיכטער האָט אָנגעפירט מיט זײַנע זעלנער. דאָס איז געווען בולטע גריכיש-פּאַטריאָטישע און רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע און זי האָט געשילדערט דעם צוזאַמענברוך פונם דעספּאָטיזם. די דראַמע האָט געהאַט גרויס דערפאָלג, אייסכילאָס איז געוואָרן דער נאַציאָנאַלער דיכטער נישט נאָר פון אַטען, נאָר פון גאַנץ גריכנלאַנד.

ער האָט געשריבן נאָך אַנדערע פּאַטריאָטישע און רעליגיעזע דראַמען פונם זעלבן שטייגער און ער האָט לחלוטין נישט קיין מורא געהאַט אײַנצופלעכטן אין זיי יענעם מוסר השכל, אין וועלכן עס האָבן זיך לויט זײַן אָנשויונג גענויטיקט די צוהערער. „געהאָרכזאַם איז דער פּאָטער פון דערפאָלג און ער ברענגט זיכערקייט", דערין איז מער ווייניק באַשטאַנען זײַן פּאָליטישער אַני-מאַמין. דערבײַ מוז מען אויך דערמאָנען, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. ער האָט זיך אַזוי ווייניק אָפּגעשראָקן פאַר פּראָפּאַגאַנדע, אַז ער האָט אין זײַן דראַמע: „די זיבן קעגן טעבן" געלויבט דעם מלוכהמאַן אַריסטידעס, וואָס האָט זיך גראַד געפינען צווישן די צושויער. דידאָזיקע דרייסטקייט האָט באַגײַסטערט דאָס גאַנצע הויז אין אַלטן אַטען, פּונקט ווי עס קומט פאָר אין הײַנטיקן ניו-יאָרק.

די סקולפּטאָרן, אַרכיטעקטן און אַנדערע קינסטלער פון גריכנלאַנד האָבן געהאַט דיזעלבע פּאַטריאָטישע און רעליגיעזע באַגײַסטערונג. פול מיט גליענדיקן אײַפער, האָבן זיי פאַרהערלעכט די הארן פון לאַנד און זייערע אבות, די געטער און האַלבע געטער, כדי צו דערמאַנען דעם נצחון בײַ מאַראַטאָן, זענען אײַנגעפירט געוואָרן נאַציאָנאַלע שפּילן, וואָס זענען פאָרגעקומען יעדע פיר יאָר און זיי האָבן געדינט דערצו, כדי דורך דעם צו פאַרהערלעכן

זייערע געטער, צו פֿאַרייניקן די פֿאַרשידענע שבֿטים. דערביי זענען פֿאָרגעקומען פֿאַרביטערטע קאַמפֿן, די חשובֿע גריכן זענען געווען פֿול מיט אַמביציע צו דערגרייכן די קרוינען און די לאָרבער־קרענץ. ווי זיי האָבן נאָר דערצו דערגרייכט, אַזוי האָבן זיי געוואָלט, אַז דאָס זאָל אומעטום באַקאַנט ווערן, מחמת דעם האָבן זיי באַצאָלט דיכטער, וואָס זאָלן אָפּשאַצן זייערע טאַטן אין ווונדערבאַרע פֿערזן. דער דיכטער פּינדאַר איז אויסגעוואַקסן צו אַזאַ מין דיכטער־ספּע־ציאַליסט און רעקלאַמע־שעף ביי דידאָזיקע ספּאָרט־לייט. ער האָט אָבער אויך פֿאַרהערלעכט די טיראַנען, וואָס האָבן געהערשט אין די גריבישע שטעט, נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, ווי גרויזאַם און געוויסנלאָז זיי זענען געווען.

די אויפֿפֿירונג פֿון די דראַמען איז אויך געווען אַזאַ מין שפּיל. יעדער דראַמאַטורג האָט זיך אָפּגעזוכט אַ רייכן פֿאַרשוין, וואָס האָט באַצאָלט פֿאַר די אויסגאַבן פֿון כאָר. אויב די דראַמע האָט געקריגן דעם פּריז, דאַן האָט דער רייכער הער דערגרייכט צו זען פֿאַראייביקט זיין גרויסמוטיקייט אין אַ מאָנומענט. אויף די גאַסן פֿון אַטען זען מיר די היסטאָרישע דענקמעלער פֿון אַנדריו קאַרנעדזשי, דזשאָן ד. ראָקפֿעלער און אָטאָ ה. קאַהנס און יעדער דיכטער, וואָס האָט געשטרעבט צו באַקומען אַזאַ פּריז, האָט גע־נומען די האַלבע געטער און די פּריערדיקע הערשער און זיי געשילדערט לויט זיין אייגענער אויפֿפֿאַסונג. דעם כאָר האָט ער באַנוצט דערצו, כּדי אַרומצורעדן די טאָג־פּאָליטיק און צו פֿאַר־טיידיקן די אָנשויונגען פֿונם דיכטער. אַזויאַרום האָט אייסכילאָס אָנגעשריבן די „עומענידן”, כּדי אַרויסצוטרעטן קעגן דער געפּלאַנ־טער אָפּשאַפֿונג פֿון אַעראָפּאַג, דעם אַלטן אויף דעם הייליקן באַרג זיצנדיקן ראַט: דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי אַ דיכטער וואָלט ביי היינט צו טאָג אָנגעשריבן אַ דראַמע, וואָס זאָל געווענדעט זיין קעגן די ראַדיקאַלע אָנגריפֿן אויפֿן העכסטן געריכט פֿון די פֿאַריי־ניקטע שטאַטן.

אַן אַנדערער דראַמאַטורג, דער זון פֿון אַ יחוסדיקער פֿאַ־מיליע, סאָפֿאָקלעס, האָט אָנגעשריבן אומגעפֿער דרייסיק דראַמען און דערגרייכט נייגצן פּריזן. זיינע קעגנער און פֿיינט דערציילן,

אַז ער איז געווען שרעקלעך געלט-גייציק, אַן אמתער אַלטער קמצן און אַ גרויסער ליבהאָבער פון פרויען, אַ פּאָטער פון אַ גרויסער צאָל אומגעזעצלעכע קינדער. סאָפאָקלעס האָט געשאַפן שיינע און באַטראַכטע ווערק, ווייל ער האָט געגלויבט אין די פּאַטריאָטישע און פרומע טראַדיציעס, צו וועלכע ער האָט געדינט. ער האָט אָנגענומען די עקלהאַפטע מעשיות וועגן די אַלטע גריכישע העלדן און האַלבע געטער פאַר דעם נאַטירלעכן גורל פון שטערבלעכע. ער איז איינער פון די אויסגעשפּראָכנסטע טיפּן פון די קינסטלער פונם הערשנדיקן קלאַס, וואָס האָט אָן קאַמפּן דערגרייכט די פולקאָמענהייט, ווייל ער האָט פולקאָם געהאַלטן מיט די אָנשויאונגען פון זיין סביבה און די אינטערעסן פון זיין קלאַס אידענטיפיצירט מיטן ווילן פון די געטער. מיר וועלן זיך נאָך באַקענען מיט אַ סך אַזוינע קינסטלער: ווירדשיל, ספּענסער, שעקספּיר, ראַסין, געטע, טענסיאָן. דידאָזיקע האָבן געפילט ליבע, רחמנות צו זייערע אומגליקלעכע העלדן און זיי האָבן פאַרשטאַנען וויאַזוי צו דערוועקן ביי אונז ווייטיק און שוידער, אָבער זיי האָבן אונז קיינמאָל נישט געטריבן צו מרידה.

איצטער אָבער קומען מיר צו אַ דראַמאַטורג, וואָס איז געווען גאַנץ אַנדערש געשטימט. דערדאָזיקער מאַן האָט זיך פאַרטיפט אין די גריכישע לעגענדעס און אַנטדעקט, אַז זיי זענען אַ ליגן. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די גריכישע אינסטיטוציעס, מיטן פּריוואַט-אייגנטום, מיטן שטאַטס-פּאַטריאָטיזם, דער הערשאַפט פון די אַלטע מענער אין פאַמיליע און אין שטאַט און ער האָט אַנטדעקט, אַז דידאָזיקע אָרדענונג וועט זיך נישט לאַנג האַלטן. ער האָט פּראָפּאַגירט יענע שטייגער זאַכן, וואָס מיר רופן „מאָדערן”. אָבער ביי די גריכן איז עס געהאַלטן געוואָרן פאַר אַ גאָטסלעסטערונג און אומגלויבן. דערדאָזיקער מאַן האָט געהייסן איירופּעדעס. פון אַלטן גריכנלאַנדס העלדן און העלדינס האָט ער געמאַכט געוויינלעכע מענטשן, וואָס האָבן געליטן פון דער גרויזאַמקייט פונם גורל, אָבער געווערט זיך קעגן אים, אויסגעדריקט פּראָטעסט און צווייפל. אין זיינע דראַמען לאַכט ער אויס דעם מיליטאַריזם און דעם פאַלשן פּאַטריאָטיזם, ער באַקעמפט די שקלאַפעריי און די אונטערדריקונג פון דער

פרוי אין שטוב און דאָסגלייכן דעט רעליגיעזן פאַנאַטיזם. מיט איין וואָרט: ער האָט אונטערגעגראָבן דעם מעמד פון דעם חשובן און רייכן קלאַס. ער האָט זיך גענומען דעם מוט אָנצושרייבן א דראַמע, אין וועלכער די פרויען שטיין אויף קעגן מלחמה! אַ דראַמע, אין וועלכער אַ געטרייע פרוי איז מקריב איר לעבן פאַרן צאָרנדיקן גאָט, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון איר מאַן, — דערדאָזיקער מאַן אָבער ווערט געשילדערט אַלס נגאָיסטישער לומפּ, וואָס איז נישט ווערט אַזאַ קרבן. נעמט און לעזט וועלכע ס׳איז שטעלע פון איירו-פידעסעס דראַמאַטישער פּראָפּאַגאַנדע און שטעלט אייך פאָר, ווי דידאָ-זיקע ווערטער האָבן געקלונגען פאַר די הונדערטפּראָצענטיקע אַטענישע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן זיך גראָד געפינען אין אַ מלחמה אויף טויט און לעבן מיט כפּאַרטאַ.

## 14

## אַריסטאָפאַנעס, דער הומאָריסט פון דער רעאַקציע

איך פאַרשפּאָר אייך שוין, גלויב איך צו דערציילן, אַז די באָלשעוויסטישע געפילן פון איירופּידעס, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט פאַרן מזבח פון דיאָניזאָנס האָבן אַרויסגערופן אַ שאַרפן פּראָטעסט ביי דער אָרטאָדאָקסיע. עס איז אויפגעשטאַנען אַן אַנדער דראַ-מאַטורג, אַ קאָמעדיען-דיכטער, וואָס האָט אויפגענומען דעם קאַמף קעגן די חשובסטע נראַדיציעס פון אַטען. ער האָט געהייסן אַריס-טאָפאַנעס און ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסן שוואונג, פול מיט גייסט, וויץ און באַשאָנקען מיט פאַנטאַזיע. נאָך היינט מוזן מיר הויך לאַכן ביים לייענען זיינע זאכן, אַפילו ווען מיר זענען נישט מסכים מיט זיינע רעאַקציאָנערע אָנשויונגען.

מיר מוזן זיך אָבער פריער פאַר אַלץ קלאָר מאַכן, אַז דער-דאָזיקער דיכטער איז אין יעדן פרט געווען אַ פּראָפּאַגאַנדיכט,

אַ פּאָליטישער קעמפער, פול מיט צאָרנדיקן האַס קעגן זיינע פיינט, וועלכע ער האָט אָנגערופן ביי די נעמען, בעת ער האָט זיי אויס-געלאַכט, געמאַכט פון זיי קאַריקאַטורן און זיי באַשמוצט. זיינע דראַמען האָבן תמיד פאַרטיידיקט עפעס אַ טעזע. די פערזאָנען פון דער האַנדלונג האָבן אָדער אויסגעדריקט די איבערצייגונג פונם דיכטער, אָדער זיי האָבן געדינט פאַר אַ מיטל פאַרצושטעלן לעכער-לעך די קעגנערישע איבערצייגונגען. אויב ער איז נאָך דערמיט נישט געווען באַפרידיקט, האָט ער אין סאַמע מיטן פון דער האַנ-דלונג געלאָזט שטיין די אַקטיאָרן אָן אַ זייט און אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען דורכן כאָר: ער האָט דעבאַטירט מיט די צוהערער, אַפּעלירט צו זיי, געטאַדלט זיי, אָנגעגריפן זיינע שונאים, אַרויסגע-זאָגט זיין מיינונג און אַליין באַלויבטן זיין דראַמע. אָ, ער איז אַפילו געגאַנגען נאָך ווייטער, ער האָט די צושויער געברענגט באַווייזן, פאַרוואָס זיי דאַרפן דעם פּריז געבן אים, אַריסטאָפאַנעסן און נישט קיין אַנדערן! איך גלויב נישט, אויב ס'האָט זיך געפינען מער אַ מוטיקער פּראָפּאַגירער, וואָס זאָל פאַרוואַנדלען די בינע צו פּראָפּאַגאַנדע-צוועקן; איך גלויב נישט, אַז דער באַזיצנדער קלאַס און די אָנהענגער פון דער טראַדיציע זאָלן האָבן אַמאָל געהאַט אַ מער ענערגישן פאַרטיידיקער. דערביי טאָרט איר נישט פאַרגעסן, אַז דאָ האַנדלט זיך אין אַ וועלט-דראַמאַטורג, אין אַ „קלאַסיקער" פון יענער צייט, וואָס האָט געשאַפן די „ריינסטע" קונסטווערק.

ס'איז מאָדנע, ווי מאָדערן אַריסטאָפאַנעסעס דראַמען ווירקן אויף אונז. ס'איז כמעט נישטאָ ביי אים קיין איין היינטיקע שטר"יט-פראַגע, מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך נישט. ער איז אַזוי ביי-סיק-וויציק, ווי די ניו-יאָרקער „זון" אין די טעג פון דאַנאַס און אירגניש ווי סטעפאַן לוקאַק, וואָס אין זיינע הומאָ"יסטישע דער-ציילונגען מאַכט ער לעכערלעך יעדע האָפנונג, יעדן נייעם גלויבן פון דער מענטשהייט.

אַריסטאָפאַנעס איז געווען, לויטן ענגלישן באַגריף פון וואָרט, אַ דזשענטלמען, וואָס האָט געשריבן פאַר אַנדערע דזשענטל-מענער, בעת דער מלחמה האָבן די ענגלישע ביר-ברויער און

אַמוניציע-פאַבריקאַנטן דערגרייכט די מאַכט און אַרויסגעטריבן די פאַבריקאַנטן פון זייערע שלעסער. דאָסזעלבע איז געשען בעת דער פעלאָפאָנעזישער מלחמה, אַריסטאָפאַנעס האָט געמוזט צוקוקן ווי זיין קולטור-קלאַס ווערט אַרויסגעשטויסן דורך די קרעמער. ער האָט אָנגעגריפן דיראָזיקע מענטשן אין זייער „העלדישקייט", אַרויסברענגענדיק אויף דער סצענע אַ רייע קרעמער און האַנטווערקער און זיי געמאכט לעבערלעך. צווישן זיי האָט זיך געפינען קלעאָן, אַ געוויסער גאַרבער, וואָס האָט געשאַפן איבער דער שטאָט, בעת דער אמתער קלעאָן איז געזעסן אין צושויער-זאַל און געמוזט זיך לאָזן אַרונטעררייסן. די דראַמע איז אויפגעפירט געוואָרן אין דער צייט פון מלחמה. שטעלט אייך פאָר, וואָס עס וואָלט פאָרגעקומען מיט אַ דראַמאַטורג, וואָס זאָל אין יאָר 1918 אויף אַ בינע אין וואַשינגטאָן שילדערן דעם פרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן מיט אַזוינע ווערטער!

אַריסטאָפאַנעס האָט אויך אָנגעשריבן אַ שטיק, אין וועלכן ער האָט אָנגעגריפן זיין שטאָט צוליב איר שלעכטן באַהאַנדלען די שטאַטן בנוגע די קאָנטריבוציע-פאַרפליכטונגען. דאָס שטיק איז אויפגעפירט געוואָרן, אין זאַל זענען געזעסן די שלוחים פון די שטאַטן, וואָס זענען גראָד אין יענער צייט געקומען אויף אַ מלוכה-קאָנפערענץ. קלעאָן האָט אָנגעהויבן פאַרפאָלגן דעם דיכטער און אים פאַרמשפט אויף אַ געלט-שטראָף. ביי דער נאָענטסטער אויפפירונג האָט אַריסטאָפאַנעס נקמה גענומען און ער לייגט פאָר דעם פאָלק, אַז זיי זאָלן פאַרטרייבן אַ גרויסע צאָל אויסוואורפן, צווישן זיי:

אויך דער, וואָס נעמט אַלס ראש, מתגוות גרויסע ביי דעם שטאַט וואָס
ליידט אין שטורם,
אויך דער, וואָס גיט אויס צום שונא שיף און שלאָס און טוט אָפּ
מעשים פאַרבאָטענע,
דער, וואָס העלפט די שונאים קריגן געלט פאַר זייער פלאָט.
אויך דער וואָס רייסט אַראָפּ פאַרביטערט דעם לוין פון אַ פאָעט,
ווייל רוימיש זאַלץ האָט אים ג׳ מאָל צעשטערט דעם שיינעם יום טוב
פון דיאָניזאָס.
„די זשאַבעס"

אַריסטאָפאַנעס האָט פּיינט געהאַט איירופּעדעסן, ווייל ער האָט די העלדן פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַרוואַנדלט אין שוואַכע שטערבלעכע, וואָס קלאָגן אויף דעם באַגאַנגענעם אומרעכט. ער האָט זיך נוקם געווען אין זיין קעגנער אין גיהנום, געשלאָגן אים מיט בלעריי בלייזין, וואָס זענען נאָר געווען אין זיין רשות. פון איירופּידעסעס פעמיניסטישער דראַמע האָט ער געמאַכט די „ליזיסטאַטאַ", אַ פאַרס פון העכסט מאָדערנעם אינהאַלט פון אַ מינע-שטרייק: די פרויען פון אַטען האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שלאָפן מיט זייערע מענער, בל-זמן זיי וועלן נישט שליסן קיין שלום מיט ספּאַרטאַ.

אַריסטאָפאַנעס האָט אויך פּיינט געהאַט סאָקראַטעסן, ווייל דערדאָזיקער פילאָזאָף האָט געלערנט די יוגנט פון אַטען זעלבסטשטענדיק צו טראַכטן. צו דערדאָזיקער לערע האָט דער דיכטער אויך צוגעשריבן די פאַרדאָרבנקייט פון אַלקיביאַדעס, וואָס איז געווען סאָקראַטעסעס תלמיד, און פאַרקויפט זיין לאַנד צום פערסישן קעניג. אין זיין דראַמע, „וואָלקנס" שילדערט ער סאָקראַטעסן אַלס ביטרען שווינדלער, וואָס לערנט זיינע תלמידים פאַרטיידיקן פאַר געלט יעדער איבערצייגונג. דער פילאָזאָף זיצט אין אַ הענג-קויש פאַרן הויז און טרייבט מיט זיינע תלמידים בלעריי פאַרברעכנס. די דראַמע איז אָנגעשריבן אין אַ טאָן פון אַ לייטאַרטיקל אין דער „זונטאָג-אָוונט-פּאָסט". ס'איז געקומען דער טאָג, ווען סאָקראַטעס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע טריומפן פאַר אָט דעם הומאָריסט פון דער רעאַקציע.

אָבער דער טויט פון אייגאָונאַיינציקן פריידענקער איז נאָך ווייניק געווען, כדי צוריקצופירן אַטען צום שלעכטן לעבן פון די אבות. די בירגער פון שטאָט זענען אַוועקגעפאָרן, כדי צו מאַכן געלט און צו געניסן פון זייער לעבן, בעת זייערע קנעכט האָבן געקעמפט פאַר זיי. זייערע דראַמאַטורגן האָבן געשאַפן די אַזוי גערופענע געזעלשאַפטס-דראַמען — דאָס זענען געווען שילדערונגען פון דער מאָדע און גלאַט שטותים פון פוילנדיקן קלאַס, אָן וועלכע ס'איז טענדענץ. דאָס פעלן פון טענדענץ אין דער קונסט פון אַ פאָלק, איז שוין אַ קלאָרער באַווייז פון זיין גייסטיקער און מאָראַלישער ירידה. און אָט דעמאָלט איז פון דרום געקומען אַ שטאַרקער מאַן

און זיך געמאַכט פֿאַר דעם האַר איבער גריכנלאַנד. די גריכישע ליטע־ראַטור איז אַריינגעטרעטן אין דעם אַלעקסאַנדרישן פּעריאָד. אַלס צענטער פֿון דערדאָזיקער נייער קולטור האָט געדינט די עגיפּטישע שטאָט אַלעקסאַנדריע. די דיכטער פֿון דערדאָזיקער צייט זענען געווען שטאָלץ מיט זייער טעכנישער פֿלינקייט, צאַרט און אַנט־ציקנד האָבן זיי געשילדערט די פֿרייד פֿון דער ליבע. די געלערנטע האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט דער קריטיק און מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן ווערק פֿון די פֿאַרגאַנגענע דורות און זיי האָבן געשאַפֿן עפּישע דיכטונגען איבער דער גראַמאַטיק, רעטאָריק און ענלעכע זאַכן. אויך דאָס איז געווען „פּראָפּאַגאַנדע", באַטש אַ פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער צווייטער האַנט, אַ נאָכגעמאַכטע. זי האָט נישט געשטאַמט פֿון מענטשן, וואָס האָבן זיך אַליין פֿאַרנומען מיט מעשים און גע־שאַפֿן נייע פֿאָרמען פֿון לעבן. אַלעקסאַנדריע איז געווען אַ קאָסמאָ־פּאָליטישער מיטלפּונקט, באַהערשט פֿון אַ דעספּאָט, די היים פֿון אייניקע רייכע און קולטורעלע הערן, וואָס זענען אונטערגעשטיצט געוואָרן פֿון די מאָלער, סקולפּטאָרן, דיכטער, מוזיקער און שווישפּי־לער. די לעצטע האָבן פֿאַרטריבן פֿון זיי די לאַנגווייליקייט און זיי געדינט פֿאַר פּרעסע און־רעקלאַמע־אַגענטן.

## 15

## די רוימער

(וועגן שקלאַפֿעריי)

אין דער הייל איז שוין אַ שטיקל צייט געווען שלום, וואָרים פּרוי אָגי האָט זיך אינטערעסירט מיט די גריבן:

— איך זע — האָט זי געזאָגט — אַז זיי זענען געווען פֿינקען אַזוי אַבערגלויבעריש אין דער קונסט, ווי אין דער רעליגיע.

—ביידע זאַכן — האָט אָגי געענטפֿערט — דינען דעם זעלבן

צוועק. זיי הייבן זיך אָן אַלס ערלעכע אומוויסנהייט און ווערן שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ קוואַל פון איינקונפטן און מיטל צו פּריווילעגיעס.

פרוי אָגי זיצט זיך אַזוי, לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פונם הייל-אַריינגאַנג: די אַלטע געוווינהייט פון אירע אבות, וואָס האָבן תמיד אָפּגעוואַרט אַ פיינטלעכן אָנפאַל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי באַמערקט:

— דו רעדסט גאָרנישט וועגן דער שקלאַפערײַ אין אַלטן גריכנלאַנד.

— עס וועט פיל קלוגער זײַן צו באַהאַנדלען דידאַקטיקע טעמע צוזאַמען מיט די רוימער, ווײַל דאָרט האָבן זיך די ווירקונגען פון דער שקלאַפערײַ אַרויסגעוויזן אַ סך בולטער. אָן שום ספק איז ביי די גריכן אויך געווען שקלאַפערײַ, אָבער זייער ציוויליזאַציע איז נישט אונטערגעגאַנגען צוליב דעם, נאָר צוליב זייערע מחלוקתן, צוליב זייער „וועלט-מלחמה". סיר גילבערט מאָרקער, דער, וואָס ווייסט דוכט זיך אַלצדינג וועגן אַלטן גריכנלאַנד, האָט געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן זייער און אונזער — וועלט-מלחמה. דער פּאַ-ראַלעל איז אַ שטויינענדער: דער גריבישער קאַמף שפּילט זיך אָפּ צווישן אַטען, אַ דעמאָקראַטישע ים-מאַכט, און די ספּאַרטאַנער, אַן אַריסטאָקראַטיש-מיליטאַריסטיש פאָלק, וואָס האָט נישט געוווסט פון קיין שום זאַך, וואָס זאָל נישט זײַן צוועקמעסיק. די מלחמה האָט געדויערט, מיט קורצע הפסקות, גאַנצע צוויי דורות. דעמאָלט איז נאָך די טעכניק פון פאַרניכטונג נישט געווען אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט ווי היינט. די סאָציאַלע און פּסיכישע פאַקטאָרן דאַקעגן, זענען דעמאָלט שוין געווען דיזעלבע, ווי אין דער לעצטער מלחמה: „די מלחמה פאַר דער דעמאָקראַטיע", די „דעפּאַרטיסטן" די „דורכהאַלטער", די דיכטער און פּראָפּאַגאַנדיסטן פון האַס, די שטאַט-מענער, וואָס האָבן צוגעזאָגט אויטאָפּישע רייכטימער נאָכן נצחון, די שפּיאָנען, די פּראָוואָקאַטאָרן, די אַנטלאָפענע, וואָס האָבן זיך געשטופּט אין די שטעט, די הויז-באַזיצער, וואָס האָבן געהע-כערט דאָס דירה-געלט, הונגערנויט, ראַציאָנאַליזאַציע פון לעבנס-מיטל, מלחמה-אויסנוצער, וואָס האָבן געשלאָגן קאַפּיטאַל פון אַל-געמיינער עלנט. בינו-לבינו איז אַטען חרוב געוואָרן, ספּאַרטאַ איז

פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט, די גריכן זענען צוערשט אונטער־דריקט געוואָרן דורך די מאַקעדאָניער, דערנאָך דורך די רוימער און לסוף דורך די טערקן.

— דערמיט פאַרענדיק די ערשטע לעקציע — האָט פּרופ׳ אָגי געזאָגט — און איצטער נעם זיך צו די רוימער.

— די רוימער האָבן נישט פאַרגאָסן זייער בלוט. פון סוחרישן שטאַנדפּונקט זענען זיי געווען פּראַקטישע מענטשן, די טויטנשווערד האָבן זיי אויסגעשטרעקט אויף אַנדערע פעלקער, און ווען זיי האָבן מנצח געווען אַ פאָלק, האָבן זיי אים געצוווּנגען צו אַרבעטן פאַרן רום פון דער גרויסער מלוכה. זיי זענען געווען „פעלזן־האַרטע" יונגען, וועלכע מ׳קאָן פאַרגלייכן מיט אונזערע היינטיקע פּרימיטיווע געשעפטסלייט: מיטן אַלטן פּ. ד. אַרמאָור, פּאַלמען, הערימען, דעם עלטערן מאָרגאַן און מיטן ריכטער גערי. אפשר אויך מיטן באַנקיר פון טשיקאַגאָ, וועמען די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי האָט אונז אָנגעוואָרפן אַלס וויצע־פּרעזידענט, אָדער מיטן גענעראַל דעווייס, וואָס האָט צוערשט אָנגעפירט מיט אַן אַרמיי קעגן די דייטשן, מנצח געווען זיי און געמאַכט פון זיי קנעכט, וועלכע ער האָט געצוווּנגען צו אַרבעטן לאַנגע שעהן און אויסצומעלקן די ברוסטן פון די מוטערס, כּדי צו דערנערן די אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירן, במקום די דייטשע קינדער. דאָס איז באמת אַ רוימישער פאָרשריט, און דער גענעראַל דעווייס איז אַ מענטש מיט אַ האַרץ פון אַ רוימער. זיי וועלן אים באַשטימען אַלס פּרעזידענט איבער גאַנץ קליין־אַזיען אָדער נאָרד־אַפריקע, צי גאָר איבער שפּאַניען. און ער וועט זיך אומקערן אַהיים אַלס מיליאָנער, רייך, ווי וועלכער ס׳איז פאַרוואַלטער פון דער מאָרגאַן־באַנק אין טשיקאַגאָ.

— איך קאָן מיר גאָרנישט פאָרשטעלן, וויאַזוי אַזאַ פאָלק האָט געקאָנט שאַפן אַ קונסט — האָט פּרופ׳ אָגי געזאָגט — אָבער דערצייל מיר ווייטער.

## די שקלאַפן־אימפּעריע

רוים איז, פּונקט ווי אַלע אַנדערע שטעט פון אַלטערטום

געגרינדעט געוואָרן פון שטרענגע און אַנטשלאָסענע מענער, וואָס האָבן געגלויבט אין זיך אַליין און אין די געטער פון זייערע שאַמען. זיי האָבן דעראָבערט דאָס האַלב-אינזל איטאַליען, געבויט מעכטיקע שטעט, געשאַפן אַ נעץ פון סטראַטעגישע גאַסן און פון וואַסערלייטונג, וואָס עקזיסטירט נאָך עד היום. אין דערדאָזיקער צייט איז זייער שטאָט געווען אַ רעפּובליק. זיי האָבן אונז געשאָנקען דעמדאָזיקן אויסדרוק — רעספּובליקאַ, וואָס עס באַדייט: עפנטלעכע ענינים. אַלע רוימישע בירגער האָבן גענומען אין זיי אַן אָנטייל, זיי האָבן געשטימט, דעבאַטירט, אַרויסגעגעבן געזעצן און געזאָרגט פאַר זייער דורכפירונג. זיי האָבן געשאַפן אַרמייען, געבויט פלאָטן, דעראָבערט קאַרטאַגאָ און לסוף — די גאַנצע מיטללענדישע ים-וועלט. לויט די מנהגים פון יענער צייט זענען די קריגס-געפאַנגענע געמאַכט געוואָרן פאַר שקלאַפן. אין משך פון זעקס ביז אַכט יאָרהונדערט האָט רוים געגעבן אַ קלאַסישן באַווייז, וואָס די שקלאַפעריי באַטייט פאַר דער ציוויליזאַציע.

עמערסאָן האָט געזאָגט, אַז ווען איין עק פון אַ קייט איז צוגעבונדן צום קנאָכן פון שקלאַף, איז דער אַנדערער עק צוגעבונדן צום קנאָכן פון פאַרשקלאַפער. דער ערשטער פאַרשקלאַפער קאָן נאָך ווי ס'איז זיין אַן אָנשטענדיקער מענטש. אָבער אַרויסצוברענגען אָנשטענדיקע קינדער איז פאַר אים אוממעגלעך. שקלאַפן זענען ביטערע, שעדלעך, נישט ערלעך, פול מיט אונטערדריקטע גיריקייט און באַהאַלטענע זינד. אַפילו ווען זיי מיינען גוט, פאַרדאַרבן זיי די קינדער פון די האַרן, וועלכע זיי באַדינען און באַרויבן זיי פון זייער אייגענער איניציאַטיוו. פאַרוואָס זאָל אַזאַ שטייגער יונגערמאַן אַרבעטן? ער וועט דאָך ירשענען זיין טאַטנס פאַרמעגן. אין עטלעכע דורות אַרום ווערט דער הערשנדיקער צד אַזוי שוואַך, אַז ער קאָן שוין מער נישט קעמפן. און צו וואָס זאָל ער איינשטעלן דאָס אייגענע לעבן? ער קאָן דאָך דינגען געמיינע קנעכט.

חוצדעם גראָבט די שקלאַפעריי אונטער די פרייע אַרבעט, דערפירט צו אַ צוזאַמענברוך פונם אומאָפּהענגיקן פויערטום. ביליקע נאַרונגסמיטל האָט אַריינגעשטראָמט קיין רוים און די פויערן

זענען געוואָרן רוינירט. זייערע זין זענען אָבער אַוועק אין די שטעט. די גיטער פון איטאַליען זענען וואָסאַמאָל מערער באַלאַסטעט געוואָרן מיט היפּאָטעק־חובות און לסוף זענען דידאָזיקע היפּאָטעקן אַריינ־געפאַלן צו די מלווהס. רייכע סוחרים פון דער פּראָווינץ און צו־ריקגעקומענע באַאַמטע זענען געוואָרן באַלעבאַטים פון ריזיקע נחלאות. די שטעט זענען געווען איבערפולט מיט אַ הונגעריק, פויל, לייבטזיניק פעבל, וואָס זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע דירות אין אָרעמען קוואַרטאַל. דאָסדאָזיקע קאָן מען נאָך היינט זען אין די פּאַריזער שטאָטן, וואָרים די לייב־שקלאָפערייַ און די לוין־שקלאָפערייַ רופן אַרויס דיזעלבע רעזולטאַטן. מ'דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז וואָס אין דער אַלטער רוים האָט געדאַרפט דורכמאַכן אַן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון זעקס ביז אַכט דורות, דאַרף עס ביי אונז, אַ דאַנק דער טרייבקראַפט פון אונזערע מאַ־שינען, דויערן נישט מער ווי איין דור.

דער רוימישער פעבל האָט געהאַט שטים־רעכט און ער האָט דאָס אויסגענוצט דערצו, כדי אַרויסצוקריגן עפּעס פאַר זיך. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַרביטערטער גרויזאַמער קלאַסנקאַמף. צוויי יונגע אַריסטאָקראַטישע ברידער, קאַיוס און טיבעריוס גראַטשוס זענען געוואָרן קעמפער פאַרן פאָלק, עפּעס אין דעם ערך, וואָס מיר רופן סאָלאָן־סאָציאַליסטן. זיי זענען דערהרגעט געוואָרן דורך די אָנהענגער פון דער פּריווילעגירטער ווירטשאַפט, די „אַלטע חברה" האָט אויסגעמאָרדעט אַלע, וואָס האָבן באַדראָט זייער מאַכט. צוויי גענעראַציעס האָבן דורכגעלעבט פול מיט אומרו און ביר־גערקריג. דאַן איז אויפגעשטאַנען אַ שטאַרקער מאַן מיטן נאָמען יוליוס צעזאַר, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. אין די לערנביכער, פון וועלכע אונזערע קינדער לערנען זיך ביי היינט צוטאָג געשיכטע ווערט דערציילט, אַז צע־זאַר איז געווען אַ גרויסער און באַשיידענער באַשיצער פון אָרדנונג און געזעץ — עס זעט אויס, אַז די לייט, וואָס באַצאָלן אין קאַפּי־טאַליסטישן אַמעריקע פאַר דרוקן אַזעלכע לערן־ביכער, וואַרטן אומגעדולדיק ס׳זאָל זיך באַווייזן אַזאַ מענטש, כדי אַ סוף צו מאַכן מיט דער סכנה פון אַן אינדוסטריעלע דעמאָקראַטיע.

וואָס שייך דער פאָרם פון דער מלוכה, איז רוים אויך געווען זינט לאַנגע צייטן אַן אימפעריע, דער אומגעהויערסטער שרעקלעכסטער רויב-מאַשין, וואָס די וועלט האָט נאָר ווען ס׳איז געזען. אַ קליינע גרופּע רייכע לייט האָבן געפירט דאָס רעדל און דאָס פעבל האָבן זיי פאַרשטעקט דאָס מויל מיט ברויט, צירק און גלאַדיאַטאָרן-קאַמפן. די רוימישע קיסרים האָבן זיך צעשטרייט דורך גרויזאַמקייט און אויסגעלאַסנקייט, דורך בלוטשאַנד און פערוועראַזיטעטן. לסוף האָבן זיי זיך אַליין געמאַכט פאַר געטער און געלאָזט פאַרהערלעכן זייערע סקולפּטורן אין די טעמפּלען. זייערע יורשים האָבן זיך פאַרסמט און געשטאָכן איינער דעם אַנדערן. רוים איז באַהערשט געוואָרן פון פּאַלאַץ-רעוואָלוציעס. דאַן האָט זיך די אַרמיי פּלוצלינג אַרומגעזען, אַז אויך זי קאָן נעמען אַן אַנטייל אין דעמדאָזיקן זויבערן געשעפט. די מיליטער-מחנות האָבן זיך אָנגעהויבן צו בונטעווען און געמאַכט זייערע פירער פאַר קיסרים און געטער. דערווייל איז אין רוים אַריינגעפלאָסן וואָסאַמאָל מערער קאָנטריבוציע. דאָס רייכטום פון דער גאָרער וועלט איז פאַרשווענדעט געוואָרן אויף וואַנזיניקע אָרגיעס...

— האָסט איצטער לאַנג גערעדט — האָט פרוי אָגי אים איבערגעריסן — מיר האָבן דאָך געוואָלט זיך פאַרנעמען מיט דער קונסט!

— איך בין שוין פאַרטיק — האָט דער מאַן געענטפערט הכנעהדיק — עס איז אָבער אוממעגלעך צו פאַרשטיין די רוימישע קונסט, אויב מיר וועלן נישט קאָנען פריער די ווירטשאַפטלעכע פאָלגן פון דער שקלאַפעריי.

## 16

# דער פרומער אַענעאַס

לכתחילה האָבן זיך די רוימער ווייניק־וואָס אינטערעסירט מיט דער קונסט. זייערע עפנטלעכע געביידעס זענען געבויט געוואָרן אין גריכישן סטיל, אָבער שווערער און פעסטער, גלייך ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט שטיין אייביק. די רוימישע האַרן האָבן זיך באַציִגן צו דער קונסט, ווי יענער רייכער פּלאַנטאַטאָר פון די דרום־שטאַטן האָט געטענהט צו זיין זון, וואָס האָט דווקא געוואָלט ווערן פידל־שפּילער: איך קאָן מיר דינגען אַלע פידלער, וועלכע ב׳וועל נאָר וועלן הערן. דער רייכער רוימער האָט זיך געדינגען מוזיקער טענצער און דיכטער, וואָס האָבן באַהערשט די „גריכישע קונסטן".

דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז די רעפּובליק איז צעפּגעשטאָרבן, קיסר אויגוסט האָט פאַרנומען דעם טראָן. ס׳זענען אָנגעקומען צייטן פון שלום. אַ רוימישער געלערנטער, אַ זון פון אַ גוטבאַזיצער האָט דערשפּירט די סכנה פאַר רוים מצד דער מרידה אינעווייניק, און דעם אָנגריף פון די באַרבאַרן פון איבער די גרענעצן. ער דערמאַנט די שטרענגע אייגנהייטלעכקייט פון יענע גוטע אַלטע צייטן און ער שטרעבט דערצו, אַז דער הערשנדיקער קלאַס פון רוים זאָל פאַרהערלעכן די אבות. קיסר אויגוסט אַליין זאָל האָבן אָנגעוויזן דעם דיכטער זיין אויפגאַבע. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט זיך הער פּובליוס ווירגיליוס מאַראָ, וועלכן מיר קענען אונטערן נאָמען: ווירגיל, גענומען זיך צו דער אַרבעט און געשאַפן מיט

ניבטע־נער פארטראכטקייט א ווערק פון נאציאנאלער און רעליגיעזער פראפאגאנדע.

דאסדאזיקע ווערק האט באדארפט זיין אן עפאפעע אויפן שטייגער פון די האמערישע דיכטונגען, געשריבן אין דאקטילישע דעקזאמעטרען.ווירגיל האט לאנג געזוכט א העלד און לסוף אויסגעקליבן א לעגענדארן טראיאנער מיטן נאמען אענעאס, וואס איז לויט דער לעגענדע אנטלאפן פאר די גריכן און געגרינדעט רוים. די האמערישע געשטאלטן האבן אלע געהאט אן אייגנשאפטס־ווארט צו זייער נאמען, למשל, דער „ביטרער אדיסעוס", דער „לייכטפיס־קער אכילעס" און אזוי ווייטער. מחמת דעם האט מען דעם נייעם העלד צוגעגעבן אן אייגנשאפטסווארט און ער האט געהייסן דער „פרומער אענעאס", דער מאן, וואס האט געשעצט דעם אלטן גלויבן און געלעבט לויט די אלטע טראדיציעס פון צניעות, ניכטערקייט און דינען דעם כלל.

מיר האבן דא פאר זיך אן עפיש געדיכט, פול מיט שיינע ווערטער און ערלעכע געפילן, וואס רוים ווייזט אונז, ווי אזוי עס דארף זיין, אבער פאקטיש איז נישט געווען אזוי.

מיר זען דארטן די וואנדערונגען פון „אענעאס" און זיינע חברים, ווי ער באזעצט זיך אויף קאטארגע, האט באציונגען מיט דער קעניגין דידא און פארלאזט זי, וואס איז אין יענער צייט לגמרי נישט געווען אזוי אומאנשטענדיק. מיר זען אויך, ווי דער פאטער פון שטאם האלט איין די רעליגיעזע מנהגים, באראט זיך מיט די חרטומים און בעט זיך אויס א ברכה ביי די געטער.

די „ענעידע" ווערט באטראכט פאר דאס גרעסטע אפקומעניש פאר הילפלאזע שול־יינגלעך. וואלט זי באטש פארמאגט אין זיך די גאנצע זיטלעכקייט און אלע כללים פון אנשטענדיקייט, וואס אונזערע קינדער דארפן האבן, אבער זיי האבן עס נישט. אין מיין שולצייט זענען מיר אזוי געזעסן מיט דרך־ארץ און מיר האבן פייערלעך איבערגעזעצט א לאנגע באשרייבונג וועגן א קאנקורס־קאמף, א רעליגיעזער קאנקורס־קאמף, וואס האט געהערט צו די פרומע שפילן. די קעגנער האבן נישט געטראגן געמיינע באקסער־הענטשקעס, נאר עפעס אזוינע געהיימניספולע, ראמאנטישע

וואָס ווערט אָנגערופן „קעסטוס". אָבער ווי איז געווען דעם שי־
לער, ווען דער לערער האָט געכאַפּט דערביי, ווי ער ליגט
אונטער דער באַנק און שטודירט אין דער צייטונג די באָקסער־
קאַמפן, וואָס זענען פאָרגעקומען דעם פאַרגאַנגענעם אָוונט, אָדער
גאָר די געשיכטע — נישט פון דער קעניגן דידאָ, נאָר — פון וועל־
כער ס'איז בינע־סטאַר אָדער אָפּערע־זינגערין, וואָס האָט געפּרוווט
באַגיין זעלבסטמאָרד צוליב דער אומטריישאַפט פון איר געליבטן.

צי וועט זיך געפינען עמיצער, וואָס וועט צווייפלען, אַז די
„ענעידע" איז פּראָפּאַגאַנדע? אויב אַזוי וויל איך דערמאָנען, אַז
דער דיכטער האָט בעת אַ בירגערקריג אָנגעווירן זיינע גיטער,
אָבער ער האָט זיי צוריק באַקומען פון קיסר אויגוסט, אַלס באַ־
לוינונג פאַר זיינע שיינע פערזן און ער איז געוואָרן דער ליבלינג
פון קייסערלעכן הויף. אין דער „ענעידע" געפינען מיר פאָלגנדע
שילדערונג וועגן פרומען קיסר:

דאָרט איז דער מאַן, דאָרט איז ער, וואָס דו הערסט זיך ווינטשן מיט
אים, צעזאַר אויגוסטוס, דער זון פון דעם פאַרגעטערטן, וועלכער פאַריונגט פון
גאָלדענעם טאָג שפּרייט אויס אין לאַטיום דורך די פעלדער.

דאָס איז אוממיטלבאַרע פּראָפּאַגאַנדע, אַ פּראָפּאַגאַנדע פון
אַ הונגעריקן דיכטער, וואָס זוכט אַ מעגלעכקייט צו עסן אַ מיטאָג.
אין דער געשיכטע פון קונסט וועלן מיר זיי נאָך אַ סך מאָל באַ־
געגענען, יאָ, מ'קאָן אַפילו זאָגן, אַז אין די קינסטלערישע קרייזן
זענען אַזוינע לייט ביי־היינט־צו־טאָג אויך אינגאַנצן נישט אומ־
באַקאַנט.

— איך האָב דערהאַלטן — האָט פּרוי אָגי אים איבערגע־
ריסן — אַ בריוו פון אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט געלייענט דיין
מאַנוסקריפּט. ער פּראָטעסטירט קעגן דיינע מיינונגען און ער טענהט,
אַז דו קאָנסט נישט אַזוי גוט קענען די אַלטע דיכטער ווי ער,
וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן צו שטודירן
זיי. ער שרייבט:

„די מיינונג, אַז ווירגיל איז געווען אַ טעלער־לעקער ביים
רוימישן קיסר, איז נישט מער ווי אַן איבערפּלעכלעכער אורטייל,
וואָס לייקנט אָפּ דעם אמתן אינהאַלט פון זיינע ווערק. די ווייטערע

פעסטשטעלונג, אַז דער הערשנדיקער קלאַס ווערט פון אייביק אָן באַוווּסטזיניק פאַרטיידיקט און פאַרהערלעכט דורך די קינסטלער, איז איינפאַך אַ שטות. דעמאָלט איז אַ סאָציאַלע פראַגע געווען אַזוי פרעמד, פונקט ווי עלעקטרישע מאַשינען.

— וואָרט — האָט אָגי אויסגערופן — דאָס איז וויכטיק, דאָסדאָזיקע מוזן מיר האַלטן פעסט. איך וויל אַלע פראָפעסאָרן אויפמערקזאַם מאַכן דערויף, אַז נישט איך האָב פעסטגעשטעלט אַזוי און נישט איך האָב צומאָל דערמאָנט, אַז די קינסטלער האָבן באַוווּסטזיניק אָפּגענאַרט די מענטשן. טיילמאָל האָבן זיי געוווּסט, וואָס זיי טון, אָבער ס׳רוב מאָל האָבן זיי געשריבן אויף אַזאַ אופן, ווייל עס איז געווען אין איינקלאַנג מיט זייערע אָנשויאונגען. אָבער כדי אָפּצוּוואַרפן די השערה פונם פראָפעסאָר, וועל איך דיר געבן אַ ביישפּיל:

— אָט שטייט דאָ פאַר אונז אַ בינשטאָק. יעדע פון די בינען זאַמלט אין משך פון אַ גאַנצן טאָג האָניק-זיים, כדי אַרויסצוברענגען דערפון האָניק אָדער וואַקס, כדי צו בויען דערפון די זעקסעקיקע קעמערלעך, אין וועלכע ס׳ליגט פאַרבאַהאַלטן דער האָניק. דאַן קומט אַ נאַטור-פאָרשער, שטודירט דעם לעבנס-סדר פון די בינען און בויט אויף די השערה, אַז די זעקסעקיקע קעמערלעך דינען דערצו, כדי צו פאַרבאַהאַלטן דעם האָניק אויף דעם שפּאָרזאַמסטן אופן, אָבער דער צוועק פון האָניק איז נאָר צו דערנערן די יונגע בינען, וואָס ווערן געבוירן אין די זעקסעקיקע קעמערלעך. צי קאָן איצט אַ קריטיקער אָנרופן דעמדאָזיקן ענטאַמאָלאָג „נאַר“, ווייל די בינען זענען נישט בכוח צו באַרעכענען זייער דערגרייכטן זעקסעקיקן ענגן שטח און נישט כעמיש אויספאָרשן דעם האָניק אין דער קראַפט פון זיין נאַרהאַפטיקייט?

די קלאַסנגעפילן פון די מענטשן זענען אינסטינקטיווע און אויטאָמאַטישע רעאַקציעס אויף אַ ווירטשאַפטלעכן דרוק. די רעאַקציע פונם קינסטלער, וואָס פרווט דורך פאַרהערלעכן דעם הערשנדיקן קלאַס צו דערגרייכן רום און דערפאָלג, קאָן גראָד אויך זיין אָן אינסטינקטיווע. אָבער די מענטשהייט הויבט אָן זיך באַוווּסט צו מאַכן זייערע עקזיסטענץ-מעגלעכקייטן און אויסצופאָרמען

אַ פּלאַנמעסיקן, פאַרנונפטיקן סאָציאַלן לעבן. אַלס אַ טריט אין דער-דאָזיקער ריכטונג איז מײַן פּרוּוו אַ קוק צו טון אויף צוריק אין דעם לעבנס-סדר פון די קינסטלער, צו שטודירן, אויסצופאָרשן, ווי ער האָט געזאַמלט דעם האָניק-זײַם, ווי אַזוי ער האָט אים אויסגעבערענגט און וואָס מען האָט דערמיט געמאַכט.

## 17

# האָראַץ און יוווענאַל

אין עטלעכע יאָר נאָך ווירגיל האָט זיך באַוויזן אַן אַנדערער רוימישער פּאָעט, וועלכן איך האָב דאָסגלייכן געמוזט לייענען אַלס יונגל. אויך ער איז געווען אַ ליבלינג פון קיסר אויגוסט און געשריבן נאַרישע לויבגעזאַנגען, וואָס האָבן געדרימט זײַן האַר. ער האָט אויך אויסגעפונען אַ פּילאַנטראָפּ, אַ רײַכן מיטן נאָמען מעצענאַס, וואָס האָט באמת געהאַט עפּעס פאַר דער קונסט און ער האָט אַוועקגעשאָנקען דעם דיכטער אַ סאַבינישע ווילע. דערדאָזיקער דיכטער איז געווען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, דער ערשטער מחבר, וואָס האָט פאַרבעטן דאָס פּובליקום צו זיך אין הויז און דערציילט פאַר זיי זײַנע אָנגענעמע און אומאָנגענעמע פּריוואַטע ענינים. אַזוי ווי איך אַליין געהער אויך אָן צו דידאָזיקע טאַקטלאָזע מענטשן, האָב איך דערפילט אַ געוויסע נייגונג צום הער קווינטוס האָראַציוס פלאַקוס, וועלכער איז אונז באַקאַנט אונטערן נאָמען האָראַץ.

דערדאָזיקער פילאָזאָפישער פּאָעט האָט פאַרשטאַנען אונז צו-צווינקען מיט ביטערע אויגן, בעת ער האָט געלויבט זײַנע פילאַנ-טראָפּן. און מעצענאַס איז, ווייזט אויס, באמת געווען אַ בראַווער מענטש. איך ווייס גאַנץ גוט, ווי לייבט עס קומט אָן די מענטשן ליב צו האָבן אַ רײַכן מענטשן. אָבער אין רוים האָט עס אַ פּנים

נאָך געמוזט זיין גאַנץ שווער, אַפילו פאַר אַ גוטן פּרייז, ליב צו האָבן אַ מענטשן. האָראַץ האָט געהאַט באַשיידענע פאַרלאַנגען. ער האָט נישט פאַרלאַנגט קיין זאַך אַחוץ לעבן מיט זיינע ביכער און שטיין פונדערווייטנס פונם ליאַרם און קאַמף אין דער פּאָליטיק. מ'וואָלט געקענט מיינען, אַז ער איז געפאַלן אויף די קני און גע־קושט די הענט יענעם, וואָס האָט אים געשאָנקען אַ שטילע אָפּ־געצוימטע היים מיט אויבסט־ביימער.

אָבער ניין, ער איז פאַרבליבן אַן ערלעכער מענטש. ער פאַרטיידיקט דאָס רעכט פון שריפטשטעלער אויף אַ פריי, אומאָפּ־הענגיק לעבן, — אַ מאָדערנע אידעע, אומפאַרשטענדלעך פאַר די רויע, רייכע רוימער.

האָראַצעס פאָטער איז געווען אַ באַפרייטער, אַ געוועזענער שקלאַף, און די בכבודיקע וועלט האָט אויסגעלאַכט דעם דיכטער צוליב זיין פאָטערס יחוס. אָבער במקום זיך צו שעמען מיט זיין אָפּשטאַמונג, דערמאַנט האָראַץ דעם אַלטן פאָטער אין זיינע ווערק, כדי אויף אַזאַ אופן צו מאַכן אים באַקאַנט פאַר גאַנץ רוים. — יאָ, — דערקלערט דער דיכטער — דערדאָזיקער גוטער, אַלטער פרייגעלאָזענער מענטש האָט מיך געבראַכט אַלס קליין יונגל קיין רוים, כדי מיר צו געבן אַ גוטע דערציונג. יעדן טאָג האָט ער מיך באַגלייט צו דער שול און אַליין געטראָגן מיינע העפטן מיטן שרייב־טאָוול.

מיר שעצן דעמאָדיקן ערלעכן מענטש און מיר לייענען זיינע אַנטציקנדיקע פערזן מיט פאַרגעניגן, דאָך אַן דעם לעבער־לעבן טעות פון דער קלאַסישער טראַדיציע, וואָס רעכנט האָראַצן אַריין צווישן די אומשטערבלעכע. ער איז געווען אַ פּיאָנער פון דער ליטעראַטור, דאָך האָט ער גאָרנישט געשריבן אַזוינס, וואָס מ'האָט נאָך אים נישט געשריבן אַ סך בעסער. מיר דאַרפן אַ טראַכט טון וועגן היינען, וועמענס דיכטונג עס איז געווען פול מיט דירנדיקער צאַרטקייט און וועלכער האָט דאָסגלייכן געהאַט דעם מוט צו שמייסן די ברוטאַלע הערשער פון זיין צייט.

— איז טאַקע נישט געווען אין רוים קיין איינאָונאייציקער דיכטער, אַ רעוואָלוציאָנער? — האָט פרוי אָגי אַ פרעג געטון.

— יאָ, עס איז געווען איינער. ער איז געווען אַ זון פון אַ באַפרייטן. ער האָט געלעבט כמעט מיט אַ יאָרהונדערט שפּעטער, ווי ווירגיל און האָראַץ אונטער דער הערשאַפט פון שענדלעכן דאָמיציאַן. ער האָט געהייסן יוּוועניאַל און ער האָט געשריבן סאַטירן אין וועלכע ער האָט אָנגעגריפן די אימפּעריאַלע אַריסטאָקראַטיע צוליב איר רשעות און מאַטעריאַליזם. איך האָב איינמאָל אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „קעסל-גרוב", וואָס דערציילט דאָסזעלבע וועגן די פיר הונדערט אין ניו-יאָרק. עס וואָלט געווען גאַנץ טשעקאַווע ביידע ביכער צו פאַרגלייכן און — — —

— דו הויבסט מיך שוין ווידער אָן מיט דיינע אייגענע ווערק!

— האָט פרוי אָגי אויסגערופן איבערגעשראָקן.

איך דערמאָן זיך נאָר, אַז „קעסלגרוב" איז אַ פּועל יוצא פון יענע זאַכן, וואָס איך האָב געזען מיט צוואָנציק יאָר צוריק אין ניו-יאָרק. איך האָב דאָרטן, למשל, אויסגערעכנט די היילמיטלען פאַר דאַמען פון דער געזעלשאַפט:

— דער סך-הכל פון דעם ווילדן געיעג איז געווען דער, וואָס די מענטשן האָבן אין אַ קורצע צייט פאַרלוירן זייער געזונט! זיי האָבן אויסגעפונען פאַרשידענע מאָדנע מיטלען און קוראַציעס צו היילן זייער געזונט. אַ דאַמע האָט געלעבט אויסשליסלעך פון שפּינאַט, אַן אַנדערע — פון גראָז. טייל האָבן געפּרוווט צוויי-און-דרייסיק מאָל צעקייען אַ לעפל זופּ. אַ סך זענען אין די פרימאָרגנס געגאַנגען שפּאַצירן אויפן פייכטן גראָז, אַנדערע ווידער זענען געקראָכן אויף אַלע פיר, כדי זיך אָפּצומאָגערן. עס זענען פאַראַן „אָפּרו-קורן" און „קאַלט-וואַסער-קורן", „מעטאַפיזישע היילמיטלען" און די פון דער „קריסטיען סאַיינעס", אויך אויטאָמאַטישע פערד, אויף וועלכער מ'האָט געקאָנט רייטן און דערנאָך נאָכרעכענען, וויפל קילאָמעטער מען האָט דורכגעמאַכט. מאָנטאַניו האָט זיך צוגעפגעטראָפן מיט אַ מענטש, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן עלעקטרישן אַפּאַראַט פאַר דרייסיק טויזנט דאָלאַר. ער האָט פעסט געהאַלטן די אַקסל און די ביינער און אויסגעפירט פרייע איבונגען. ער האָט אויך געקאָנט אַ פרוי, וואָס האָט אים דערציילט, אַז זי רייט אויף אַן עלעקטרישן קעמל.

דאָך האָט זיך דידאָזיקע מענטשן נישט איינגעגעבן אָפּצו־מאָגערן. זיי האָבן נישט געקאָנט באַהערשן זייער חשק. פרוי ביילי אָלדאַן האָט דערציילט מאָנטאַניון פון אַ רייכער דיקער דאַמע, וואָס האָט זיך צוגעוווינט צו טערקישע בעדער. זי האָט אויסגעזען מוראַדיק און זי האָט באַזוכט דידאָזיקע בעדער יעדן אָוונט. אַלע באַד־אָנגעשטעלטע זענען אויף איר רוף תיכּף געקומען צולויפן. עס האָט איר פאַרשאַפט פרייד צו שוויצן ביי אַ גרויסן לאַרם — האָט פרוי ביילי אָלדאַן דערקלערט — און ווען אירע הענט פאַלן אַראָפּ, פאַרמאַטערט פון די געוויכטן, דאַן רייבט דער מאַסאַזשיסט איין אַלע טיילן פון איר קערפּער. אין דערזעלבער צייט וואַרטן אינ־דערהיים הונגעריקע געסט אויפן מיטאָג. די דאַמע קומט אַהיים, אַ פאַרסאַפּעטע, מיט אַ רויט פּנים, און דערקלערט, אַז זי איז שרעקלעך דורשטיק, אַז זי קאָן איינע אַליין אויסטרינקען אַ גאַנצע פלאַש. דער דינער ברענגט אַריין אַ קובל אייז, אין וועלכן ס׳שטייט אַ פלאַש שאַמפּאַניער. זי טרינקט אָפּ אַ העלפט פונם שאַמפּאַניער, איידער זי נעמט אַ ביסן אין מויל אַריין, און זי רופט דאָס: אַ ביסל צו דייצן דעם אַפּעטיט. זי טרינקט אַזויפיל, אַז די פליסיקייט קאָן זיך נישט האַלטן אין איר מויל, נאָר רינט אַראָפּ אויפן דיל".

פרוי אָגי רייסט איבער דעם מאַן:

— איינס, מוזטו קלאָר מאַכן פאַר די מענטשן, נעמלעך, אַז דו האָסט נאָך נישט געהאַט מיט מיר חתונה געהאַט, ווען דו האָסט אָנגעשריבן דידאָזיקע עקלהאַפטע געשיכטע.

— אדרבה, איך וועל דערמאָנען. דו מוזט אָבער איינזען, אַז איך אַליין קען גאָרנישט פון פרוי ביילים דערציילונגען. הער אויס ווייטער, אויפן אַנדערן זייטל וועסטו זיך עפּעס דערוויסן פונם ניו־יאָרקער נאַכטלעבן:

„די ספּעציאַליטעט פון דער געמיינהייט איז שוין דערגאַנ־גען אַזוי ווייט, אַז ס׳זענען פאַראַן שאַנד־הייזלעך, וואָס מאַכן זיי־ערע געשעפטן טעלעפאָניש און שיקן זייערע מיידלעך פּער וואָגאָן אויף יעדן דערהאַלטענעם אַדרעס".

— מאָנטאַניו האָט געהערט פון אַ פּאָליציי־שעף די געשיכטע וועגן אַ פרוי פון איינעם און אונזערע גרעסטע באַן־מאַגנאַטן, וואָס

וווינט אין אַ מירמלנעם פּאַלאַץ אויף דער פֿינפֿטער עוועניו. ווי זי האָט דערשפּירט, אַז איר מאַן איז שוין אַנטשלאָפֿן געוואָרן, האָט זי אָנגעטון אויפֿן קאָפּ אַ בלאָנדן פּערוק, איינגעהילט זיך אין אַ מאַנטל און פֿאַרלאָזט איר הויז אין דער באַגלייטונג פֿון אַ בלויזע דינערן. זי איז אַוועק אין אַ שאַנד-הייזל, וווּ ס'איז פֿאַר איר רעזערווירט געווען אַ צימער. דאָרט האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט מיט די נאַקעטע ברוסטן, וואָס האָבן געהאַט פֿאַרגילדעטע וואָרצלען, זי האָט זיך אָנגערופֿן שרה און אַנטבלויזט איר גאַנץ לייב. זי, די מוטער פֿון איינעם אַ יונגן חשובֿן לאָרד, האָט זיך מיט ליידנשאַפֿט איבערגעגעבן יעטוועדן גאַסט. און ווען די טויערן פֿון הייזל זענען געשלאָסן געוואָרן, איז זי נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען אַ טרויעריקע און נישט שטאַרק קיין חשק געהאַט זיך אומצקוערן אַ היים. נאָך אַלץ אַן אומבאַפֿרידיקטע, מיט באַפֿלעקטע ליפּן, האָט זי געטראָגן אַ היים דעם ריח פֿונעם שאַנד-הייזל אינעם בעט פֿון איר מאַן, דעם אייזנבאַן-מאַגנאַט. איך וויל דיר אויך דערציילן פֿון די ליבעס-געטראַנקען, וואָס — — —

— הער שוין אויף! מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגעהערט פֿונעם „קעסלגרוב”, און איך וויל שוין נישט מערער דערפֿון הערן. דערדאָזיקער ראָמאַן איז די אומגעלומפּערסטע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און — — —

— ביסטו אָבער באמת זיכער, אַז ער איז פּראָפּאָגאַנדע?

— זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, נישטאָ דערבײַ קיין ברעקל ספֿק.

— אויב אַזוי, האָב איך באַוויזן ס'מיינקע.

— איך פֿאַרשטיי דיך נישט.

— איך האָב געשפּילט פֿאַר דיר אַ כאַלשן טאָן. יעדעס מאָל האָב איך אָנגעהויבן מיט עטלעכע זאַצן פֿונעם „קעסל-גרוב” און דאַן איבערגעגאַנגען צו דער זעקסטער סאַטירע פֿון יוווענאַל, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט די דאַמען פֿונעם אַלטן רוים. דו וועסט דיר שוין אַליין מוזן געבן די מי צו לייענען ביידע ביכער, כּדי זיך איבערצוצייגן, וואָס יוווענאַל האָט געמיינט און וואָס איך מיין. זעלבסט פֿאַרשטענדלעך, אַז איך האָב געענדערט נעמען און ערטער און אויך געמוזט אַ ביסל מילדער זײַן צו יוווענאַלן אַליין

וואָרים אייניקע פון זיינע זאַצן זענען שווער איבערצו־געבן...

— דו האָסט שוין עטלעכע איבערגעגעבן, וואָס וואָלטן אומ־באַדינגט געדאַרפט אויסגעשטראָכן ווערן — האָט פרוי אָגי דער־קלערט. און ווי דער שטייגער, האָט זי אויך איצט דורכגעפירט איר ווילן. און מחמת דעם האָט איר טאַקע געלייענט אַן „אַרומ־געשניטענעם” יווענאַל!

# 18

## דאָס אַמעריקאַנישע אימפעריום

נו, מילא האָסטו דיך אַ ביסל לוסטיק געמאַכט איבער מיר — האָט פרוי אָגי געזאָגט — דאָס איז גאַנץ פיין פון דיין זייט און איך האָב צו דיר גאָרנישט. וואָס וואָלט אָבער געווען, ווען ס׳זאָל איצטער דאָ אָנקומען אַ רוים־קענער און באַווייזן, אַז דאָס אַלץ איז אַן אומזין?

— די וואָס ווייסן אַ סך וועגן רוים, קענען אָפטמאָל שלעכט דאָס קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע. אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע געפינען זיך נישט נאָך צוויי אַזוי ווייט־ענלעכע ציוויליזאַציעס. איך וואָלט באמת געקאָנט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך און פאַרגלייכן די מיינונגען פון די אַמעריקאַנער דיקטאַטער, שטאַטס־מענער און זשור־נאַליסטן מיט ענלעכע מענטשן פון אַלטן רוים. יעדערער, וואָס קאָן נישט גענוי די ווערטער, וועט נישט וויסן פון וועמען זיי שטאַמען.

— אָבער מיר האָבן דאָך נאָך אַ רעפּובליק, נישט אמת?

— זינט די לעצטע יאָרן ווערן אַלס פּרעזידענטן אויסגעוויילט די, וואָס שענקען אַמיינסטן געלט אויפן וואַל־פאָנד, און ווער עס פאַרמאָגט אַ סך געלט, ווייל ער איז געווען דער קאַנדידאַט פון

דער פּלוטאָקראַטיע. מיר געפינען זיך טאַקע אין אַ קריטישן מאָמענט: אין אַ דור פון ענדערונגען. מיר פּרוּוון אויפצומונטערן דאָס פאָלק. אָדער עס וועט זיך אונז איינגעבן, אָדער מיר וועלן ווערן אויסגעשאָכטן, ווי דאָס ווינטשן זיך אונזערע אינדוסטריע־האַרן...

פּרוי אָגי כאַפּט אָן דעם מאַן ביים אַקסל. וואָרים דערדאָזיקער געדאַנק פאַרפאָלגט זי אומאויפהערלעך: ווען אַ הונט אָדער אַ קאַץ טוט זיך אַ ריר אין מיטן דער נאַכט אויף דער טעראַסע פון הויז, טוט זיך פּרוי אָגי אַ גיבן כאַפּ־אויף און ריבט זיך צו זען אַ באַנדע באַנקירן און סוחרים אָנגעטון אין נאַכט־העמדער, אָדער אין בגדים פון די „קו־קלוקס־קלען". אונזער אַריסטאָקראַטישע פּאַרטיי האָט געגרינדעט אַ „בעסערע רוים־פעדריישן" און זיי שטעלן צונויף אַ רשימה פון די פאַרהאַסטע, אויף וועלכע זיי רייצן אָן זייער באַנדע.

אין אונזער מאָדערנער ציוויליזאַציע זענען פאַראַן צוויי זאַכן, וואָס זענען פרעמד געווען אינם אַלטן רוים. ראשית, די זאַץ־מאַשין, וואָס גרייט צו ידיעות. כל־זמן דידאָזיקע מאַשין וועט קאָנטראָלירט ווערן פון די האַרן, איז זי ווייטער נישט מערער, ווי אַן אַפּאַראַט צו פאַרטויבן און דעמאָראַליזירן די מוחות. אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע אָנשטרענגונגען געלינגט פאָרט דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער הילף פון זייערע אייגענע זאַץ־מאַשינען צו פאַרשפּרייטן זייערע אויפשטאַנדס־ידיעות, אויף וואָס די רוימישע שקלאַפן האָבן שוין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט.

— און דער אַנדערער פאַקטאָר?

— די אַרבעטער־באַוועגונג. אין רוים זענען געווען סך־הכל עטלעכע פאַבריקן און דערצו זענען זיי געווען שוואַך. די אייגנטלעכע שקלאַפן זענען געווען אַן אומאָרגאַניזירטע מאַסע. אינדעראמתן זענען זיי כּסדר און כסדר אַלץ ווידער אויפגעשטאַנען, אָבער זיי זענען אויסגעראָטן געוואָרן טוצנווייז. די מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג, להיפוך, ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער. זי אָרגאַניזירט און בילדעט אויס אירע מיטגלידער, זי גייט וויסנשאַפטלעך פאָרויס. דערפאַר דאַרף פון דעם אַנטגילטיקן קאַמף נישט אַרויסקומען אַ נייער אימפּעריאַליזם, דער אונטערגאַנג פון דער ציוויליזאַציע,

נאָר עס דאַרף געשאַפן ווערן די אַרבעטער־רעגירונג, וואָס ווערט דורך אונז אויסגעחלומט.

וועגן דער רוימישער קונסט איז נישטאָ קיין סך צו רעדן, ווייל עס איז לגמרי נישט געווען קיין רוימישע קונסט. די פּלוטאָקראַטיע, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אימפּעריום, האָט זיך פאַרשטעקט אין אַזאַ מעמד, אַז ס'איז פאַר איר אוממעגלעך געווען צו דענקען, אָדער זיך אָנצושטרענגען. מחנות באַרבאַרן האָבן זיך דורכגעריסן די גרענעצן און אַריינגעדרינגען אינם רוימישן קעניגרייך. און עס זענען אָנגעקומען יענע צייטן, וועלכע די געשיכטע רופט אָן פינסטערע.

ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל אין שול, האָט דער לערער פון די קריסטלעכע לימודים מיר דערקלערט, אַז יענע יאָרהונדערטער ווערן אָנגערופן פינסטערע נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען אומקולטיווירט, נאָר ווייל ס'איז צום באַדויערן אונז גאָרנישט פאַרבליבן פון זיי. דעמאָלט האָב איך נישט געהאַט קיין ענטפער פאַר מיין לערער פון רעליגיע, אָבער היינט וואָלט איך בכוח געווען צו געבן אים אַן ענטפער: ווען מענטשן צינדן אָן דאָס קאָסטבאַרע ליכט פון גייסט, מאַכן זיי תמיד דערפון אַ פאַקל און לאָזן אים איבער די קומענדיקע דורות. מחמת דעם קאָנען מיר זיין גאַנץ זיכער, אַז אויב אַ דור איז אַוועקגעגאַנגען און נישט איבערגעלאָזט אונז קיין גייסטיקע ירושה, איז עס באמת געווען אַ פינסטערער דור.

## 19

## די קריסטלעכע רעוואָלוציע

די פעלקער פון אייראָפּע האָבן באַדאַרפט אייניקע יאָרהונדערטער, כדי צו קומען צו זיך פון דעם רוימישן באַרבאַריזם און באַלד נאָך דערדאָזיקער צייט קאָנען מיר זיך שוין צוקוקן צו דער אַנטוויקלונג פון אַ נייער קולטור, אַ קונסט, וואָס האָט נישט געהאַט

קיין שייכות מיט די גריכישע אָדער רוימישע טראַדיציעס, געווען פֿאַרבונדן מיט דער באַבילאָנישער און העברעישער טראַדיציע. דאָסדאָזיקע האָט באַדייט די פֿאַרניכטונג פֿון אַלטע און אַן אויפֿבוי פֿון נייע ווערטן, אַן אָנזאָג אויף סאָציאַלע, רעוואָלוציאָנערע, באַזונדער-אינטערעסאַנטע געשעענישן.

— וואָס איז, געטוי געבומען, דער חילוק צווישן יידישער און קריסטלעכער קונסט? די גריכן זאָגן: — „ס'איז נישטאָ קיין שענערס, ווי דער מענטשלעכער קערפּער". די קריסטן ענטפֿערן: — „מיר זענען „איקאָנע-צעשטערער", דאָס הייסט, מיר וואַרפֿן אַראָפּ די מירמלנע אָפּגעטער". די רוימער זאָגן: — „מאַטעריעל רייכטום איז דער באַזיס פֿון פּערזענלעכער און אַלגעמיינער זיכערהייט". די קריסטן ענטפֿערן: — וואָס פֿאַר אַ נוצן האָט דער מענטש, ווען ער געווינט שוין די גאַנצע וועלט און באַעוולהט זיין אייגענער נשמה?

די דאָזיקע קריסטלעכע לערע איז געווען אַ באַווייז, אַז די מענטשהייט האָט געפֿינען נייע באַפֿרידיקונגען, וואָס האָבן, לפּחות, אויף אַ געוויסער צייט, אַרויסגעשטויסן די פֿרייד פֿון קערפּערלעכן גענוס און פֿון דער הערשאַפֿט איבער מענטשן. די נייע פֿריידן זענען געקומען פֿון אינעווייניק און זיי האָבן געשאַפֿן אַ גאַנץ נייעם באַגריף: דאָס גייסטיקע. דער קינסטלער אָבער האָט געזען, אַז אויף אים ליגט די אויפֿגאַבע אויסצופֿאָרשן די דאָזיקע אינערלעכע געשעענישן. נאַטירלעך, איז דערצו נויטיק געווען אַ נייע טעכניק. בעת די גריכן האָבן פֿאָרגעשטעלט דעם קערפּער שיין, האָבן די קריסטן אים געשניצט אין זיין נאַקעטער, אָפּשײַלעכער העסלעכקייט. די רוימער האָבן פֿאָרגעשטעלט זייערע העלדן שטאַרק און מוסקולאַר, די קריסטן, להיפּוך, — שוואַך און קרענקלעך. די קריסטן האָבן זיך ממש געפֿרייט מיט וווּנדן, קראַנקייטן און פֿאַרקריפּלטקייט — זיי האָבן געהאַט אַ פּערווערזע פֿרייד, צו צעברעכן די אַלטע כּללים. דער פּסיכאָלאָג רופֿט אָן דעמדאָזיקן פּראָצעס „אַבּרעאַגירן". די צוויי ליבלינגס-טעמעס פֿון די קריסטלעכע דיכטער זענען געווען: איין גאָט, וואָס נעמט גרויסהאַרציק אַרויף צו זיך אַלע ליידן און הכנעה, און איין געטין,

וואָס איז תמיד ווידער רחמנותדיק צו דער בלאָנדזשענדיקער נשמה. דידאַקטיקע נייע קונסט איז אָפטמאָל געווען געצוווּנגען צו געבן דאָס אומאויסדרוקלעכע אַן אויסדרוק, און דערפאַר זענען זיי געטריבן געוואָרן צו סימבאָליזם. די מאָלער און סקולפּטאָרן האָבן דער־שפּירט אין זיך אויסערלעכע בולטע סימנים פון אינערלעכע און גייסטיקע געשאַנקען: דער קרייץ, די דערנער־קרוין, דאָס קרבנות־שעפעלע. די יונגפרוי מרים האָט אַ פלאַמעדיק האַרץ, טיילמאָל שוועבט אַרום איר אַ טויב. הייליקע און מאַרטירער טראָגן אַרום דעם קאָפּ אין אַ קרייז פון אָרעאָל־שטראַלן, כדי מען זאָל זיי אויף אַזאַ אופן נישט האַלטן פאַר בעטלער אָדער פאַר פּאַציענטן אין לעצטן סטאַדיום פון שווינדזוכט. ס׳איז נישט נויטיק פעסטצושטעלן, אַז דידאַקטיקע גאַנצע קונסט איז געווען ריינע פּראָפּאַגאַנדע, אַנדערש וואָלט זי נישט טאָלערירט געוואָרן.

דאָס וואָס די קריסטן האָבן געטון מיט דער הײדנישער קונסט, ווילן די סאָציאַליסטן איצטער טון מיט דער בורזשואַזער קונסט. זיי ווילן, ווערטלעך געזאָגט, פאַרברענען די אָפּגעטער און די טמפּלען, וואָס דינען צו פאַרהערלעכן דעם אינדיווידואַליזם און דאָס רייכטום, און זיי זוכן נייע קונסט־רגילותן, וואָס זאָלן זיך שטיצן אויף דער אויפוואַכונג פון די קלאַסן, אויף חברשאַפט און סאָלידאַריטעט.

## 20

## אינעווייניק און אויסנווייניק

עס זענען פאַראַן צוויי טיפּן פון מענטשלעכן טעמפּעראַמענט און פון מענטשלעכע האַנדלונגען, וואָס דריקן זיך אויס אין די קונסטווערק פון דער וועלט: אין דער קונסט פון שיינקייט און אין דער קונסט פון מאַכט.

די קונסט פון שיינקייט באַשאַפט דער הערשנדיקער קלאַס נאָר דעמאָלט, ווען זיין מאַכט איז שטאַרק, ווען זיי פילן זיך זיכער און ווילן, אַז מען זאָל זיי פאַרוויילן, ווען זיי ווילן אַז מ׳זאָל אָפּזונדערן זייער היים און סביבה פון דער געמיינער מאַסע. איך וועל אפשר נישט פעסטשטעלן, אַז פּשוטע פרימיטיווע מענטשן קאָנען נישט ארויסברענגען אַ נאַיוון אופן פון שיינקייט. זאָל זיך אָבער דידאָזיקע קונסט אַנטוויקלען און זיך אויסרייפן, מוז זי אונטערגעהאַלטן ווערן פונם הערשנדיקן קלאַס. די קינסטלער מוזן ווערן אונטערגעשטיצט און געמוטיקט, און דורך דעם ווערט זייער קונסט אַ צייכן פון אַ קלאַס. דער אמת, אז דער קינסטלער אַליין שטאַמט פון פאָלק, איז אומוויכטיק, וואָרים דער הערשנדיקער קלאַס נעמט דאָס, וואָס ער באַדאַרף, ווו ער געפינט עס, און ער מאָדעלירט עס אויס לויט זיינע קלאַסן-באַדערפענישן. די קונסט פון שיינקייט דערקענט מען — אויב עס האַנדלט זיך אין מאָלעריי, סקולפּטור, מוזיק, ליטעראַטור אָדער בינע, — אין איר רויקייט און פאַרטראַכטקייט, איר פרייד אין זאַכן, ווי זיי זענען און אויך אין דער גאַנצקייט פון דער פאָרם, וועלכער דער קינסטלער פון דעם הערשנדיקן קלאַס האָט צייט אויסצואָלערנען זיך און ווייסט גענוי וואָס ער וויל.

אין יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז פאַראַן אַ גרופּע, וואָס קאָנטראָלירט, און אַ גרופּע וואָס קעמפט קעגן דערדאָזיקער קאָנטראָל, „אינעווייניק און אויסנווייניק", די באַזיצנדיקע און אומבאַזיצנדיקע. אין אַן אַנטוויקלטע ציוויליזאַציע זענען אויך די לעצטע גענוג שטאַרק, כדי צו האָבן זייער אייגענע קונסט. דידאָזיקע קונסט איז מייסטנס אַ פרימיטיווע, אַן אינסטינקטיווע, פול מיט שטרעבונג, האַלב באַוווּסטזיניקע און האַלב אויסגעדריקטע געפילן. דידאָזיקע קונסט לייגט מער געוויכט אויפן אינהאַלט, ווי אויף דער פאָרם. זי טרייבט צו מעשים, אָדער זי פּרוּווט עס, לפחות, און מיר רופן זי מחמת דעם די קונסט פון מאַכט.

דידאָזיקע קונסט ווערט פון דער קריטיק ס׳רוב באַצייכנט אַלס פּראָפּאַגאַנדע. איר טויטנדיקער כח ליגט קודם כל דערין, וואָס זי איז בכלל נישט געגליבן צו קיין געהער. און דאָך טוט דער

קינסטלער, וואָס שילדערט די שיינקייט און איידלקייט פון דעם קרייז וועלכער האַלט אים אונטער, פאַראייביקט די איידעלע שטריכן און די אויסגעפוצטע גאָלדענע ווערטער פון די דאַמען און הערן, — טוט ער אַלצדינג, וואָס ער קען, צו באַשיצן יענע, וועלכע מאַכן אים פון זייער זייט מעגלעך דאָס לעבן. ער ווייסט אויך כמעט תמיד וועגן די האַרטע, רויע, געפערלעכע כחות, וואָס רינגלען אים אַרום און באַלאַגערן זיין טורעם פון העלפאַנט-ביין, דעם טעמפּל, דעם הייליקן בלעטערדיקן וואַלד, אָדער ווו ער באַהאַלט תמיד זיינע אַרבעטס-כלים; אָבער אַפילו ווען דער קינסטלער אַליין האַנדלט נאָר אינסטינקטיוו און נאַיוו ווייכט דער קלאַס, וואָס האָט אים איבערגעגעבן זיין מיסיע, וואָס עס איז קונסט-פראַגן, גאַנץ געניי, וואָס עס איז „געזונטע אָנשווינג”. אויב דאָס געגעבענע קונסט-ווערק פּאַסט זיך צו זייער געשמאַק, זענען זיי גרייט דערפאַר צו באַצאָלן.

אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז נישט סטאַגנירט — ווי אַ שטייגער ביז אַ קורצע צייט צוריק אין כינע — האָט זיך דאָס סאָציאַלע לעבן אויסגעצייכנט אין רעגירונגס-פאַרשווערונגען. די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן האָבן אָפּגעוואָרפן די אַלטע הערשער און זיי האָבן זיך צוגעקריגן צו דער מאַכט. יעדעס מאָל האָט זיך אויך פאַרענדערט די קונסט. די אומצופרידענע האָבן זיך איצטער געפינען אַ תיקון: זייענדיק ביז איצטער באַהערשט פון זייערע געפילן, זענען זיי איצטער בכח געווען צו מאַכן אַן אָרדנונג מיט זייערע געדאַנקען. פריער זענען זיי פול געווען דערמיט די אַנדערע צו לערנען זייער גלויבן און איצטער האָבן זיי דערגרייכט אַ טריומף פון קינסטלערישע טעכניק. מיט איין וואָרט, יענע, וואָס האָבן פריער פּראָדוצירט די קונסט פון מאַכט, האָבן איצטער אַרויסגעבראַכט די קונסט פון שיינקייט און אַזויאַרום דערקלערט זיך שוין במילא אויך, וואָס עס איז געשען מיט דער קריסטלעכער קונסט, ווען די הייליקע זענען געוואָרן „סאַלאָן-פּעיק”.

אומגעפער פינפהונדערט יאָר נאָך קריסטוסן איז דאָס רוימישע קעניגרייך פאַנאַנדערגעפאַלן. בעת די ווייטערדיקע יאָרן איז די איטאַליענישע האַלב-אינזל געווען אַ שלאַכטפעלד פאַר די

אַריינרייסנדיקע מחנות באַרבאַרן. ווען עס איז לסוף ווידער איינגעשטעלט געוואָרן אַ שטיקל אָרדנונג, האָט זיך דאָס לאַנד געפינען אונטער דער הערשאַפט פון די פעאָדאַלע פירשטן און אייניקע רויבער-מחנות, וואָס זענען געזעסן אין שטאַרקע שלעסער אָדער אין די שטעט. דאָס קריסטנטום איז דאַן געווען די אָפיציעלע רעליגיע, אָבער די אַבאַטן, בישאָפן און פויפסטן זענען נישט געווען מער ווי אַן אַרמעע-אָנפירנדיקע רויבער-עלטסטע. און אין די ליידיקע שעהן, וואָס ס'איז זיי פאַרבליבן נאָך די קאַמפן, האָבן זיי, ווי אַלע אַנדערע פירשטן, געגאָסן תענוגים, און צו זיי האָט אויך געהערט די קונסט.

די נשמהדיקע געפילן און די התלהבות פון קריסטנטום האָבן נאָר געהערט צו יענע, וואָס האָבן זיי געזוכט אין די קלויסטער-קאַמערן אָדער אין וואַנדערונגען, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט ווערן פאַרקויפט, אָדער איבערגעגעבן. אין דער אַטמאָספער פון די הויפן און פון די פאַלאַצן פלעגן זיי פאַרוועלקט ווערן און שטאַרבן. מחמת דעם זען מיר אויך אין דער רעליגיעזער איטאַליענישער קונסט אַ פאַרענדערונג. די הייליקע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין חשובע הערן, וואָס האָבן געטראָגן קליידער פון געלערנטע. יעזוס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ הימלישן פירשט מיט אויסגעצייכנטע לייוונטענע מלבושים און מיט אַ גאָלדענער קרוין; די יונגפרוי מרים אָבער איז געוואָרן די געליבטע פון אַן אַבאַט, פון אַ הערצאָג אָדער פון אַ פויפסט — אָדער אַ געליבטע פון דעם, וואָס האָט זי געמאָלט. (לעצטנס קומט, מחמת פאַרשטענדלעכע טעמים, אָפטמאָל פאַר אַזוי. די דאַמע איז געווען ביי דער האַנט און האָט נישט געהאַט וואָס צו טון, בעת דער קינסטלער האָט געאַרבעט. ער האָט געקריגן בחינם אַ מאָדעל, געחנפעט פון דער גאווה פון זיין געליבטע און געשטערט איר דערין ערגעץ אַנדערש זיך אַוועקצולאָזן). אויף אַזאַ אופן האָט דער גיפט פון לוקסוס אויך אַריינגעדרונגען אין דער אַזויגערופענער רעליגיעזער קונסט, און מיר זען, ווי די סימבאָלן פון מאַרטירערטום און פון די הייליקע קרבנות ווערן באַנוצט דערצו, כדי צו פאַרהערלעכן די גאווה פון די רויבערישע קלאַסן און צו פאַרדעקן זייערע פאַרברעכנס.

אָבער די נשמה פון די מענטשן שטאַרבט קיינמאָל נישט
אָפּ, און אויף צו־להכעיס די פאַרפאָלגונגען און דעם פאַראַט קעמפט
זי תמיד ווידער פאַר גערעכטיקייט און ברודערלעכקייט. אינעווייניק
און אויסנווייניק פון דער קירך שטייען־אויף העלדישע נשמות און
פירן אַ קאַמף אויפסנייַ צו דערגרייכן די פריערדיקע פשטות און
אויפריכטיקייט פונם גלויבן. דער קאַמף צווישן אויבן און אונטן,
צווישן די רייכע און אָרעמע, האָט אָנגענומען אַ פאָרם פון כפירה
און אַפּטריניקייט, פון מחנות נדבות־קלויבער און פּראָטעסטאַנטישע
כעקציעס. די יונגע אומבאַקאַנטע דינער פון גאָט גרייפן אָן די
קאָרופּציע פונם קירכלעכן אַפּאַראַט. טייל האָבן זיך אָפּגעקערט פון
דער שלעכטער וועלט און אַוועק אין די קלויסטערס, אַנדערע האָבן
ווערטלעך איבערגענומען יעזוסעס לערע, און באַפרייט פון אַלע
מיטלען, זענען זיי אַוועק אין דער ברייטער וועלט, געפּריידיקט זי
פאַר אַלע, וואָס זענען גרייט געווען זי אויסצוהערן און זיי האָבן
געלעבט פון נדבות. זיי זענען געוואָרן פאַרפאָלגט, און אַריינגעלייגט
אין חרם, זייערע אָנהענגער זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן אין די
טויזנטער און אין די הונדערטער טויזנטער, אָבער די באַוועגונג
האָט ווייטער עקזיסטירט. אַז די פירער זענען געשטאָרבן, זענען זיי
געוואָרן פאַרהייליקט און מהאָט זייערע בילדער געמאָלט. אידעאַלי־
זירט, גוט אָנגעטון, האָבן זיי זיך באַוויזן אין די פענסטער פון די
קירכעס אָדער אין די קונסט־גאַלעריען פון קירכע־פירשטן און
פּרינצן. פראַנציס פון אסיזי אין דרייצנטן יאָרהונדערט, וואָס האָט
געטראָגן בעטלער־מלבושים און איז עפנטלעך פאַרשטויסן געוואָרן
פון זיין פאָטער ; סאַוואָנאַראָלאָ אין פופצנטן יאָרהונדערט, וואָס
האָט באַוועגט די רייכע דערצו, אַז זאָלן אַריינוואַרפן זייערע פּראַכט־
מלבושים און זייער צירונג אין פייער און ער אַליין איז אומגעברענגט
געוואָרן אין פלאָרענץ ; מאַרטין לוטער אין זעכצנטן יארהונדערט,
וואָס איז אַרויסגעטרעטן קעגן די אָדפּוסטן און צוגעשלאָגן ווינע
טעזן צו די טירן פון דער קירך ; דזשאָרזש פאָקס אין זיבנצנטן
יאָרהונדערט, וואָס האָט אויף דער גאַס אָנגעגריפן די קאָרופּציע
פון די גייסטלעכע ; בישאָף בראָון אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט,
וואָס איז אין אַמעריקע אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער

עפּיסקאָפּאַלישער קירך פאַר זיין פאַרטיידיקן דעם קאָמוניזם — דאָס זענען די מענטשן, וואָס האָבן דערהאַלטן די קריסטלעכע רעליגיע ביים לעבן, און צוגעשטעלט שטאָף פאַר דער לעבנס-פעיקער רעליגיעזער קונסט.

## 21

## דער הימל פון עלעגאַנץ

איטאַליען איז געווען דאָס ערשטע אייראָפּעישע לאַנד, וווּ די שפּראַך פון פאָלק האָט אַרויסגעשטויסן דעם אַלטן לאַטיין און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קולטור-שפּראַך. די ביידע גרויסע דיכטער פון דערדאָזיקער תּקופה ווייזן אונז אַן אינטערעסאַנטע סתּירה צווישן דער קונסט פון שיינקייט און קונסט פון מאַכט.

דער באַליבסטער דיכטער פונעם הערשנדיקן קלאַס פון מיטלאַלטערלעכן איטאַליען איז געווען דער אומגעזעצלעכער זון פון אַ סוחר, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן פון זיין פאָטער, באַקומענדיק אַן אויסערגעוויינלעך גוטע דערציונג. ער האָט זיך אויסגעקליבן פאַר אַ געליבטע די „גאַטירלעכע טאָכטער" פון אַ קעניג. מיט דערדאָזיקער פאַרהייראַטעטער פרוי האָט ער אַ סך יאָרן כּסדר געהאַט אַ באַציונג. ער האָט געשריבן פאַר זיי לאַנגע, עפּישע געדיכטן איבער גריכישע העלדן און ער האָט אַריינגעוועבט צווישן די שורות קאָמפּליצירטע אַקראָסטיכן און געהיימע ווערטער. אויף אַזאַ אופן האָבן די פלינקע קינסטלער פון די איטאַליענישע הויפן פאַרבראַכט זייערע פוילע שעהן, וואָס זיי האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען די אַרבעט פון פאַרשקלאַפטן און עלנטן פּויערטום.

דער דיכטער איז געוואָרן באַרימט און איז געוואָרן דער ליבלינג פונעם הערשנדיקן קלאַס. ער איז געשיקט געוואָרן אַלס שליח מיט וויכטיקע שליחותן אין די הויפן פון די פּויפּסטן און

פירשטן. ער איז אויך געוואָרן דער ליבלינג פון אַ קעניגין און ער האָט נישט פאַראַכט איר חסד, אַפילו נאָכדעם, ווי זי איז געוואָרן אַ מערדערין. ער האָט געשריבן אַ וווּנדערבאַרע שיינע איטאַליע־נישע פּראָזע און ער האָט דערמיט געבּרענגט זיין לאַנד גרויס נוצן. ער איז געווען דער מחבר פון אַ גרויסער צאָל קורצע דער־ציילונגען, וואָס האָבן געשילדערט, וויאַזוי די איטאַליענישע הערן און דאַמען האָבן פאַרברענגט אין לאַנד, בשעת דער מגפה אין פלאָרענץ. די רעליגיע האָט לגמרי נישט אָנגערעגט דידאָזיקע הערן און דאַמען צו פלעגן די קראַנקע. זיי זענען געווען צו וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, כדי איינצושטעלן דאָס לעבן אויף אַזאַ פּרימיטיוון אופן, דערפאַר האָבן זיי זיך באַזעצט אין די ווילי׳עס אויפן לאַנד און דאָרטן האָבן זיי זיך צוגעהאָרכט צו די אַנטציקנדיקע געשיכ־טעס וועגן געשלעכטלעכע ענינים.

איך וויל אַבסאָלוט נישט פעסטשטעלן, אַז „דעקאַמעראָן” פון באָקאַטשיאָ פאַרמאָגט אין זיך בלויז שמוץ. מיר וועלן טאַקע פון אָט דער געשיכטע זיך דערוויסן, אַז די הערן און דאַמען פונם פוילנדיקן קלאַס האָבן נישט פאַרברענגט זייער גאַנץ לעבן בלויז מיטן דערפינדן נייע סעקסועלע קאָמבינאַציעס. זיי האָבן אויך באַדאַרפט עסן. מחמת דעם האָבן זייערע קינסטלער אונז געשאָנקען רייצנדי־קע, דעם אַפּעטיט אָנרעגנדיקע שילדערונגען פון סעודות. זיי האָבן אויך באַדאָרפט טרינקען, און זייערע קינסטלער האָבן אונז צוגע־שטעלט אַ גאַנצע רשימה פאַרשיכורנדיקע געטראַנקען. זיי האָבן אויך באַדאַרפט פאַרהילן זייער נאַקעטקייט, און אַזוי אַרום האָט זיך גע־שאַפן אַ קאָמפּליצירטע קונסט פון קליידונג, אַ שטענדיקע טוישנדיקע פאַרפיינערונג, וואָס אין איר נעץ האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט די פּ׳ס פון די אומפאָרזיכטיקע, אַז דער הייליקער קרייז פון די „אינעווייניק־סטע” זאָל בלייבן פאַרשלאָסן פאַר יענע אינדיווידומס, וואָס דערניד־ריקן זיך דורך זייער נוצלעכער אַרבעט, אָדער פאַר די, וואָס זייערע פּאַטערס אָדער זיידעס האָבן געטון נוצלעכע אַרבעט.

די הערן און דאַמען האָבן אויך פאַרמאָגט פּאַלאַצן און גיטער, וווּהין זיי האָבן געקאָנט אַנטלויפן פאַר מגפות, הונגער־נויט און מלחמות, און אַזויאַרום האָט זיך געשאַפן די קונסט פון אַרכיטעקטור.

דידאָזיקע היימען זייערע האָבן געהאַט ווענט, וואָס האָבן געמוזט ווערן אויסדעקאָרירט, און אויף אַזאַ אופן האָבן מיר דערגרייכט צו מאָלעריי און צו פיל אַנדערע קולטורעלע דערגרייכונגען. חוצדעם האָט זיך נישט איינגעגעבן צו פאַרטרייבן פון די הערצער פון אַלע דאַמען און הערן אַלע זייערע נאַטירלעכע געפילן, און מחמת דעם געפינען מיר אין דער קונסט פונם פוילנדיקן קלאַס געפיל און סענטימענטאַליטעט. עס איז אונז זייער גוט צו באַדויערן די אָרעמע, אָבער אויף אַזויפיל אויף וויפל זיי זענען ווערט; ס'האָט זיך געשאַפן „אידיליעס" און אַנדערע זיסע, טרויעריקע געשיכטעס. אַז מיר זענען שוין האַלב קראַנק פון לאַנגווייליקייט, טראַכטן מיר גערן וועגן צוריקקערן אויפן לאַנד. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך געשאַפן די „צוריק צו דער נאַטור"-קונסטווערק, פאַסטוכער-לידער און פאַסטאָראַלן, אין וועלכע שיינע פאַסטוכער און פאַסטוכערינס האָבן געטאַנצט און פויערים-יונגען און מיידן האָבן דירנדיק אומגעלומפּערט נאָכגעמאַכט די מאַניערן פון זייערע הערן.

אין דערדאָזיקער פוילער וועלט געפינען מיר אויך עמבריאָלע שפורן פון פליכט-געפילן. דידאָזיקע געפילן ווערן פאַרפיינערט, איבערגעטריבן, פאַרוואַנדלט אין עפּעס פאַנטאַסטישעס, וואָס האָט גערייצט דעם איבערגעזעטיקטן געשמאַק. אין די ווערק פון באָקאַטשיאָ געפינען מיר די געשיכטע פון די „געדולדיקע גריסעלדיס", דערביישפּיל פון ווייב-געטריישאַפט און חתונה-געהאָרכזאַמקייט. די דאַמע איז דאָרטן פאַרהייראַט מיט אַ נפש, וואָס טוט איר אָן אַלץ, וואָס אַ פאַרדאָרבענע פאַנטאַזיע איז זיך נאָר בכוח אויסצוחלומען. זי אָבער טראָגט איבער, פאַרבלייבט זיין געדולדיקע, איבערגעגעבענע שקלאַפין און זי איז לסוף מנצח אירע פייניקער; נאָכדעם קומט דער אומפאַרמיידלעכער גליקלעכער סוף. די לעגענדע פון דערדאָזיקער אָנגענעמענער, באַקוועמער פרוי דערפילט אַ פּאָפּולערן ווונטש פון אַ מענלעכער השגה.

דזשאָוואַני באָקאַטשיאָ איז געשטאָרבן אַלס אַלטער מאַן (1375), און די קאַטוילישע קירך האָט אָנערקענט זיין באַליבטקייט ביים פאָלק דורך אַרויסגעבן אַ „געריייניקטע" און פאַרקירצטע אויסגאַבע פון זיין „דעקאַמעראָן". אין דערדאָזיקער אויסגאַבע איז

אינדעראמתן נישט אויסגעשטראָכן געוואָרן קיין איין אויפרעגנדיק וואָרט. דאָך אומעטום, וווּ באַקאַטשיאָ האָט געשילדערט די חזירייען פון די גלחים, בּריסטער און פּויפּסטן, זענען פון דידאָזיקע הייליקע פּערזענלעכקייטן געמאַכט געוואָרן געוויינלעכע מענטשן. די דערציילונגען פון דידאָזיקע ליבּלינגען פונם איטאַליענישן פּוילנדיקן קלאַס זענען פאַרבּליבּן בּיז היינט איינס פון די באַליבּסטע ווערק. יעדער בּרודיקער, אַלטער פאַרשוין באַהאַלט זיי אין זיין בּיכער־שאַנק, און יעדער בּרודיקער יונגער יאַט לייענט זיי אונטער דער שול־באַנק, בּעת דער פּראָפעסאָר פון מאָראַל־פילאָזאָפיע האַלט אַ לעקציע וועגן דער סאָציאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער עשירות.

## 22

## דער גיהנום פון דעגענעראַטן

דער איטאַליענישער דיקטער פון רעוואָלוציע און מאָראַלישן ווידערשטאַנד האָט פאַרקערפּערט אין זיך פּונקט דעם היפּוך פון דעם אַלעמען. ס'איז נאָר געגוג צו זען דאָס בּילד פונם דאָזיקן מענטשן, כּדי תּיכּף צו דערקענען אין אים דעם קעמפער: אַ מאָ־גער אָדלעריש פּנים, שטרענג, פאַרבּיטערט, פול מיט ליידן. ס'איז נישט געווען נאָך איינער אַזוי ווייט באַוווסטער עטישער דיכטער, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען אויסשליסלעך מיט מאָראַלישע פּראָבּלע־מען און זאָל האָבּן אויסגענוצט זיין קונסט דערצו, איבּערצוגעבּן דער מענטשהייט זיינע אָנשווינגען וועגן רעכט און אומרעכט.

דאַנטע אַליגערי איז געבּוירן געוואָרן אין פלאָרענץ אין גוטע באַדינגונגען. ער האָט באַקומען דערציִונג פון אַ געלערנטן און וואָלט געקענט פירן אַן אָנגענעם לעבּן און פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור. ער אָבּער האָט ליבּערשט געוואָלט נעמען אַן אָנט ל

אין דער אומרויקער געפערלעכער פּאָליטיק אין זיין געבוירן-שטאָט, און געוואָרן איינער פון די פירער פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַר־טיי. ווען די פויפּסטלעכע מאַכט האָט דעראָבערט איטאַליען, האָט ער געמוזט אַנטלויפן, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן און געווען אין גלות. פון דעמדאָזיקן גלות האָט ער זיך געפילט שטאַרק דער־שלאָגן: — „אַ וואַנדערער, כמעט אַ בעטלער, בינד איך אָפּ נישט ווילנדיק די ווונדן, די באַשערטע פון שיקזאַל״ — אַזוי האָט ער געשילדערט זיך אַליין, און: — „באמת, איך בין ווי אַ שיף אָן אַ זעגעל און אָן אַ רודער, געטריבן פונם טרוקענעם ווינט, וואָס ווייעט אַהער פון טרויעריקער אָרעמקייט, צו פאַרשידענע האַפנס און ברעגן״. און פונדעסטוועגן האָט ער זיך קיינמאָל נישט גע־וואַקלט אין זיינע איבערצייגונגען. פאַרקערט, זיינע ווערק האָבן אים נאָך פאַרלענגערט דעם גלות און ער איז געשטאָרבן, ווי אַ וואַנדערער.

מיר ווילן זיך נישט אַריינלאָזן אין פּרטים וועגן דער מיטל־אַלטערלעכער פּאָליטיק, די קאָמפּליצירטע סכסוכים צווישן די איינצל־נע שטעט און לענדער, די אָנהענגער פון די פּויפּסטן און זייערע קעגנער, די אָנהענגער פונם הייליקן רוימישן קעניגרייך. ס'איז גענוג צו וויסן, אַז דער גרעסטער דיכטער פון דער וועלט איז פון אָנהויב ביזן סוף פון זיין לעבן געווען אַ פּאָליטיקער און האָט גע־נומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין אַלע ענינים פון זיין צייט. ער האָט מיטן גאַנצן כח געקעמפט קעגן זיינע שונאים, פיינט געהאַט זיי מיט אומברחמנותדיקער שנאה, און ער האָט נישט קיין מורא געהאַט צו שטראָפן זיי אין זיין ווערק אין דער קינפטיקער וועלט. אַראָפּ־גייענדיק אין גיהנום, באַגעגנט דאַנטע אין די אונטערשטע גיהנום־קרייזן די פאַרשידענע פלאָרענטינישע פּאָליטיקער, וואָס האָבן פאַרראַטן און פאַרדאָרבן זייערע שטעט. לויט ווי ער האָט געמשפּט, איז דאָקאַ דעגלי אַבאַטי, וואָס האָט אַ הילפלאָזער געשטעקט ביז איבערן האַלדז אין אייז, אַנטרונען געוואָרן פון גאָטס גורל. דער דיכטער האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַר די האָר און אויסגעריסן אים גאַנצע בינטלעך.

די מידה, וואָס דאַנטע האָט אַממיינסטן פיינט געהאַט, אין

געווען די גיריקייט נאָך תאוות. ער האָט געשטורעמט קעגן דער קירך פון זיין צייט, ווייל זי האָט אַנגענומען פון קיסר קאָנסטאַנטין די „אומגליקלעכע מתנה” פון וועלטלעכן אייגנטום, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די פויפסטן אין וועלטלעכע הערשער, אינטריגאַנטן און אַרמיי-פירער. ביידע פויפסטן פון זיין צייט שליידערט דאַנטע אַריין אין גיהנום און שילדערט, ווי דער הימל אַליין איז רויט געוואָרן פון זייערע מעשים. דער הייליקער פעטער האָט געזאָגט וועגן ביידע פויפסטן, אַז יעדער פון זיי האָט „פון מיין בית-הקברות געמאַכט אַ מיסט-קאַסטן פון בלוט און שמוץ”. דאָס קאָן מען דרייסט אָנרופן אַ ערלעכע אויפדעקונג פון שמוץ, ווי אומווירדיק און אומליטעראַריש דאַנטעס ווערק זאָל נישט אויסקומען אין די אויגן פון די קולטורווירטע קירכע-פירשטן פון פערצנטן יאָרהונדערט!

אָבער אויך די מאָדערנע קריטיקער זענען אַ פנים ביי דער-זעלבער מיינונג. אַלבערט מאָרדעל זאָגט אין זיין ווערק: „דאַנטע און אנדערע אַמאָליקע קלאַסיקער”, אַז די „געטלעכע קאָמעדיע” איז העסלעך. הער מאָרדעל געהערט אָן צו די באַקעמפער פון יענע אָנשויונגען, אַז די קונסט האָט נישט קיין שייכות מיט פּראָפּאַגאַנדע, און דאַנטע האָט מיט אים נישט איינגעשטימט אין דעם פּרט.

וואָסערע מאָראַלישע פּראָבלעמען זענען דאָס געווען, וואָס האָבן אָנגעפילט דאַנטעס נשמה, און צי האָבן זיי נאָך היינט פאַר אונז אַן אינטערעס? צוויי פון זיי וועלן האָבן אַ ווערט פאַר אַלע צייטן פון דער מענטשהייט. ראשית, דאָס פּראָבלעם פון געטלעכן יושר. וויאַזוי איז מעגלעך, אַז דעם רשע זאָל אָפּגליקן און ס'זאָל אים גיין גוט? וויאַזוי איז מעגלעך, אַז ס'זאָל דערלאָזט ווערן זיי זאָלן אונטערדריקן די אומשולדיקע? אויב גאָט האָט די מאַכט דאָס-דאָזיקע צו צעשטערן, טאָ פאַרוואָס צעשטערט ער עס נישט? דאַנטע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער טיפעניש פונם גיהנום און ער האָט דורכגעוואַנדערט דאָס ריינינקונגס-פייער ביזן הימל, און געזוכט אַן ענטפער אויף דידאָזיקע פראַגן. מיר וואָלטן געקאָנט אים זאָגן נאָך פאָרויס: מיר גלויבן נישט, אַז מען זאָל קאָנען געפינען אויף די פראַגן אַן ענטפער.

דאָס צווייטע גרויסע פּראָבלעם איז דאָס פּראָבלעם פון ליבע. די קריסטלעכע רעוואָלוציע האָט געשאַפן אַ נייע באַציונג צו דער פרוי. די מענטשהייט האָט אַנטדעקט דאָס, וואָס די פּסיכאָאַנאַליטיקער רופן די סובלימירונג פון סעקסועלן: נעמלעך, אַז די נישט צושטאַנדגעקומענע באַפרידיקונג ווירקט אויפרעגנדיק אויף דער גאַנצער פּסיכיק. דער איינפאַכער נאַטוראַליזם פון די גריכן איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער ראָמאַנטיק פון מיטלאַלטער. דאַנטעס גאַנצע וועזן, זיינע אַלע קונסט-פאַרדינסטן, זענען באַשטראַלט געוואָרן פון דער וויזיע פון אַ גרויסער און וווּנדערבאַרער ליבע, אַרויסגערופן דורך אַ צופעליקע באַגעגעניש מיט אַ נייניעריק מיידל. דידאַקטישע ליבע האָט געדויערט דאָס גאַנצע לעבן פונם דיכטער, נישט געבנדיק איר קיין שום קערפּערלעכן אויסדרוק. קיין שום סטודענט פון דער סעקסועלער פּאַטאָלאָגיע וועט ביי היינט צו טאָג דאַנטעס פּאַרהאַלטן זיך פון דאַנטען נישט האַלטן פאַר נאָרמאַל און קלוג, דאָך טרייסלט אונז אויף זיין פאַרהערלעכן די אידעאַלע פרוי און די וויזיע, וואָס זי שענקט דער נשמה.

אויף זיין וואַנדער-וועג דורכן גיהנום, האָט דאַנטע זיך געלאָזט פירן פון ווירגיל, ווייל אין דעם דאַנטעס רוימישן פּאָעט האָט ער געשעצט יענע אייגנשאַפטן, וועלכע מיר האָבן שוין דערמאָנט: דעם מאָראַלישן ערנסט, די שטרעבונג פון אַ ווערטפולער נשמה צו ראַטעווען די ציוויליזאַציע. אין דאַנטעס צייטן האָט די קולטיווירטע וועלט ערשט פונסניי אַנטדעקט די גריכישע און רוימישע קונסט און זי האָט אַ ציטער געטון פאַר די וווּנדער פון די פאַרגאַנגענע דורות, וואָס זענען נאָך דערהאַלטן געוואָרן נאָך טויזנט יאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דער רענעסאַנס, דער ווידערגעבורט.

מיר קענען באַגרייפן דידאַקטישע געפילן, ווען מיר טראַכטן וועגן אונזער אייגענער אויפרעגונג, בעת דער אַנטדעקונג פון טוטאַנקהאַמענס קבר. נעמט-זשע למשל אָן, אַז דער קבר האָט געהאַט מייסטערווערק פון דער עגיפּטישער ליטעראַטור, וואָס דערציילן, אַז ס'איז געווען דאַן אַ סאָציאַליסטישע ציוויליזאַציע אין אַלטן עגיפּטן, אָדער פון אַ מעכטיקן מלך, וואָס איז געווען גערעכטיק לגבי די אָרעמע און געלעבט בשלום מיט אַנדערע פעלקער.

אַ סאָציאַליסטישער דיכטער פון אונזער צייט, וואָס זאָל וועלן אויסלאַכן די מלחמה „פאַר דעמאָקראַטיע" מיט דעם, וואָס ער וואָלט אַריינ־געשליידערט די פירער אין גיהנום אַריין, וואָלט ער אויסגעקליבן פאַר פירער איבערן גיהנום דעמדאָזיקן עגיפּטישן קעניג, ער וואָלט זיך ברודערלעך באַגריסט מיטן קעניגס חברים, אַרומגערעדט מיט אים די פּאָליטיק פון אַלטן עגיפּטן און פונם מאָדערנעם אַמעריקע.

אין די אונטערשטע גיהנום־קרייזן וואָלט ער אָנגעטראָפן לאָיד דזשאָרזש, קלעמאַנסאָ, ווילסאָן צוזאַמען מיט יענע ראָודים און תליינים, וואָס די דאָזיקע שטאַטס־מענער האָבן אָנגע־רייצט אויף די מענטשן. דער גענעראַל־פּראָקוראָר פּאַלמער, למשל, וואָלט פאַרגעשטעלט געוואָרן, ווי אַ טייוול מיט אַ לאַנגן געשפּאָל־טענעם ווידל. דער דיכטער וואָלט גערדייט מיטן ווידל, דער פּראָקוראָר וואָלט געשריגן פון גרויס ווייטיק און די ראַדיקאַלע צוהערער וואָלטן אָנגעקוואָלן פאַר נחת. די באַרימטע קריטיקער אָבער וועלן דרייען מיט די נעז, זיי וועלן זאָגן, דאָס קאָן מען נישט אָנרופן קונסט. דאָס איז געוויינלעכע פּראָפּאַגאַנדע.

מיט דיזעלבע אויגן האָט די קולטיווירטע רענעסאַנס־קריטיק אויך געקוקט אויף דאַנטען, דעם „פּרימיטיוון", „פּאָפּולערן" מענטשן. דער געלערנטער בישאָף דעלאַ קאַסאַ האָט גערעדט מיט חוזק וועגן זיין גלאַטער פּראָסטער שפּראַך און סטיל, זיין מאַנגל אין חשיבות און רייץ. עס איז גענוג פאַר מיר אַ שעה צייט, כדי אייך צו ווייזן, אַז יעדער אמתדיקער לעבנספּעיקער קינסטלער איז אויף דעמזעלבן אופן באַהאַנדלט געוואָרן פון די אַקאַדעמישע קריטיקער.

## 23

## די פרומע פאַרגיפטער

די איטאַליענישע פירשטן האָבן זיך אַזוי ווייניק איבערגענו־מען מיט דאַנטעס שטרענגן מוסר, ווי די הערשנדיקע קלאַסן פונם

אַלטן רוים מיטן מוסר פון ווירגילן. דאָס מיטלאַלטערלעכע איטאַליען איז געגאַנגען אויפן זעלבן דרך, ווי דאָס אימפּעריאַליסטישע רוים. צוויי הונדערט יאָר נאָך דאַנטען זען מיר גאַנס שלוחים אויף דער ערד, ווי זיי חזרן איבער די ערגסטע פאַרברעכנס פון אַ נעראָן אָדער קאַליגולאַ. אַלעקסאַנדער דער זעקסטער, דער פּויפּסט פון באָרזשיאַ, האָט אָפּגעקויפט זיין הויבן אַמט, כדי צו באַרויבן די שטעט פון איטאַליען און צו פאַרוויסטן די גאַנצע האַלב-אינזל דורך מלחמות. פון די צאָלרייכע געליבטע האָט ער געהאַט אַ סך קינדער. איינער פון זיינע זין איז געווען צעזאַר באָרזשיאַ, דער פירער פון דער פּויפּסטלעכער אַרמיי, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט דערמאָרדעט אָדער פאַרגיפטעט אַלעמען, וועלכע האָבן זיך אים געשטעלט אין וועג, אַפילו זיין אייגענעם ברודער בתוכם. אומקערנדיק זיך אַ היים פון זיינע מלחמות, האָט ער זיך לוסטיק געמאַכט דערמיט, וואָס ער האָט געמאַכט פון זיינע געפאַנגענע שיס-פונקטן, און געשאָסן אויף זיי מיט פיילן אין הויף פון וואַטיקאַן. ער האָט דערהרגעט מיט איין שאָס. אַלעקסאַנדער איז געוואָרן פאַרגיפטעט, זיין טאָכטער לוקרעציאַ האָט צוערשט פאַרגיפטעט דעם אייגענעם זון, דאַן זיך אַליין.

מיר האָבן דאָ אַן אידעאַלע סביבה פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קונסט פון פוילנדיקן קלאַס. די פּויפּסטן און די פירשטן האָבן זיך געלאָזט אויפבויען הערלעכע פּאַלאַצן און, אין אַ געוויסער מאָס אויף צו פאַרזיכערן זייערע אייגענע נשמות, האָבן זיי געשאַפן קאַטעדראַלעס און קירכעס. זיי זענען געווען גרייט אויסצוגעבן אַ סך געלט אויף באַרימטע קינסטלער, און מען דאַרף נישט לאַנג דערציילן, אַז די קינסטלער זענען פון זייער זייט געווען גרייט דאָס געלט אָנצונעמען. דער ענגלישער דיכטער בראָונינג שילדערט אין אַ געדיכט דעם געדאַנקען-גאַנג פון דידאָזיקע פרומע פאַרגיפטער און קינסטלערישע מערדער. דער בישאָף ליגט שטאַרבנדיק און זיינע זין, וואָס רופן זיך מחמת העפלעכקייט „פלימעניקעס”, האָרכן זיך צו צו זיינע לעצטע ווערטער וועגן דער מצבה, וואָס דאַרף דערהאַלטן זיין אָנדענק און ברענגען רו זיין נשמה:

„אַ גרינער בלאָק, אַ לויכטענדיקער ווי פּיסטאַציען,
יאַספּיס פאַרמאָגט די וועלט געוווּג.
סאַנט פראַנקסעס לייגט דעם אויער צו צו מיין געבעט
פערד פאַר אייך און גריכישע פאַרמעטן,
און הערלעכע פרויען מיט מירמל־ווייסע גלידער.“

ווייטער פאַרלאַנגט די פרומע נשמה אַ שיינעם מצבה־אויפשריפט, צוזאַמענגעשטעלט פון ציצעראָס ווערטער. דאָ האָבן מיר, ווי מיר זען, ריינע „קונסט לשם קונסט“. אונטער דער אויפזיכט פון אַזעלכע עסטעטיש־פעיקע פירשטן פון דער קירך, האָבן זיך אַנטוויקלט אין זעכצנטן יאָרהונדערט די איטאַליענישע דיכטער, מוזיקער, מאַלער און כקולפטאָרן. דער פאַרגיפטער, דער פויפסט, אַלעקסאַנדער דער זעקסטער, איז צווישן אַלע אַנדערע אויך געווען דער שיצער איבער אַ באַגאַבטן יונגן מאַלער: ראַפאַעל סאַנציאָ. דידאַזיקעביידע נאָכפאָלגער פון אַלעקסאַנדער דעם זעקסטן, האָבן פאַר גאָטס כבוד דעראָבערט אַ סך שטעט און זיי האָבן אויסגעגעבן מיליאָנען פון די דעראָבערטע געלטער אויף רעליגיעזע קונסט. דער יונגער טאַלאַנטפולער מאַלער ראַפאַעל איז דאָס גאַנצע לעבן דורכגעשווומען אויף אַ טייך פון גאָלדענע רענדלעך. זיין כשוף־פענזל האָט פאַרוואַנדלט דאָס בלוט, שוויס און טרערן פון די איטאַליענישע פויערן אין הערלעכע בילדער פון ליבלעך שמייכלענדיקע מאַדאָנעס, פון באַגייסטערטע הייליקע און אומגעוויינלעך ליבלעכע יעזוס־קינדערלעך. ראַפאַעל ווערט אָנערקענט אַלס איינער פון די גרעסטע מאַלער פון דער וועלט, מיר שטייען פאַר דעם סאַמען הייליקסטן, ביים שפּיץ פון ריינער שיינקייט און עס לוינט זיך אויסצוגראָבן די וואָרצלען פון זיין לעבן, כדי צו דערוויסן זיך, וואָס פאַר אַ באָדן האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ קאָסטבאַרן געוויקס.

ער איז געווען אַ זון פון אַ הויפמאַלער; זיין גאַנץ לעבן איז אַשטאַנען פון תענוגים, דערפאָלג און אָנערקענונג. די נאַטור [illegible]אָט אים באַשאָנקען מיטן גאַנצן רייץ פון קערפּער און נאָך [illegible]ערצו אַ ליבנסווירדיקן געווינענדיקן כאַראַקטער. ער האָט שטו־[illegible]רט די ווערק פון די באַרימטע מאַלער און אָנגענומען זיך מיט [illegible]ערע קענטעניש. ער איז געוואָרן אַזוי ווייט באַרימט, אַז זיין

לעבן איז „געווען נישט ווי פון אַ מאָלער, נאָר ווי פון אַ פירשט".
שלוחים פון די רייכע און מעכטיקסטע האָבן באַלאַגערט זיין טיר,
געוואַרט חדשים-לאַנג אויף אַן אינטערוויו. ער איז תמיד אַרומגערינגלט
געווען פון זיינע שילער, פאַרערער און פאַרהערלעכער.

ראַפּאַעל האָט געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט צום ווייבלעכן
מין. די פויפסטן און פירשטן, וואָס האָבן אים געאַכטעט, האָבן
אים געפּרוווט איינהאַלטן אויף דעם געביט, זיי האָבן אים פאַר-
געלייגט רייכע, חשובע שידוכים, אָבער ער האָט נישט געקאָנט
זיך באַשליסן חתונה צו האָבן. איינמאָל, ווען ער האָט דעקאָרירט
דעם פּאַלאַץ פון מיליאָנער טשיגי פון סיענאַ, אַן אייגנטימער פון
אַלאַן און זאַלץ-גרובן, האָט דער מיליאָנער אַנטדעקט, אַז ראַ-
פּאַעל האָט זיך אַזוי ווייט פאַרליבט אין זיין געליבטע, אַז ער האָט
פאַרנאַכלעסיקט זיין אַרבעט. ער איז געפאַלן אויף אַ גלענצנדן
געדאַנק: ער האָט אַרויסגענומען די געליבטע צו זיך אין פּאַלאַץ
אַריין. דער דאָזיקער ליבלינג פון גליק איז געשטאָרבן אין עלטער
פון זיבנאונדרייסיק יאָר, דאָס איז געווען אַ פּועל-יוצא פון זיין
אויסגעלאַסן לעבן.

ווי האָט געשטעקט דער סוד פון ראַפּאַעלס דערפאָלג? דער
ענטפער איז: ער האָט געמאָלט דעם הערשנדיקן קלאַס פון אי-
טאַליען אין זיין גאַנצער קערפּערלעכער שיינקייט, זיין מאַטעריעלן
לוקסוס, זיין פּראַכט. פון דער קירכלעכער קונסט איז שוין געווען
פאַרשווונדן יעדער שפּור פון אַסקעטיזם. די קריסטלעכע הערן און
דאַמען, די יונג-פרויען, גאָט און די הייליקע, וועלכע ראַפּאַעל מיט
די חברים פון זיין צייט האָבן געמאָלט, זענען הויך-בוזימדיקע,
ראָזע בילדער פון ווילשטאַנד, וואָס זייער התלהבות האָט קיינ-
מאָל נישט קאַליע געמאַכט זייערע מאָגנס. דער מלאך, וואָס האָט
מודיע געווען דער יונג-פרוי מרים, אַז זי איז מעוברת, האָט זי
מער נישט געטראָפן אין אַ שטיבל ביי אַ טישלער, נאָר אין אַ פּאַ-
לאַץ. אפילו ביי דער קרייציקונג און ביי דער קבורה פון יעזוסן,
האָבן די טרויערנדיקע דאַמען נישט פאַרגעסן זיך שיין צו פריזירן
און אָנצוטון זיך אין אַ צוגעפּאַסטע טואַלעטע.

דער קונסט-היסטאָריקער וואַסאַרי שרייבט וועגן דעם:

„אונזער ליבע פרוי איז אַפּנים אוממעבטיק און די פּנימער און די קעפּ פון אַלע וויינענדיקע זענען אַלע באַהנט".

פאַרשטייט זיך, אַז ראַפּאַעל האָט געמאָלט די בילדער פון אַלע „עלטסטע" און „מכשפים" פון זיין צייט; ער האָט זיי פאַרגעשטעלט פראַכטפול און בכבודיק. וואַסאַרי שרייבט וועגן דעם פּאָרטרעט פון פּויפּסט יוליוס דער צווייטער, דעם העלדישן מלחמה-פירער.

„דאָס בילד וועקט אויף ביי אַלע צוקוקער אַ געפיל פון אַ יראת-הכבודיקן שוידער, פּונקט ווי זיי וואָלטן באמת געזען דעם לעבעדיקן מאָדעל":

שפּעטער איז אויף דער שטול פון הייליקן פּעטער אָנגעקומען אַן אַנדערער פּויפּסט: לעאָ דער צענטער, וואָס די מיליאָנען אויף פאַמיליען-דענקמעלער און קונסט-הערלעבקייטן פון דער פּעטער-קירכע, האָט ער זיך דערוואָרבן דורך פאַרקויפן קירכע-גוטס, און דערמיט האָט ער אַ שטויס געטון צו „יענער קירכלעכער רעוואָלוציע, וואָס מיר רופן אָן: רעפאָרמאַציע. אויף ראַפּאַעלס פּאָרטרעט זעט ער אויס ווי אַ טעמעני-פּאָליטיקער פון אַ שענק. וואַסאַרי שילדערט דאָס בילד: „די סאַמעטענע ווייכקייט פון דער הויט איז פאַרגעשטעלט טריי דער נאַטור, דאָסגלייכן די מלבושים פון פּויפּסט" און אַזוי ווייטער.

אַ מענטש, וואָס האָט געקאָנט אַרויסברענגען פאַר די רייכע און מעכטיקע אַזעלכע וואונדער, האָט געמעגט אַליין באַשטימען זיין לוין און זיין דער האַר איבער אַלעמען, מיטן אויסנאַם איבער די אייגענע ליידנשאַפטן. ראַפּאַעלס אַן אַלטער פּעטער האָט געשריבן צו אים און געבעטן, אַז ער זאָל זיך אומקערן אין זיין געבוירנשטאָט און חתונה האָבן מיט אַן אָרנטלעכע פרוי. דער ענטפער פון דעם יונגן מאָלער איז אונז איבערגעבליבן: „ווען איך וואָלט געוועןגעפאָלגט דיין עצה, וואָלט איך נישט דערגרייכט דאָרטן, ווו איך געפין מיך היינט". און דאַן דערציילט ער, ווו ער איז:

„ביי היינט צו טאָג פאַרמאָג איך אין רוים נחלאות אין דער ווערט פון דרייטויזנט דוקאַטן און אויך אַן איינקונפט פון פופציק גאָלד-קראָן, דאַן דרייהונדערט און פופציק גאָלד-

דוקאַטן, וואָס זיין הייליקייט גיט מיר פאַר מיין אויפזיכט ביים בויען די קירכע פון הייליקן פעטער. דידאָזיקע סומע וועל איך וואַרשיינלעך קריגן אויף מיין גאַנץ לעבן. חוצדעם באַקום איך פון אַנדערע קוועלן נאָך כּומעס און איך קאָן פאַרלאַנגען פאַר מיין אַרבעט וויפל איך וויל. איך האָב אויך אָנגעהויבן מאָלן פאַר זיין הייליקייט אַן אַנדער צימער, וואָס וועט מיר אַריינברענגען צוועלף הונדערט גאָלד-דוקאַטן. אָט זעסטו, ליבער פעטער, אַז איך פאַרשאַף כּבוד דיר, דער פאַמיליע און מיין גאַנץ לאַנד... וועלכע שטאָט אויף דער וועלט קאָן זיך פאַרגלייכן מיט רוים, וועלכע געביידע קאָן זיך פאַרגלייכן צו דער הייליקער-פעטער-קירכע, די ערשטע קאַטעדראַלע אויף דער וועלט. דאָס איז דאָס גרעסטע קונסטווערק, וואָס איז נאָר ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן און וועט קאָסטן מער ווי אַ מיליאָן גאָלד-דוקאַטן, און דער פויפסט האָט זיך באַשלאָסן אויסצוגעבן זעכציק טויזנט דוקאַטן אויף דעם בלויזן בויען, ער טראַכט גאָרנישט וועגן עפּעס אַנדערש".

בעת ראַפאַעל איז אַזוי גוט געגאַנגען פאָרויס און געווען אויף אַזאַ אופן שטאָלץ אויף זיין וועלט, האָט דער דייטשער גייסטלעכער מאַרטין לוטער אָנגעהויבן זיין אָנגריף אויפן פויפסטום אין דער קירכע פון וויטנבערג. אָבער אונזער פירשטלעכער מאָלער איז געווען אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט, ער האָט געהאַט אַזויפיל באַשטעלונגען אויף פאָרטרעטן פון פויפסטן און קאַרדינאַלן, ער האָט באַדאַרפט מאָלען אַזויפיל נייע „בשורות", דעם „נס" און דאָס „אומבאַפלעקטע מעוברת ווערן", אַז ער האָט משמעות קיינמאָל גאָרנישט געהערט וועגן די באַרבאַרישע רעוואָלוציאָנערן אויף דרום. ער איז ביז זיין טויט פאַרבליבן אַ ביישפיל פון אַ קינסטלער ביים ליידיקגייער-קלאַס און נאָך היינט איז ער דער ליבלינג ביי די פרומע פּיעטיסטן און סענטימענטאַלע שול-לערערינס וואָס לאָזן זיך אַרויס אויף אַ קונסט-נסיעה. מיט איין וואָרט, דער ליבלינג פון יענע אַלע, וואָס אַנטוויקלען זייערע געפילן אויפן חשבון פון זייערע מוחות און ווילן פאַרמאַכן די אויגן פאַר דער צאָרנדיקערווירקלעכקייט פון לעבן, פאַר יענער ווירקלעכקייט פון וועלכער ס'קאָן נאָר בלויז אַרויסבליען די איינציק-אמתע, לעבעדיקע שיינהייט.

## 24

# מיקל אנדזשעלאָ

צווישן דער גרויסער צאָל קינסטלער פון דער שיינהייט, האָט דער איטאַליענישער רענעסאַנס אַרויסגעבראַכט אַ מענטשן, וואָס האָט דאָס לעבן נישט געהאַלטן פאַר קיין פריילעכן לוכט-גאָרטן. אַ מאַן, וואָס האָט נישט געקענט זינגען מיט אַ פריילעך און לוסטיק האַרץ, אַ מאַן, וואָס האָט געקענט קוקן די געהיימנישן פון לעבן גלייך אין פנים אַריין און וואָס האָט די שרעקענישן פון מיטלאַלטערלעבן גייסט גענומען ערנסט. דערדאָזיקער מאַן האָט זיך אָנגעשפאַרט אויפן לייבטזיניקן און גרויזאַמען גייסט פון זיין צייט. אָבער ער האָט זיך אויך געבונטעוועט קעגן דער נאַטור, קעגן דער אַכזריותדיקייט פון דער צייט און פון טויט. ער איז געווען איינזאַם, גערודפט צוליב דער אייפערזוכט און גיריקייט פון זיינע קעגנער, געפייניקט פון דער אייגענער זינלעכקייט און פון דעם פחד פאַר דער אייביקער פאַרטיליקונג. זיין לעבן איז געווען אַ נוצלאָזער פיינלעכער בונט און האָט געשאַפן וואונדערבאַרע געוואַלדיקע קונסט-ווערק.

מיר ווילן אין דעמדאָזיקן בוך שטודירן די באַציונג פון די קינסטלער צו די „געלט-האַרן” און עס גיט קוים אַ טרויעריק בילד פון יענער פאַרערונג פון זשעני דורך דער מאַכט פון גיריקייט, בעת דער לעבנס-געשיכטע פון מיקל אַנדזשעלאָ-בואָנאַראָטי. ער איז איינער פון די גרעסטע סקולפּטאָרן פון אַלע צייטן, אָבער אויך איינער

פון די גרעסטע מאָלער און אַ גרויסער דיכטער. ווי ס'רוב מענטשן, וואָס דערזען דאָס דערהויבענע און אומגעהויערע איז ער אויך גע־ ווען אַ שוואַכער מענטש, פאַרפאָלגט פון פחד. בעת ער איז נאָך געווען אַ קינד האָט אים דער פאָטער געשלאָגן, ווייל ער האָט געוואָלט אַרויסטרייבן פון אים די מאַניע צו ווערן אַ קינסטלער. ווען ער איז אַלט געווען ניין יאָר, האָט ער געהערט דונערן פון אָלטאַר דאָס קול פון סאַוואָנאַראָלאַ, אָט דערדאָזיקער צווייטער קערפערלעך־שוואַכער נביא, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אַנצוגרייפן די פעלערן פון דער קירך אין פלאָרענץ. ווען מיקל אַנדזשעלאָ איז אַלט געוואָרן דרייאונצוואַנציק יאָר איז סאַוואָנאַראָלאַ, וואָס איז שוין אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם דורכן פויפסט פון באָרדזשאָי, עפנטלעך געטויט געוואָרן. דעמאָלט האָט דעם יונגן מאָלער באַ־ גייסטערט דער בשוף פון דער גריכישער שיינקייט. אָבער דאָך האָט אויף אים איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם דער גורל פון דעם נביא, וועלכער האָט מקריב געווען זיין דייפע עלטער דעם רעלי־ גיעזן פייער. אין דער נשמה פון מיקל אַנדזשעלאָ האָבן זיך גע־ ראַנגלט צוויי וועלטן: אַ וועלט פון היידנישער שיינקייט, פון תאווה, און אַ וועלט פון הימלישער דבקות און פאַנאַטישן אַסקעטיזם.

דער טאַלאַנט פון קינסטלער איז תיכף אָנערקענט געוואָרן. יוליוס דער צווייטער, דער זעלבער פויפסט, וואָס האָט באַהאַנגען ראַפאַעלן מיט גאָלדענע קייטן, האָט איינגעלאַדן מיקל אַנדזשעלאָ פאַר זיין הויפּט־פאַרהערלעכער. די ביידע האָבן צוויי יאָר געפּלאַנט אַ מצבה פאַרן פויפסט; עפעס אַזוינס, וואָס די וועלט האָט נאָך ביז איצט נישט געזען, אַן אמתער מירמלנער באַרג מיט פערציק ריזיקע פיגורן. דאָ דערקענען מיר דעם גורל פון מיקל אַנדזשעלאָ: איינער פון די גרעסטע מייסטער פון לעבן, וואָס האָט געדאַרפט איבערגעבן דער מענטשהייט אַ גרויסע שליחות, האָט דאָס נויטיקע געלט צום לעבן, פונקט ווי דעם מאַרמאָר צו דער אַרבעט, גע־ דאַרפט נעמען ביי אַ מיאוסן ביטרען פאָליטיקער אין קירכלעכע מלבושים. ער האָט געמוזט שאַפן סטאַטועס פון דוד און משה, פון דעם טאָג, פון דער נאַכט, פון דעם פרימאָרגן און אָוונט און

פאַרשידענע אַנדערע סימבאָלן. אָבער דידאָזיקע סטאַטועס האָבן געמוזט אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ קבר פון אַ פויפּסט אָדער אַ פירשט. חוצדעם איז ער געצוווּנגען געווען צו פאַרלירן אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן אויף קאַמפן, נישט נאָר מיט די פויפּסטן און פירשטן גופא, נאָר אויך מיט זייערע באַאַמטע און אונטערטעניקע, וואָס האָבן זיך אַלע צוזאַמען ביינט געהאַט, אינטריגירט, געדראָט מיט שווערד אָדער סם.

אין זייערע סענטימענטאַלע שלעכטע ווערק דערציילן אונז פאַרשידענע היסטאָריקער און קונסט-קריטיקער, אַז די ריזיקע קאַטעדרעס און קירכעס זענען געשאַפן געוואָרן פון געמיינזאַמען ערעפּורכט און דעם גלויבן פון גאַנצע אַרבעטזאַמע קהילות. ווען מיר וועלן זיך אָבער צוקוקן נענטער צום אמת, וועלן מיר זיך דערוויסן, אַז די קונסט-ווערק זענען געשאַפן געוואָרן אין אַ כאַאָס פון מחלוקת און רייסעניש, פון שווינדל און ליגן, פונקט ווי היינט אונזערע מאָדערנע עפנטלעכע געביידעס, אונזערע קריגס-שיפן, אָדער אונזער לופט-פלאָט. דער ערשטער אַרכיטעקט פון פויפּסט יוליוס דעם צווייטן איז געווען אַ פעיקער ליגנעריש-רוצחישער מנוול, וואָס האָט ביים בויען דעם וואַטיקאַן געגעבן אַזאַ שלעכטן מאַטעריאַל, אַז פון דאַן אָן האַלט מען די מויערן אין איין רעמאָנטירן. ער האָט אינטריגירט קעגן מיקל-אַנדזשעלאָ און ס'האָט אים אָפּגעגליקט איינצורעדן דעם פויפּסט, אַז בויען זיך אַ מצבה ביים לעבן ברענגט אומגליק. דער פויפּסט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פּלאַן. מיקל אַנדזשעלאָ איז געווען שטאַרק פאַרשולדיקט, ווייל ער האָט געמוזט פון דער אייגענער קעשענע באַצאָלן פאַר דעם טראַנספּאָרט מאַרמאָר. דער סקולפּטאָר איז געלאָפן אין וואַטיקאַן און געפאָדערט מ'זאָל אים באַצאָלן, אָבער דער פויפּסט האָט אים געלאָזט אַרויסוואַרפן דורך זיינע דינער.

באַלד דערנאָך איז ער אויפגעפאָדערט געוואָרן צו מאַכן אַ בראָנזענע סטאַטוע פון אַלע הייליקע פויפּסטן. ער האָט דערקלערט, אַז ער קען נישט די בראָנז-אַרבעט, דאָך האָט ער געאַרבעט אַ גאַנץ יאָר, אַ תל געמאַכט פון דער פיגור און רואינירט זיין געזונט. דאַן האָט מען אים אויפגעפאָדערט צו מאָלן דעם

סופיט פון דער סיקסטינישער קאַפּעלע. ער האָט דערקלערט, אַז ער פאַרשטייט נישט די סופיטן-מאָלעריי; חוצדעם איז עס אַ שווערע און פאַרמאַטערנדיקע אַרבעט. אָבער דער פויפּסט האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי ס'זייניקע, און מיקל אַנדזשעלאָ האָט אַוועקגעגעבן פיר יאָר ביים מאָלן דעם סופיט. ער האָט געמוזט מאָלן זיינע ריזיקע און שווידערלעכע סימבאָלן פאַרקערט. דער פויפּסט איז אַריין אין גרימצאָרן צוליב דער לאַנגער צייט, וואָס דער קינסטלער האָט אויסגענוצט אויף זיין אַרבעט און געוואָלט זען די בילדער. ער האָט זיי קריטיקירט, געוואָרן בייז און געוואָרפן זיין שטעקן אויף מיקל אַנדזשעלאָ. דערנאָך האָט ער אים געשיקט דורך אַ שליח פינף הונדערט רענדלעך פאַרגיטיקונג.

יוליוס דער צווייטער איז אָפּגעשטאָרבן און לעאָ דער צווייטער איז געוואָרן זיין נאָכפאָלגער. מיקל אַנדזשעלאָ האָט געשלאָסן מיטן יורש פון דעם פאַרשטאָרבענעם אַ קאָנטראַקט אויסצופאַרטיקן די מצבה און ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן איבער די צוויי און דרייסיק ריזיקע פיגורן. דער נייער פויפּסט האָט אָבער געוואָלט די קונסט פון מיקל אַנדזשעלאָ אינגאַנצן האָבן פאַר זיך. און אַזוי איז דער אָרימער סקולפּטאָר צען יאָר נאָכאַנאַנד געשלעפּט געוואָרן פון די צוויי קאָנקורירנדיקע צדדים אַהין און אַהער. אַנדערע סקולפּטאָרן און מאַלער פון יענער צייט, וואָס זענען באַוואָרפן געווען מיט באַשטעלונגען האָבן צוגענומען געהילפן און גיך פאַרטיק געוואָרן מיט זייערע ווערק. מיקל אַנדזשעלאָ אָבער האָט געליטן פון זיין געוויסנהאַפטיקייט. ער האָט געגלויבט, אַז קיינער קען נישט אַזוי אויספאַרטיקן די אַרבעט ווי ער, און אַזוי האָט ער איינער אַליין געקריצט און געזיפצט און געשוויצט אונטער די צאָלרייכע באַשטעלונגען. ער האָט באַדאַרפט האָבן נאָך מאַרמאָר און די קאָנקורירנדיקע אייגנטימער פון מאַרמאָר-ברוך האָבן אים פאַרביטערט דאָס לעבן. יענע, וואָס ער האָט נישט געקויפט ביי זיי קיין מאַרמאָר, האָבן אינטריגירט די שיף-אייגנטימער, אַז זיי זאָלן נישט ברענגען פאַר אים פון קיין אַנדערן. דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען אומגעפער מיט צוואָנציק יאָר צוריק ביי אַ טראַנספּאָרט-שטרייק אין טשיקאַגע: שטיינער זענען געפלויגן אין דער לופטן, מ'האָט געשפּאָלטן קעפּ,

מענטשלעכע לייבער זענען צעלעכערט געוואָרן פֿון קוילן — ווייל א גרויסע טראַנספּאָרט-געזעלשאַפט האָט פינאַנסיעל אונטערגעשטיצט א שטרייק קעגן א קאָנקורענץ-געזעלשאַפט.

נאָך לעאָ דעם צענטן איז אָנגעקומען א פּויפסט פֿון דעם הויז פֿון מעדיצי. ער האָט געוואָלט זיינע אבות, דרייבע פלאָרענטינער סוחרים, לאָזן שטעלן א מצבה. ער האָט אויך בדעה געהאַט אין דעם גאָרטן פֿון מעדיצי אויפשטעלן א ריזיקע סטאַטוע, וואָס איז אים אָבער שווער געווען צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. מיקל אַנדזשעלאָ האָט אַרומגערעדט דעמדאָזיקן ענין אין א בריוו צו זיינעם א פריינט. אַט לייענט דעם בריוו און באַטראַכט דעם זשעני, וואָס האָט גע-מוזט צופרידנשטעלן אַ רייכן שטימונגספּולן בעל-טובה:

„איך טראַכט וועגן דעם קאָלאָס, יאָ, איך טראַכט זייער פיל וועגן דעם. איך גלויב, אַז עס וועט נישט גוט זיין אויפצושטעלן אים אַרויסגערוקט א ביסל פֿון מעדיצי-גאָרטן, ווייל ער וועט פאַרנעמען צופיל אָרט אויפן גאַס. דאָרט ווו דאָס גאָל-אַנשטאַלט געפינט זיך, וואָלט געווען דאָס בעסטע אָרט; דאָרט וואָלט עס נישט פאַרשטעלט דעם דורכגאַנג. וואָס שייך די פאַרגיטיקונג פאַרן גאָלער, קענען מיר זי זיך איינבערענגען דערמיט, וואָס מיר וועלן די פיגור פאַר-שטעלן זיצנדיק, לאָזן זי הויל און דאָס געוועלב אַריינ-רוקן אינעווייניק, און אַזויאַרום וועט מען נישט הזיק האָבן דאָס דירה-געלט. דאָס ווייזט זיך מיר אויס, איז א גוטער איינפאַל צו געבן דעם קאָלאָס אין דער האַנט אַריין א האָרן, וואָס וועט קענען גלייכצייטיק דינען פאַר א קוימען פֿון דעם געוועלב. מ'קען דעם קאָפּ אויך אויסנוצן; מיין גוטער פריינט, וואָס ווינט אויפן פלאַץ האָט מיר בסוד דערציילט, אַז אויפן קאָפּ קען זיין א גוטער טויבן-שלאַק. איך האָב נאָך אַן אַנדערע, פיל בעסערע אידעע, — אין דעמדאָ-זיקן פאַל וואָלט די סטאַטוע געדאַרפט זיין נאָך א סך גרעסער, וואָס איז נישט אוממעגלעך, מ'מאַכט דאָך טורעמס פֿון שטיין — נעמלעך, אַז דער קאָפּ זאָל דינען אויף א גלאָקן-טורעם פאַר סיינט-לאָרענצאָ, וואָס האָט גראָד איצט נישט קיין

גלאָקן-טורעם. די גלאָקן זאָל מען אָנהענגען אַזוי, אַז דער קלאַנג זאָל קומען פון מויל, ווען עס שאַפן דעם איינדרוק-פונקט ווי דער ריז וואָלט געבעטן אויף חסד, באַזונדערס אין די חגאות, ווען עס קלינגען די גרויסע גלאָקן.

מיקל אַנדזשעלאָ האָט זיך געפונען אין פלאָרענץ, בעת די רעפובליקאַנישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן קעגן מעדיצי. דער קינסטלער האָט סימפּאַטיזירט מיט די רעוואָלוציאָנערן און זיי פאַר-געלייגט צו שאַפן פאַר זיי אַ ריזיקן דענקמאָל פון דוד און גלית. זיי האָבן אָבער געהאַלטן, אַז ער זאָל בעסער אויסנוצן זיין ענערג-יע צו באַפעסטיקן די מייערן. ווען מ׳האָט איינגענומען די שטעט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטות, האָט מיקל אַנדזשעלאָ זיך אויסבאַהאַלטן אַן ערך צוויי חדשים. דאַן האָט מען אים באַפוילן אַרויסצוקומען פון זיין באַהעלטעניש און פון ס׳ניי צו פאַרהערלעכן אין זיין קונסט-ווערק די נצחונות פון מעדיצי. ער האָט געפאָלגט און געאַרבעט ביי דער מצבה פון מעדיצי. די געשטאַלטן פון דערדאַ-זיקער מצבה זענען, פאַרשטייט זיך, לחלוטין נישט געווען די פאַר-קערפערונג פון רו און גייסטיקער פאַרטראַכטקייט. ראָמאַן ראָלאַן רופט זיי אָן, „אויסברוכן פון יאוש, דורך וועלכע דער קינסטלער האָט דערטרונקען זיין חרפה צו מוזן שאַפן דעם מאָנומענט פון שקלאַפעריי"

אַ נייער פויפסט איז אָנגעקומען אין דער הייליקער שטאָט. אויך ער האָט געוואָלט, אַז מיקל אַנדזשעלאָ זאָל אים פאַרהער-לעכן. דער קינסטלער האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען מיטן תירוץ פון זיינע אַלטע פאַרפליכטונגען. אָבער דער פויפסט האָט אים, אַ בייזער, באַפוילן צו צערייסן די אַלטע אָפּמאַכן. מיקל אַנדזשעלאָ האָט נאָכאַמאָל געמוזט אַרבעטן אין דער סיקסטינישער קאַפּעלע. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען דאָס וווּנדערבאַרע געמעל „דאָס יינגסטע געריכט" אין וועלכן ס׳געפינט אַן אויסדרוק די גאַנצע מורא און פיין פון דעם מיטלאַלטער. דאָס איז איינס פון די גרעסטע קונסט-ווערק אין דער וועלט, אָבער די פרומע לייט פון יענער צייט האָבן זיך דערשראָקן דערפאַר און דער פויפסט האָט באַפוילן אַנדערע מאָלער אָנצוטון הייזלעך אויף די נאַקעטע

הייליקע. פון צייט צו צייט האָבן שפּעטער אויך די באַליידיקטע גייסטלעכע געלאָזט צומאָלן אַנדערע בגדים, אַזוי אַז מיר זעען היינט גאָר ווייניק פון מיקל אַנדזשעלאָס געמעל „דאָס יינגסטע געריכט".

אינצווישן איז דער קינסטלער פאַרפאָלגט געוואָרן מצד די יורשים פון זיינע ערשטע פּויפּסטן. דער הערשנדיקער פּויפּסט אָבער האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל ווערן דער בוי-מייסטער פון דער פּעטער-קירכע. מיר זען דעם זיבעציק-יעריקן מאַן נאָך תמיד אין קאַמף מיט שווינדל, פאַרפאָלגט דורך זיינע פאַרשווערער. אין רוים בעת דעם רענעסאַנס איז דער שווינדלער, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן ביי דעו' האַנט און געדראָט צו פאַרראַטן זיינע חברים, ערמאָרדעט געוואָרן. דער וועלט האָט מען אָבער דערקלערט, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. פּונקט דאָס אייגענע, וואָס געשעט היינט אין וואַשינגטאָן מיט אונזערע נאַפּט-גנבים און אומלעגאַלע אַלקאָהאָל-הענדלער. מיקל אַנדזשעלאָ האָט מורא געהאַט, ווי ער האָט מורא געהאַט זיין גאַנץ לעבן אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר גאָט מער ווי פאַר מענטשן און דערפאַר האָט ער באַשלאָסן צו פאַרענדיקן דאָס „יינגסטע געריכט" אין דער פּעטער-קירכע, כּדי צו ראַטעווען זיין נשמה.

דערפאַר האָט ער געהאַט מוט צו באַקעמפן די שווינדלער, אָבער דאַן איז אָנגעקומען אַ נייער פּויפּסט. איצטער האָט דער קינסטלער געמוזט געווינען זיין ווילגעניגטקייט און באַקעמפן אַ נייע באַנדע אינטריגאַנטן. צו אַכט יאָר האָט ער אויפגעדעקט די שווינד-לער פון יענעם גנב, וואָס האָט צוגעשטעלט שלעכט מאַטעריאַל פאַר דער פּעטער-קירך — און די גנבים האָבן זיך אַרום אים גע-שטאָבן איינער דעם אַנדערן. לסוף, צו נייניציק יאָר ליגט ער שוין אויפן טויטן-בעט. זיין ריזיקע אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן. שטאַרבנדיק, פאַרטרויט ער זיך פאַר זיינעם אַ פריינט, אַז ער באַ-דויערט נאָר איינס, וואָס גראָד איצט, ווען ער האָט זיך אויסגע-לערנט דעם אלף-בית פון קונסט, מוז ער שטאַרבן.

## 25

# ווער איז משוגע?

ווען די ציוויליזאַציע האָט זיך אויפגעהויבן פון די טונקעלע צייטן, איז דער קעמפנדיקער מענטש אַרומגעגאַנגען מיט אַ האַרטער שטאָל, ווי אַ ראַק און אָנגערופן זיך: ריטער. ער און זיין פערדל האָבן געמוזט אַדורכמאַכן אַ לאַנגדויערנדיקע טרענירונג און דער־נאָך פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ קאַמף־מאַשין, וואָס קאָן באַקעמפן אַלע אַנדערע אויף דער וועלט. דער ריטער האָט געקעמפט אין קרייץ־פייערן און אַרויסגעטריבן די סאַראַצן*) און די טערקן פון איירָאָפּע. אין יענער צייט פון אמתער און ערנסטער געפאַר איז אַרויסגעוואַקסן אַן אמת קונסטווערק: דאָס ראָלאַנד־ליד, אַ פראַנצויזיש געדיכט פון 11־טן יאָרהונדערט, וואָס שילדערט אַ מוראדיקע שלאַכט קעגן די אומגלויביקע.

שפּעטער, נאָכדעם, ווי דאָס ריטערטום האָט זיך באַפעסטיקט, האָט עס אַנטוויקלט איר קונסט פון שיינקייט, אַ פאַנטאַסטישע ליטע־ראַטור איבער איידעלע וועזנס, אַ קונסט וואָס האַלט זיך ביי אַ קינ־סטלעכער און קאָמפּליצירטער עטיקעט. און זיי האָבן זייער צייט אויסגענוצט אויף דעם, צו ראַטעווען ליבלעכע יונגע דאַמען פון די נעגל פון פאַרשידענע באַשעפענישן. גאַנצע גענעאַלאָגיעס פון

*) סאַראַצן—נאָמען פון אַן אַראַבישען שבט, מיט וועלכן מען האָט אנגערופן אַלע אַראַבער אין מיטלאַלטער.

דידאָזיקע ליטעראַרישע ריטער זײַנען אַנטשטאַנען איבער דידאָזיקע ריטער און מ'האָט געשריבן וועגן זיי אומענדלעך לאַנגע געדיכטן. ווען איך האָב געלערנט אין דער קאָלומביאַ אוניווערזיטעט, בין איך צווישן אַנדערע געצוווּנגען געווען צו לייענען אַריאָסט, אַן איטאַליענישן דיכטער פון 16-טן יאָרהונדערט. איך האָב מיך העלדיש געראַנגלט צווישן אַ טוץ לידער פון דידאָזיקע לעבערלעבע אויסטערלישע געשעענישן. זיי האָבן מיר דערמאָנט אָן אַ גריפיט-פילם-דראַמע, אין וועלכע די רשעות פאַרנעמט זיך דורכאויס צו פאַרגוואַלטיקן יונגע פרויען, בעת דער בראַווער גוטער העלד קומט פונקט אָן און ראַטעוועט זיי אָפּ. אַריאָסט שפּאָרט אונדז לחלוטין נישט די פּרטים פון דער פאַרגוואַלדיקונג, וואָרים אין יענער צייט האָבן די מענטשן זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר דער חיהשער טבע אין דעם מענטשן.

אין דעם ווייטן אינזל-רייכן לאַנד האָבן עטלעכע ווילדע יונגעלייט געלערנט זיך מיט זייערע פּיילן דורכלעכערן די פאַנצערס פון דער ריטערלעכער אויסשטאַטונג. אַ ביסל שפּעטער האָט מען דערפינדן דעם שיס-פּולווער און אַזוי־אַרום האָט מען זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די רייטנדיקע ראַקעס. אָבער אויך די ליטעראַטור איז אַ ראַק, זי גייט הינטערווײַלעכץ און האַלט געווענדעט די אויגן צו דער פאַרגאַנגענהייט. איר וועט זיך קענען איבערצייגן, אַז די אַזוי גערופענע געלערנטקייט און די קולטור בלייבן כּסדר הינטערשטעליק הינטערן פּראַקטישן לעבן אויף עטלעכע דורות. דערפאַר שרייבן די דיכטער ווייטער מיט גרויס עקשנות זייערע פאַרפּיינערטע און פאַנטאַסטישע ראָמאַנען. דער פּרוּוו-שטיין פון דערדאָזיקער פאַלשער קונסט פון דעם פוילנדיקן קלאַס איז געווען פאַרפּיינערונג, עלעגאַנץ און וועלט-פרעמדקייט, ביז ס'האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן סערוואַנטעס און גענומען אָפּחוזקן פון דעם אַלעמען.

ער איז געבוירן געוואָרן אין שפּאַניען אין מיטן 16-טן יאָרהונדערט אַלס דער זון פון אַ יחוסדיקער, אָבער אָרימער פאַמיליע אין שפּאַניען. צוערשט האָט ער זיין גרויס ווערק געלעבט. געשריבן האָט ער עס, ווען ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן. ער איז געשיקט געוואָרן קיין רוים מיט אַ שליחות פון דעם פּויפּסטלעכן

געזאָנדטן, ער האָט אָנגענומען דעם ריטערלעכן גורל און זיך באַטייליקט אין אַ קרייץ-צוג. דעמאָלט האָט זיך דער מיטללענדישער ים געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די טערקן און די שפּאַניער האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו זיי צו פאַרטרייבן. סערוואַנטעס, וואָס איז קראַנק געווען אויף פיבער, האָט פונדעסטוועגן זיך געשלאָגן צוזאַמען מיט די שפּאַניער און איז צוויי מאָל פאַרווונדעט געוואָרן. נאָכדעם ווי ער האָט פינף יאָר בסדר אָנטייל גענומען אין דער מלחמה און זיך געמאָלט אומקערן אַהיים, איז ער געפאַנגען געוואָרן דורך די טערקן און עטלעכע יאָר פאַרבראַכט אַלס שקלאַף אין אַלזשיר. ער איז געווען אַ העלדישער און ראָמאַנטישער שקלאַף, דער ליבלינג פון זיינע חברים און אַ שרעק פאַר זיינע האַרן. עטלעכע מאָל האָט ער אומזיסט געפּרוּווט צו אַנטלויפן און לסוף האָט אים די משפּחה אויסגעלייזט. פאַרקריפּלט און אָרעם האָט ער זיך אומגעקערט קיין שפּאַניען, און פאַרטראַכט זיך ווי אַלע אַנדערע צוריקגעקומענע זעלנער וועגן די ביטערנישן פון טויטן רום.

ער איז געוואָרן מלוכה-באַאַמטער און באַדאַרפט באַזאָרגן דעם פלאָט מיט פּראָוויאַנט. אָבער אויך דערביי איז אים שלעכט אַוועקגעגאַנגען. איינער פון זיינע אונטערטעניקע האָט צוגעגנבעט געלט און סערוואַנטעס איז איינגעזעצט געוואָרן דערפאַר אין תפיסה. דערנאָך האָט ער געלעבט אין דחקות צוזאַמען מיט פינף קרובות און די איינציקע טרייסט איז געווען פאַר אים זיין טיפער זין פאַר הומאָר. ער האָט אים געפּרוּווט מיט ליטעראַרישע אַרבעטן, געשריבן צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד, אַלץ, וואָס אַזאַ מענטש פון יענער צייט האָט געקענט טון, כּדי ער זאָל האָבן פּרנסה. אָבער אומזיסט. ער האָט נישט שטודירט אויפן אוניווערזיטעט, און דערפאַר האָבן די קריטיקער געהאַלטן פאַר אַ חוצפּה, וואָס ער וויל זיך אַריינרייסן צווישן זייערע הייליקע רייען. ער איז אַלט געווען אַכטאונפופציק יאָר און ס'האָט זיך אים בסדר קיין שום זאַך נישט איינגעגעבן.

דאַן איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אָפּצוחוזקן פון דער ריטערלעכער ליטעראַטור און זי אַנטקעגנצושטעלן מיט דער אַלטעגלעכער ווירקלעכקייט פון שפּאַניען. ער האָט געשאַפן אַ כאַראַקטער,

וואָס איז געגליכן געווען צו אים אַליין, נאָר דער אַלטער דאָן קישאָט האָט אַזוי לאַנג געלייענט ריטער-ראָמאַנען ביז דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט און ער האָט זיי גענומען ערנסט. ער איז אַרויפגעקראָכן אויף זיין אַלטער שקאַפּע און אַרויסגעריטן כּדי צו ראַטעווען די יונגפרוי. די זייף-שיסל פון פריזירער האָט ער אָנגעטון אויפן קאָפּ פאַר אַ היטל, און אָנגענומען ווינט-מילן פאַר ריזן, וועלכע ער מוז מנצח זיין. די דערציילונג פירט אונז פון איין קאָמישע פּאַסירונג צו דער אַנדערער און שילדערט פאַר אונז כּמעט יעדן שפּאַנישן טיפּ. דאָס בוך האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג, אָבער סערוואַנטעסן האָט עס גאָרנישט אַריינגעבראַכט, ווייל די פאַרלעגער האָבן עס אים אומעטום איינגאַנצן לאַנד צוגעגנבעט. סערוואַנטעס גופא איז דאָס גאַנצע לעבן געבליבן אָן דערפאָלג. ס'איז מאָדנע, ער האָט קיין איין מאָל נישט גענאָסן פון זיין רום; פאַרקערט, ער האָט זיך נאָך געשעמט מיט זיין פּאָפּולער בוך און ער האָט עקשנותדיק געגלויבט, אַז די מענטשהייט וועט נאָך אַמאָל וויסן, וויאַזוי אָפּצושאַצן זיינע לאַנגע שירים, „די רייזע צום פּאַרנאַס" די פּאַסטאָראַלע „גאַלאַטעאַ" און דאָס ראָמאַנטישע געדיכט „פּערסילעס און זיגיסמונדאַ".

אַ סך פון די גרויסע שריפטשטעלער און דיכטער זענען געפאַלן פאַר קרבנות צום קולטור-סנאָביזם. שעקספּירן האָבן די קריטיקער פון זיין צייט פאַראַכטעט און ער אַליין האָט משמעות אַזוי לייכט אָפּגעשאַצט זיינע דראַמען, אַז ער האָט אַמאָל נישט געזאָרגט דערפאַר, אַז ער זאָל איבערלאָזן פאַר די קומענדיקע דורות אַן אָרנטלעכע אויסגאַבע פון זיינע ווערק.

ווען איך בין געווען אַ ייִנגל האָבן מיר אַלע געלייענט „טאָם סאַוויר" „האָקלעבערי פיין" און מיר זענען שיער נישט צעגאַנגען פון געלעכטער. אויב עמעצער האָט געהאַלטן, אַז דער מחבר איז איינער פון די גרעסטע שריפטשטעלער פון דער וועלט — האָבן מיר עס אָנגענומען פאַר אַ פּשוטן מאַרק טווענישן וויץ.

„דאָן קישאָט" איז געשריבן געוואָרן בכּיוון ווי אַ ווערק צוליב ריינער פּראָפּאַגאַנדע. היינט געדענקען מיר שוין נישט קיין איין ביטל פון די איבעריקע לאַנגאָטעמדיקע ריטער-ראָמאַנען, און

דעריבער באַמערקן מיר אויך נישט, אַז דער מחבר האָט אונז געוואָלט באַאיינפלוסן דערמיט, וואָס ער האָט זיי לעבערלעך געמאַכט. אַ חוץ דעם האָט דאָס בוך געהאַט נאָך אַן אויפגאַבע און דאָס איז געווען צו באַקאַנען אונז מיט סערוואַנטעסעס מיינונגען וועגן די ערנסטע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט אין אַלע צייטן. ווי אַזוי זאָל דער אידעאַליסט, וואָס חלומט וועגן שיינקייט און גוטסקייט זיך באַציִען צו דער וועלט פון העסלעכקייט און גייציקייט, אין וועלכער ער לעבט? פּרוווט דער אידעאַליסט לעבן אין הסכם מיט זיינע אידעאַלן האַלט אים די וועלט פאַר משוגע, און באַהאַנדלט אים טיילמאָל אַזוי שלעכט, אַז ער ווערט טאַקע אויף אַן אמת משוגע. וואָס אָבער איז סוף כל סוף משוגעת?

צי דריקט זי זיך אויס אין דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט צו פאַרהערלעכן עפּעס אין לעבן? אָדער אין דעם גלויבן, אַז דאָס לעבן וועט מוזן שטענדיק זיין אַזוי נישטיק און מיאוס ווי היינט?

קיינער קען נישט וויסן, יווי סערוואַנטעס אַליין האָט עס אויפגעפאַסט. ס׳איז פאַראַנען אַ סך פאַלן, ווען דער זשעני שאַפט זיינע ווערק פון געלעכטער און געוויין, ווערק וואָס זענען טיפער און קליגער, ווי זיי אַליין ווייסן עס. צי האָט שעקספּיר געוואָלט שאַפן אַ קאָמישע פיגור צו די אַנטיסעמיטישע צוועקן פון זיין צייט? אָדער צי האָט ער געוווּסט, אַז אין דערדאָזיקער האַלב קאָמישער, האַלב טראַגישער געשטאַלט גיט ער אַן אויסדרוק די יסורים און דעם פּראָטעסט פון אַ פאַרפאָלגטער ראַסע?

איינס האָט סערוואַנטעס דערגרייכט יעדנפאַל דורך זיין „דאָן קישאָט". ער האָט באַוואָרגט זיינע קריטיקער און זיינע קאָמענטאַטאָרן פון אַ סך דורות מיט מאַטעריאַל פאַר זייערע שפּעקולאַציעס. סערוואַנטעס האָט באַזאָרגט דעם נאַרישן אַלטן הער מיט אַ דינער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שפּור פון אידעאַליזם אָדער די וואַנזיניקייט פון זיין הער. סאַנטשאָ פּאַנטשאָ איז לויט די באַגריפן פון דער וועלט — פולשטענדיק נאָרמאַל — אַ פּראַקטישער ניכטערער פאַרשוין. דאָך געשען מיט אים אומאַנגענעמע זאַכן פּונקט ווי מיט דאָן קישאָט, ווייל ער איז געווען אומוויסנדיק און זיך געלאָזט אָפּנאַרן צוליב זיין גייציקייט. דאָסדאָזיקע ברענגט אונז

אויפסניי צו אונזער פראַגע: ווער איז אין דערדאָזיקער זיך טווישני־דיקער אומזיבערער וועלט משוגע? צי איז משוגע דער לייענער, וועלכער פרווט די אידעען פון ליטעראַטור אָנווענדן אין פּראַק־טישן לעבן? אָדער צי זענען משוגע יענע שריפטשטעלער — לויט מיין מיינונג — וועלכע שאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס שטיצט זיך נישט אויפן פּראַקטישן לעבן און לאָזט זיך אויך נישט צופּאַסן צו אים? אָדער צי זענען גאָר משוגע די קריטיקער, וואָס לויבן אַזאַ מין ליטעראַטור?

עס איז אינטערעסאַנט זיך צוצוקוקן, וואָס פאַר אַ גרויסע צאָל פון גרויסע קונסט־ווערק זענען געשאַפן געוואָרן פון מענטשן, וואָס האָבן צוגעזען ווי מען פירט זייער לאַנד צום אונטערגאַנג און אומזיסט אַפּעלירט צום הערשנדיקן קלאַס. סערוואַנטעס איז געווען אַ פרומער קאַטאָליק און האָט נישט באַגריפן, ווען עמעצער האָט אים געזאָגט, אַז דאָן קישאָט האָט אין יענער צייט פאַרקער־פּערט שפּאַניען; יענץ שפּאַניען, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער מענטשלעכער גייסט קען זיך איינפּאַסן אין די קייטן פון רעליגיע־זע ביגאָטעריע; יענץ שפּאַניען, וואָס האָט מיט תפיסות, עניום און שייטערהויפנס געוואָלט אַרויפצווינגען אויפן מענטשן רעליגיע־זע דאָגמעס.

די שפּאַניער האָבן אויסגעמאָרדעט אָדער פאַרטריבן דעם אינטעליגענטן טייל פון איר פאָלק: די מורן. און סערוואַנטעס איז געווען דערמיט איינשטימיק. זיי האָבן געוואָלט באַזיגן די גאַנצע וועלט און סערוואַנטעס האָט דערלעבט צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי זייער מעכטיקער אַרמאַדאַ איז באַזיגט געוואָרן דורך די קליינע שיפן פון די אומאָפּהענגיקע ענגלענדער, וואָס האָבן ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק אַרויסגעוואָרפן דעם פּויפּסט פון זייער לאַנד און גענומען זיך דעם מוט זעלבסטשטענדיק צו טראַכטן. דורך אַן עדיקט האָט דער פּויפּסט אָוועקגעשאַנקען ענג־לאַנד צו שפּאַניען, אָבער די אַלטע משוגענע דאָן קישאָטישע מלוכה איז נישט געווען בכוח עס איינצונעמען. און דער טרויערי־קער ריטער סערוואַנטעס איז אָפּגעשטאָרבן און נישט באַוויזן צו ציען דעם מוסר־השכל פון דערדאָזיקער געשעעניש.

## 26

## שימערירנדיקע פוילעניש

מיט אייניקע מאָנאַטן צוריק האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו פאַרברענגען אין אַ געזעלשאַפט פון איינעם אַ מיליאָנער, אַ גרויסער קענער אין געהיימע שריפטן. בעת דער מלחמה האָט ער געדינט אויף דעם געביט אין דער אַמעריקאַנישער אַרמעע און האָט באַקומען אַזאַ גרויסע באַדייטונג, אַז צוליב דער מורא טאָמער וועט אים דער שונא אויסנוצן, האָט מען אים אויף אַנדערטהאַלבן יאָר איינגעשפּאַרט אין אַ מויער פאַרזיכערט פון פייער און קוילן, וו ער האָט אַן אויפהער געאַרבעט איבער זיינע ביבער און מאַנוסקריפּטן.

זיצנדיק אין דעמדאָזיקן מויער האָט ער מיר געוויזן די שענסטע זאַמלונג פון די אַמעריקאַנישע דרוק-זאַכן, צווישן זיי די ווערק פון בעקאָן און שעקספּיר. עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד האָט ער מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די געהיימע שיפער-צייכנס פון דידאָזיקע ווערק. און ווען איך בין אַהיים געפאָרן האָב איך געלעזן דעם באַריכט פון דעם געהיימען לעבן פון הער פראַנציס בעקאָן, לאָרד פעולאַם. ווי ער אַליין זאָגט, איז ער געווען דער נאַטירלעכער זון פון דער קעניגין עליזאַבעט און דער אמתער פאַר־פאַסער פון שעקספּירס דראַמען.

ווען איך וואָלט געוואָלט אַרויסטראָגן אַ ריכטיקן אורטייל אין דעמדאָזיקן ענין, וואָלט איך קודם-כל געמוזט שטודירן אַ צוויי יאָר אין די געהיימע שריפטן פון לאָרד בעקאָן און שעקספּיר

און דערנאָך וואָלט איך געמוזט פאַרגלייבן זייער ביידנס ליטעראַ־רישן סטיל. און אַזוי ווי דאָס איז אין אונזער קריטישער צייט נישט אַזוי שטאַרק נויטיק ווייל איך זיך צופרידנשטעלן דערמיט, וואָס איך וועל פעסטשטעלן, אַז מיר האָבן אין דער האַנט איינס פון די שענסטע געהיימנישן פון דער וועלט, אַז איך געהער נישט צו די באַקוועמע לייט וואָס מיינען, אַז אַ זאַך קען זיין אוממעגלעך בלויז דערפאַר, ווייל עס איז זייער זעלטן און ניי. נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעגעבן דידאַזיקע דערקלערונג, וועל איך מיך לעת־עתּה האַלטן ביי דער אָרטאָדאָקסישער מיינונג, אַז די דראַמעס, וואָס זענען צוגעשריבן וויליאַם שעקספּירן זענען באמת פאַרפאַסט געוואָרן דורך אַן אַקטיאָר, וואָס האָט אַזוי געהייסן.

שעקספּיר איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1564 אין סטרעדפינד אָן־עווין. זיין פאָטער איז געווען אַ סוחר, וואָס האָט פאַרלוירן זיין פאַרמעגן. מען דערציילט, אַז ער איז געווען אַ זון פון אַ ווילדן יונגנמאַן, וואָס איז אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן, ווייל ער איז פאַר־פאָלגט געוואָרן אַלס גנב. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אויף די טעאַטער־פאָרשטעלונגען, געהאַלטן די פערד ביי די טירן, באַקאַנט זיך מיט דער אַקטיאָרן־טרופּע פון הערצאָג פון לאָקעסטער. ער איז אויפגעטרעטן אין עטלעכע שטיק, געמוזט זיי קאָרעגירן און באַאַרבעטן און לסוף אַליין געשריבן דראַמעס. ער האָט געהאַט דערפאָלג, רייך געוואָרן, געקויפט אין סטרעטפאָרד עטלעכע נחלאות, געווינען די פריינטשאַפט פון עטלעכע גרויסע און מעכטיקע מענטשן און לסוף אומגעקערט זיך אַהיים אין זיין פאָטערס שטאָט, ווו ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון צווייאונפופציק יאָר.

מער ווייסן מיר נישט וועגן דעם גרויסן דיכטער פון אַלע צייטן, וויאַזוי ס׳איז געשען, וואָס מ׳האָט שוין מער נישט געהערט וועגן אים און פאַרוואָס ער האָט נישט געזאָרגט דערפאַר, אַז די קומענדיקע דורות זאָלן האָבן אויטענטישע עקזעמפּלאַרן פון זיינע דראַמען — בלייבט ביזן היינטיקן טאָג אַ רעטעניש, וואָס איז טייל־ווייז געלעזט געוואָרן דורכן פאַקט, אַז צו יענער צייט איז די אַקטיאָרן־קונסט און די דראַמע־דיכטונג געהאַלטן געוואָרן פאַר אַ נישט אָרנטלעכע פּראָפעסיע. די אַקטיאָרן זענען געווען שלעפּער,

וואָס האָבן געקענט צו יעדער צייט אָרעסטירט ווערן דורך אַ פּאָ־ליציי־מאַן, ווי עס קען נאָך היינט פּאַסירן אין אַמעריקע מיט יעדן אַרבעטסלאָזן. בלויז די פּראַקטיקציע פון אַ חשובן אַריסטאָקראַט האָט געקאָנט באַשיצן פון אַזעלכע מינים פאַרפאָלגונגען. האָט מען אָבער געהאַט דאָס גליק צו זיין דער פריינט פון אַזאַ אַריסטאָ־קראַט, אויב מ׳האָט פאַרמאָגט אין זיין פּאַטערשטאַט נחלאות און ערד, האָט מען זיך פּונקט אַזוי ווייניק באַרימט מיט די דראַמען, וואָס מ׳האָט געשריבן, ווי אַן איינוווינער פון דער פינפטער עוועניו באַרימט זיך היינט מיט דער שענק, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט. שעקספּירס ערשטע דראַמען זענען ראָמאַנטישע קאָמעדיעס אין סטיל פון יענער צייט. דעמאָלט האָט געהערשט די טראַדיציע פון די פּאַסטושער־לידער, וואָס זענען אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון די דאַמען און הערן, ווייל זיי האָבן איינגעזען, אַז די נאַטור איז דאָס רייבסטע און בעסטע אָרט פאַר אַ פּיקניק. מיר זען דאָ אַ וועלט פון שיינקייט, פון גייסט און רייץ, אַלע זענען יונג, די עיקר־באַ־שעפטיקונג פון אַלעמען באַשטייט אין דעם, מ׳זאָל זיך פאַרליבן, און די פּראָבלעמען זענען באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם, כּדי זיי זאָלן אויפגעוויקלט ווערן אין דעם לעצטן אַקט.

ווען איך בין נאָך געווען יונג, האָב איך געזען „יוליאַ מאַר־לאָו", און „וואָס איר ווילט" און איך בין געווען אויסער זיך פון אַנט־ציקונג. ווען איך טראַכט אָבער היינט ווידער אין דעם ליבט פון מיינע לעבנסדערפאַרונגען וועגן די טויזנטער פאַלן, אין וועלכע איך בין געווען געפאַנגען, ווייל איך האָב נישט געוווּסט פון געשלעבטע־לעבע פראַגן, נישט וועגן געלט און במעט לחלוטין נישט פון מיינע מיטמענטשן; ווען איך טראַכט וועגן די מענטשן, וואָס האָבן אין די זעלביקע פאַלן זיך אַזוי פאַרפלאָנטערט און זיך נישט גע־קענט באַפרייען, האָבן געמוזט באַצאָלן פאַר זייערע ראָמאַנטישע אילוזיעס מיט אָרימקייט, שברות, חולאת, עלנט און זעלבסטמאָרד — דאַן זע איך מיך אַ געצוווּנגענעם צו דערקלערן: אַז דידאָזיקע „רייצנדיקע" קאָמעדיעס זענען פאַר אונזער צייט פּונקט אַזוי גע־פעלשט און נישט אמת, ווי די עקלדיקע קינאָ־דראַמע, וואָס בינדט אויף די פּראָבלעמען פון קאַפּיטאַליזם און פּראָלעטאַריאַט אויף

אויף אזאַ אופן, אַז דער ערלעכער אַרבעטער-פירער האָט חתונה מיט דער טאָכטער פון אַ גרויסן אינדוסטרי-קאַפּיטאַן.

איך גיי נאָך ווייטער און שטעל פעסט, אַז דערדאָזיקער פּאַר-יאַט פונםווירקלעכן לעבן איז געווען אַ באַוווסטזיניקער און אַז רער דיכטער האָט פיל מער געוווסט, ווי ער האָט אונז איבערגע-געבן. שעקספּיר האָט גערן אָפּגעחוזקט פון די „נידעריקע" און פון ענע, וואָס זיי האָבן געקראַצט אין די פּאַרוואַקסענע אויערן. און ער איז געווען גענוג ציניש אָפּצולאַכן פון די אַריסטאָקראַטן מיט זייער שלעכטן געשמאַק צו געבן זיי דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט. איין קאָמעדיע האָט ער אָנגערופן: „ווי איך געפעלט" און אַן אַנדע-רע — „וואָס איר ווילט".

דערדאָזיקער מאַן איז געווען מיט דער וווּנדערבאַרסטער שפּראַך פון דער וועלט. פון יעדער געלעגנהייט פון דעם לעבן האָט ער אַרויסגעקליבן גאָלדענע גליענדיקע פּראַכטפולע ווערטער. אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז געווען גוט פאַרטראַכט און פול מיטן כשוף פון פּאָעזיע. דידאָזיקע מתנה איז געווען זיין גליק אָבער דאָסגלייבן אויך געפאַר, ווייל זי האָט אים אָפּגעהאַלטן פון דער נויטווענדיקייט פון דענקען. פאַר אונז איז זי אויך געווען אַ געפאַר, ווייל זי האָט אונז פאַרנאַרט צו טיילן זיך מיט שעקספּירס געפילן און נישט צו פאַרטראַכטן זיך דערביי. צווינגט אייך אָבער איינמאָל צו פאַרטראַכטן און פרעגט אייך, וואָס אַזוינס איז דער אמתער ווערט פון די אידעען, וועלכע דער גרויסער דיכטער האָט געגעבן אַן אויסדרוק? וועט איר פּלוצלינג איינזען, אַז אַ סך פון זיינע אידעען זענען באַנאַל, אַ סך זענען פאַלש און ביליק און אַ סך זענען נישט מער, ווי האַרטע פּאָראורטיילן פון זיין צייט און קלאַס.

אין זיין פריער צייט האָט שעקספּיר געשריבן אַ לאַנג עפּיש געדיכט, וואָס העלפט אים צו פאַרשטיין. דאָס געדיכט איז געווידמעט דעם יונגן פירשט פון דרום עמפּטאָן און הייסט ווענוס און אַדאָניס. דאָס איז אַ טיפּישער ביישפּיל פון דעם קלאַסישן ראָמאַנ-טישן מיסט, וואָס די קולטיווירטע וועלט האָט צו יענער צייט אָנ-גערופן קונסט. די נאַטור האָט דערגרייכט די קרייצונג און

פאַרברייטערונג פון פאַרשידענע אייגנשאַפטן דורך דער טרייב־קראַפט צו סעקסועלע ענדערונגען. ביי די העכערע חיות און ביי די פרימיטיווע מענטשן נעמען אָבער די סעקסועלע מאָמענטן דורכ־אויס נישט צו די גאַנצע צייט. און פונדעסטוועגן האָט זיך געשאַפן אַ פוילנדיקער קלאַס, וואָס גייט אַרום ליידיק אויפן חשבון פון די אַר־בעטנדיקע מענטשן, און זיי ווילן אויספילן זייער צייט מיט אומ־ענדלעכע וואַריאַציעס און פאַרפיינערונגען פון זייער גע־שלעכטסלעבן.

ווענוס און אַדאָניס דערציילן וועגן די אָנשטרענגונגען פון דער געטין פון ליבע, כּדי צו דערוועקן די געשלעכטלעכע אויפ־מערקזאַמקייט ביי אַ יינגל, וואָס איז אַוועק פון איר. ס'איז אינטע־רעסאַנט צו באַמערקן די מדרגה אויף וועלכן ס'ווערט דערנידעריקט דער גריכישער געטער־אידעאַל. איך זאָג נישט, אַז דאָס איז אַ חיהשע מדרגה, ווייל די חיות האָבן אין זייער געשלעכטלעך לעבן אַ מאָס און זענען עמפּינדלעך. עס איז גיכער ענלעך צו אַ טייער שאַנד־הייזל, וווּ די איבערגעזעטיקטע רייכע לייט ווערן אויפגע־אויפגערייצט. אין דעמדאָזיקן געדיכט פאָלט גאָרנישט איין דער געטין ווענוס צו ווירקן דורך גייסטיקן אָדער נשמהדיקן רייץ. זי איז נישט געטלעך און דערהויבן, אפילו קיין איינמאָל נישט גייסטרייך, מונטער און צניעותדיק. זי פאַרשטייט נאָר אַזוי לאַנג צו רייצן דעם נישט ווילנדיקן יינגל מיט איר אומבאַגערט לייב און זיך דריקן צו זיין קערפּער, ביז זי רופט אַרויס אַן עקל סיי ביים יינגל און סיי ביים לייענער.

דער פאַקט, וואָס ווענוס און אַדאָניס איז פול מיט שפּראַנ־שיינקייט ווי אַלץ, וואָס שעקספּיר האָט געשאַפן, מאַכט די זאַך לגמרי נישט ווייניקער אָפּשטויסנדיק פאַר עמפּינדלעכע מענטשן. מיר האָבן דערפינדן דעם מיקראָסקאָפּ און מיר ווייסן, אַז די צע־פוילונג איז אַבסאָלוט נישט ווייניקער צעפוילונג צוליב דעם, וואָס זי איז פּאָספּאָרירט. און דעריבער קענען מיר זיך טרייסטן און זאָגן, אַז אין שעקספּירס צייטן ווען ווענוס און אַדאָניס האָט דער־גרייכט צוועלף אויפלאַגעס, בעת די געוואַלדיקע טראַגעדיע „אָטע־לאָ" איז געדרוקט געוואָרן ערשט זעקס יאָר נאָכן טויט פון דעם

דיכטער, — האָט זיך איין טייל פון דער געזעלשאַפט געפינען אין דעם צושטאַנד פון צעפוילונג.

## 27

## די טעאריע פון דעם ערלעכן מאַן

אין מיין יוגנט האָבן די אָרטאָדאָקסישע שעקספיר-קריטיקער געלערנט, אַז קיין דיכטער איז נישט געווען אזוי פרעמד פון די אייגענע ווערק ווי ער, און אז ס'איז אוממעגלעך צו אורטיילן שעקספירן לויט די געשטאַלטן פון זיינע דראַמען. פונדעסטוועגן האָט פראַנק העריס אָנגעשריבן אַ בוך: „שעקספיר דער מענטש און זיין טראַגישע לעבנס-געשיכטע". העריס זאָגט דאָרטן, אז קיין שום דיכטער האָט זיך נישט אזוי פיל אנטפלעקט אין זיינע ווערק, ווי שעקספיר. אָבער דער כאַראַקטער וואָס ווייזט זיך ארויס דורך די דראַמען, איז געווען דער כאַראַקטער פון א מענטשן, וואָס איז א גאַנץ לעבן געפייניקט געוואָרן פון דער תאווה און ווייטיקלעך-פאַרצווייפלט געקעמפט קעגן איר, כדי צו ראַטעווען זיין פראַכטפולן גייסט פון פאַרדאַרבונג.

פראַנק העריס גופא איז אויך א מענטש פון אזאַ כאַראַקטער. ער מאַכט נישט קיין סוד, אַז דאָס איז אויך געווען זיין אייגענע טראַגישע לעבנס-געשיכטע. בעת מיר לייענען דאָסדאָזיקע בוך פרעגן מיר נישט ווילנדיק, ווי אזוי האָט פראַנק העריס געקענט אזוי פיל ארייננדרינגען אין שעקספירן? איך האָב שוין א לענגערע צייט די דראַמען נישט געלייענט און כ'וועל זיי מוזן ווידער לייענען, איידער איך וועל קענען ארויסזאָגן מיין אורטייל. דערוויל קען איך אָבער זאָגן: ווען פראַנק העריסעס שעקספיר זאָל נישט זיין שעקספיר, נאָר אַן אויסגעדיכטעטע געשטאַלט, וואָלט ער אויך געווען איינער פון די באַצויבערנדיקסטע געשטאַלטן אויף דער וועלט

און געהאַט דיזעלביקע באַדייטונג, ווי איינע פון די געשטאַלטן אין שעקספּירס דראַמען.

אַלע קריטיקער וועלן מודה זיין, אַז שעקספּיר האָט אָנגעהויבן מיט דער יוגנטלעבער פאַרהערלעבונג פון זיינע דרייבע פריינט. אין משך פון די יאָרן האָט ער איבערגעלעבט אַ סך אַנטוישונגען, וואָס האָבן אים אַזוי שטאַרק פאַרביטערט, אַז ער איז שיעור נישט משוגע געוואָרן. שפּעטער איז ער אויך געבליבן אין דעמדאָזיקן אַנטוישטן פּעריאָד ריין-פּערזענלעך. ער הייבט זיך אויף איבער דער לעבנס-טעאָריע פון דעם ערלעכן מענטשן. איר ווייסט יאָ, וויאַזוי עס קומט פאָר אין אונזער פּאָליטיק. אויב ס'איז פאַראַן ערגעץ-ווּ פעלערן, קומט עס נאָר דערפון, וואָס אַ געוויסער אָמט איז באַזעצט דורך אַ שלעכטן מענטשן. אָבער סאָציאַלע פראַגן קען מען ערשט פאַרשטיין דאַן, ווען מ'קען באַקעמפן די טעאָריע פון דעם אָרנטלעכן מענטשן.

— איין אויגנבליק — האָט אַ זאַג געטון אָגי, וואָס האָט זיך נאָך אַליין נישט באַפרייט אינגאַנצן פון דערדאָזיקער טעאָריע — צי לייקנסטו, אַז דער אָרנטלעכער מענטש קען טון אויף דער וועלט עפּעס, וואָס איז נאָך ביז אים נישט געטון געוואָרן?

— פאַרשטייט זיך, אַז נישט. יעדער סאָציאַלער סיסטעם קען גוט אַרבעטן, אויב ס'שטייען אָן שום אויסנאַם איידעלע מענטשן אין דער שפּיץ. דאָס אומגליק פון דעם שלעכטן סיסטעם באַשטייט אויך דערין, וואָס ער שליסט אוים די אָנשטענדיקע מענטשן אָדער פאַרוואַנדלט זיי אין שלעכטע, נאָך איידער זיי דערגרייכן צו זייערע אָמטן; דאָס, וואָס עס וויל איינרעדן, אַז די שלעכטע זענען גוט — און ערשט דאַן ווען דאָס אומגליק איז שוין דאָ, און ס'איז שוין צו שפּעט, ווייזט זיך אַרויס דער אמת.

— פאַרטראַכט זיך וועגן די מוראדיקע בילדער, וואָס שעקספּיר האָט געצייכנט פון די מאַכטהאָבער.

— שעקספּיר איז געווען אַן איידעלער מענטש. ער האָט פיינט געהאַט די אכזריות און די ברוטאַליטעט. אָט דאָס איז אַ טייל פון זיין פּראָפּאַגאַנדע: דער האַס קעגן דער בלינדער צאָרנדיקער מאַכט. ער גרייפט זי אָן בסדר און פאַרטיידיקט דאָס צאַרטע, דאָס

אומשולדיקע, דאָס גוטע. אין דעמדאָזיקן פּרט האָט ער אין זיין צייט געמאַכט אַ טריט פאָרויס. דערפאַר האָבן מיר אים ליב און ער איז געוואָרן אַ וועלט-דיכטער. אָבער אין דעם האַנדלט זיך עס טאַקע: ביי שעקספירן איז דאָס אַלץ אַ משפחה-ענין, אַלץ שפּילט זיך אָפּ אינעווייניק ביי דעם באַזיצנדיקן קלאַס: עפּעס איין בייזער מיטגליד פון דערדאָזיקער משפחה איז געקומען צו דער מאַכט און מיר האָבן נאָר די אויפגאַבע אַראָפּצוּוואַרפן אים פון בענקל און אַרויפצוזעצן אַן אָרנטלעכן מיטגליד אויף זיין אָרט, — איינער, וואָס זאָל זיין מאַכט אויסנוצן אויף אַ קלוגן און אַ גוטן אופן.

מיר וועלן געפינען, אַז דער דיכטער האָט פון דעם לייזיק-גייער-קלאַס זיך זייער שטאַרק פאַרדינט אויף דערדאָזיקער קריטיק. זיינע פריינט האָבן געהערט צו דעם הערשנדיקן קלאַס. ער אַליין האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער געהערט צו זיי. דער-פאַר האָט ער אויך געהאַט דאָס רעכט זיי צו קריטיקירן. די וויסט דאָך, וויאַזוי פרוי אָגי איז: זי זאָגט כּלערליי זאַכן וועגן איר פאַ-מיליע, אַז די פאַמיליען-מיטגלידער זענען אַראָגאַנט, זיי זענען דאָס און יענץ און דאָך מוז איר מאַן טאַקטפול שווייגן. פרוי אָגי האָט אויך אונטערגעהאַלטן אירע פריינד מיט די מעשיות וועגן דער צעשטרייטקייט און אַנדערע לעבערלעכע מדות פון איר מאַן. די פריינט דאַגעגן האָבן געמוזט צאַרט און טאַקטפול ענטפערן.

— איצטער רעדן מיר וועגן שעקספירן. איז עס נישט אַ גע-שיכטלעכער אַבסורד צו פאַרלאַנגען פון אים רעוואָלוציאָנערע געפילן?

— לחלוטין נישט. אין שעקספירס צייטן זענען פאָרגעקומען גענוג רעוואָלוציעס, סיי פאָליטישע און סיי סאָציאַלע. נאָך צוויי הונדערט יאָר איידער ער איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך אויפגע-הויבן אין ענגלאַנד דער סאָציאַלער פּראָטעסט. דזשאָן באָל, דער רעוואָלוציאָנערער פּריסטער איז אויפגעהאָנגען און צעפערטלט גע-וואָרן, ווייל ער האָט אַרויסגערוקט אָט דידאָזיקע געפערלעכע פראַגע:

„ווען אדם אויפן אַקער און חוה אויפן יאַגד,
ווו איז דאַן געווען דער אַריסטאָקראַט?"

שעקספּיר האָט זיך געקענט שטעלן אויף דער זייט פון די

אָרימע. וועגן דערצו האָט ער געהאַט געגוג. אָבער ער האָט נישט געפילט קיין באַדערפעניש דערצו. ער איז געווען אַ גייסטרייכער יונגערמאַן, וואָס איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן אָרעם און אָן באַקאַנט־שאַפט, געוואָרן דאָרט באַלד אינטים מיט רייכע פירשטן און איי־דעלע הערן, געווידמעט זיי סאָנעטן און לידער און געלאָזט אויפפירן זיינע דראַמען דורך זייערע אַקטיאָרן־טרופּעס. אויב דידאָזיקע חשובע לייט האָבן זיך אַרויסגעוויזן אומגעטריי, באַליידיקט און דערנידע־ריקט דעם זשעני, חנפענען זיך צו די הייטערע הויף־דאַמען און לאָזן אים באַלד שטיין אין אַ זייט — ווערט ער באַלד בייז און הויבט אָן שרייבן טעאַטער־שטיק פול מיט וואַנזיניקן צאָרן, ווי אַ שטייגער „טימאָן פון אַטהען", „קעניג ליר" אָדער שילדערט אין אַ דראַמע די טונקעלע אכזריות ווי אין „מאָס פאַר מאָס". ווען די דראַמען פאַלן אָבער אַדורך, נעמט ער זיך דידאָזיקע לעקציע שטאַרק צום האַרצן און שרייבט אויפסניי פון ראָמאַנטישע טרוימען, רייצנדיקע מעשהלעך, ווי די „ווינטער־מעשהלע" אָדער „דער שטורם". אין לעצטן לעבט די וויטיקלעכע טרויעריקייט פון אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט זיך דערוווסט, אַז דאָס לעבן איז נישט אַזוי שיין, און ער בענקט אומזיסט נאָך דעם אַלמעכטיקן מכשף, וואָס דאַרף מאַכן אַלץ אין אָרדענונג. אָט זעסטו תמיד אויפסניי „די טעאָריע פון דעם אָרנטלעכן מענטשן". די סאָציאַלע קלאַסן דאַגעגן, וואָס זיי זענען באַשטימט געוואָרן אָפּצורוימען די וועלט פון די פּאַראַזיטן, זיי דינען שעקספּירן אַלס ציל פאַר זיין הויכמוטיקן אַריס־טאָקראַטישן חוזק.

— אהאַ! דעמדאָזיקן טייל האָסטו דיר באַהאַלטן פאַרן עיקר — האָט פרוי אָגי געזאָגט.

## 28

## שעקספּיר — אַ שונא פונם פרייען מענטשלעכן גייסט

שעקספּירס היסטאָרישע דראַמען, צוזאַמען צען שטיק — נעמען אַרום אַ צייט פון דרייהונדערט יאָר: די עפּאָכע פון צוזאַמענגעבראָכענעם פעאָדאַליזם, וואָס אויף זיין אָרט איז געקומען די מאָנאַרכיע, וועלכע איז מער־ווייניקער קאָנטראָלירט געוואָרן דורך אַ פּאַרלאַמענט. עטלעכע פון זיי האָט שעקספּיר געשריבן באַנוצנדיק זיך מיט דאַטעס פון אַלטע כראָניקעס. אַנדערע זענען אַלטע ווערק, וואָס ער האָט באַאַרבעט. פאַקטן האָבן זיך אים אַרויסגעוויזן פאַר אומוויכטיק. דאָס זען מיר דערפון, וואָס דער קעניג יאָהאַן האָט קיינמאָל נישט דערמאָנט די אונטערשריפט פון דעם מאַגנאַ־טשאַרטע־דאָקומענט. ס'איז געווען גאַנץ לייכט אין דערדאָזיקער דראַמע צו האַלטן אַ רעדע פאַרן פאָלק, וואָס האָט איינגעהאַלטן דעם ווילקיר פון די הערשער, אָבער שעקספּיר האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט אַזעלכע זאַכן. ער האָט געשריבן אַ גרויסע צאָל דראַמען, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט די אינטריגעס און פּליאָטקעס און שטרייטן פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע. ער האָט זיך געהאַלטן ביי די טראַדיציעס, ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן צו פאַרענדערן זיין כאַראַקטער צו פאַרשטאַרקן די דראַמאַטישע ווירקונג. אַזוי האָט ער געפעלשט פאַר די ענגלישע שול־ייִנגלעך און אויך פאַר יענע דערוואַקסענע שול־יונגען, וועלכע מיר רופן מלוכה־מענער. דער נאַציאָנאַלער פּאָעט שמייכלט זייער גאווה און פאַרשטאַרקט זייערע נאַציאָנאַלע אַמביציעס. שעקספּיר

האָט נישט פאַרטראָגן די אירלענדער און די שאָטלענדער און די וועלסער, די פּראָנצוויזן און, פאַרשטייט זיך, אויך די שפּאַניער. די דוימער האָט ער הפּנים ליב געהאַט דערפאַר, וואָס זיי זענען ענ-לעך געווען צו דעם הערשנדיקן שיכט אין ענגלאַנד.

יאָהאַן פון גאָאַנד האָט פאַרהערלעכט ענגלאַנד אין באַגייסטער-טע סימבאָלן: „דאַסדאָזיקע צווייטע גן-עדן, דער דאָזיקער האַלבער פּאַראַדיז, דידאָזיקע גליקלעכע מענטשן-ראַסע, דידאָזיקע קליינע וועלט, דערדאָזיקער קאָסטבאַרער שטיין איינגעפאַסט אין זילבער פון ים... דערדאָזיקער פרוכטבאַרער באָדן, דידאָזיקע ערד, דאַסדאָזיקע קעניגרייך, ענגלאַנד...״

יאָ, דאָס אַלץ איז זייער שיין. ענגלאַנד דאַרף זיין נאָענט צום האַרצן פון דעם ענגלענדער. צי איז עס אָבער אויך גילטיק פאַר די פּראָנצוויזן, וואָס דאַרפן אויך האָבן אַזעלכע געפילן פאַר פראַנק-רייך, צו ליבן זייער פאָטערלאַנד, צו רעגירן און צו הערשן לויט דעם אייגענעם גוטן פאַרשטאַנד? דער ענטפער איז: ניין, די פּראָנצוויזן מוזן געדולדיק אָנערקענען די פּרעטענזיעס פון ענגלישן קעניג אויפן פראַנצויזישן טראָן. זיי מוזן צוזען, ווי ענגלישע אַרמייען רייסן זיך אַריין אין פראַנקרייך, צושטערן זייערע שטעט, פאַרוויסטן זייערע פעלדער. זיי מוזן צוהערן, ווי דער ענגלישער דיכטער באַ-זינגט די דעראָבערער מיט געפליגלטע פראַזן, באַלאַסטעט זיינע דראַמען מיט מליצהדיקע לאַנגווייליקע רעדעס, כּדי צו באַרעכטיקן די ענגלישע פּרעטענזיעס אויפן פראַנצויזישן טראָן און איבערצוציי‏גן די פּראָנצוויזן, אַז דאָס אַריינרייסן זיך פון אַ העכער-שטייענדיק פאָלק וועט זיין פאַר זיי צום גוטן.

נאָך מערקווירדיקער איז, וואָס די אַמעריקאַנישע קריטיקער און געלערנטע האָבן זיך באַגייסטערט פון דער אימפּעריאַליסטיש-ענגלישער פּאָעזיע.

די יונגפרוי פון אָרלעאַנס האָט זיך אויפגעהויבן און צוגע-געבן מוט איר פאָלק צו פאַרטרייבן די דעראָבערער. זי איז געננומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און פאַרברענט געוואָרן דורך די ענג-לענדער אַלס מכשפה. זינט יענער צייט זענען אַריבער הונדערט און זעכציק יאָר. ס׳איז גענוג צייט, כּדי מען זאָל זיך קענען גוט

פאַרטראַכטן וועגן דעם; גענוג צייט, צו ברענגען דעם ענגלישן דיכטער אויפֿן געדאַנק, אָפּצוּוואַשן דעמדאָזיקן פֿלעק פֿון זיין פֿאָטערלאַנד. אָבער די יינגפֿרוי פֿון אָרלעאַנס האָט געמוזט זוכן אַ תּיקון ביי אַן אַנדערן און נישט ביי שעקספּירן; אין אַלע זיינע פֿערציק דראַמען האָט דערדאָזיקער פּריינט פֿון די רייכע און שטאַרקע קיינמאָל קיין אומפּאָפּולערע זאַך נישט אַרויסגערוקט. ער האָט געשילדערט זשאַנאַן, אין הסכּם מיט די געמיינסטע פֿאָראורטיילן, פֿאַר אַ גאַווהדיק, באַרימעריש און נישט אָרנטלעך באַשעפֿעניש, וואָס איר אויסגעלאַסנקייט איז נישט אונטער קיין שום ספֿק.

אין יענע דראַמען, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיטן קעניג הײנריך דעם זעקסטן געפֿינען מיר נאָך מער בולטע שטעלן, וואָס פֿאַרהערלעכן דעם נצחון פֿון דזשעק קעד. דרייהונדערט יאָר בסדר איז דאָס בלוט און פֿאַרמעגן פֿון דעם ענגלישן פֿאָלק פֿאַרלוירן געגאַנגען אין אויסלענדישע מלחמות און אין די אומאויפֿהערלעכע אינערלעכע קאַמפֿן צווישן די ריוואַליזירנדיקע הערצאָגן און באַראָנען. אין דעם מיטן פֿון פֿופֿצנטן יאָרהונדערט איז דער עלנט געוועזן זייער גרויס און אַרויסגערופֿן אין קענט אַן אויפֿשטאַנד. דער רעוואָלוציאָנערער פֿירער האָט איינגענומען לאָנדאָן. ער האָט אַרויסבאַקומען דעם צוזאָג אויף עטלעכע רעפֿאָרמען, אָבער דער קעניג האָט אים אָפּגענאַרט און אים געטויט. שעקספּיר האָט זיך גיריק אָנגעכאַפּט אין דערדאָזיקער געלעגנהייט און אויפֿן חשבון פֿון די באַרויבטע אַרבעטער האָט ער זיך צעגלאַנצט מיט זיין חשובן אַריסטאָקראַטישן וויץ.

— זייט טאַקע בראַוו! — רופֿט אויס דזשעק קעד — וואָרים אייער פֿירער איז אויך בראַוו, און אייך צוגעזאָגט אָפּצושטעלן די מיסברויכן — זיבן, זעקס גראָשנדיקע ברויטלעך זאָלן אין דער צוקונפֿט פֿאַרקויפֿט ווערן אין ענגלאַנד פֿאַר איין גראָשן. די דרייפֿנדיקע קענדלעך זאָלן האַלטן צען רייפֿן, און פֿאַרן גרעסטן פֿאַרברעכן וועל איך דערקלערן דאָס טרינקען שוואַך ביר.

ווי נאָך שעקספּירס קעד דערגרייכט די מאַכט, דערקלערט ער, אַז ער איז אויך אַן אַריסטאָקראַט און ער וויל דערהרגענען איינעם פֿון זיינע אָנהענגער, וואָס ער וויל עס אים נישט אָנערקענען.

ער ווענדעט זיך מיט פאָרווורפן צום לאָרד סעי אויף ווען דאָס פאָלק האָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן.

— דו האָסט אויפן העכסט פאַררעטערישן אופן פאַרדאָרבן די יוגנט פון דעם לאַנד, דערמיט וואָס דו האָסט געשאַפן אַ לאַטיינישע שולע. און אונזערע אבות האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ביכער ווי קרייד און קאַרביק־האָלץ, אַזוי האָסטו אונז געבראַכט די דרוק און צום שאָדן פאַרן קעניג, פאַר זיין קרוין און ווירדע האָסטו אויפגעבויט אַ פאַפּירענע מיל. מ׳זאָגט אויף דיר עדות, אַז דו האָסט אַרום זיך מענטשן, וואָס פלעגן רעדן פון נאָמען און פערבום און נאָך אַ סך אַזעלכע מגוּוּלדיקע רייד, וואָס אַ קריסטלעך אויער קען געדולדיק נישט אויסהערן.

דאָס איז דער וויץ פון אונזערע חשובע פּאָעטן. וואָס זאָגט איר צו אַ שעקספּיר־קריטיקער פון לואיזיאַנאַ? „— דידאָזיקע שטעלע דערמאָנט אין די מאָדערנע צייטן. לעבן דעמאַגאָג שטייט די אומוויסנהייט פון זיינע צוהערער ביי דער זייט. זיינע אָנגריפן ווערן אונטערגעשטיצט דורך דער דערשטיקטער אייפערזוכט פון די מאַסן, וואָס פילן אַז איבער זיי שטייט אַ געבילדעטע העכערע קאַסטע״. אוודאי גיט דער פּראָפעסאָר פון לואיזיאַנע צו, אַז שעקספּיר האָט אויף „אַ געמיינעם אופן״ באַהאַנדלט אַ גרויסע היסטאָרישע סצענע. דאָך האָט דער דיכטער אַ פאַרענטפערונג: „פאַר דערדאָזיקער טרויעריקער שפּיל „הענריך דעם פערטן״, האָט ער אומבאַדינגט געדאַרפט האָבן אַ קאָמישע סיטואַציע״. איך פרעג אָבער: פאַרוואָס האָבן די רייכע חשובע לאָרדן און אַנדערע הערן נישט געקענט שאַפן אָט דידאָזיקע קאָמישע סיטואַציע?

דער ענטפער איז: עס איז שוין געווען אַזאַ טראַדיציע אין דער ענגלישער ליטעראַטור, אַז די ליידן פון די רייכע און שטאַרקע זענען געווען אַן ערנסטע טראַגעדיע און די יסורים פון די אָרימע, דאַגעגן, זענען געווען קאָמיש. נאָר איינאונאייינציקן אויסוועג איז פאַראַן, אַז אַן אָרימער מענטש ביי שעקספּירן זאָל קענען צווינגען, מ׳זאָל אים נעמען ערנסטער, דאָס איז דאַן ווען ער איז אַ געטרייער דינער ביי אַ רייכן און שטאַרקן מאַן. ווען דידאָזיקע געמיינע ברואים אָבער הויבן אָן זעלבסטשטענדיק

צו דענקען און צו האנדלען, ווערן זיי גלייך לצים, נאראָנים, באַמעס און שכּורים.

לייענט איבער, למשל, די סצענע אין דעם „חלום פון א זומער־נאַכט", ווו אַרבעטער פּרוּוון אויפצופירן אַ דראַמע. שעקספּיר קאָן שוין גאָרנישט אויסטראַכטן קיין מער קאָמישע זאַך. ביי היינט צו טאָג פירן־אויף די פּראָלעטאַריער אין ענגלאַנד אַ סך דראַמען. ס'זענען פאַראַנען ראַדיקאַלע טעאַטערן, וואָס ברענגען אַרויס אויף דער בינע אַ נייע ליטעראַטור; זאָגן, אין וועלכע די אָרימע זענען שוין נישט מער קיין אידיאָטן און די דאַמען און הערן זענען שוין נישט תמיד פאַרפיינערט און איידל. נאָך מער באַדייטונג האָט דער פאַקט, אַז די נאָכפאָלגער פון דזשעק קעדיס אָנהענגער, וועלכע שעקספּיר האָט געשילדערט אַלס פיינט פון די שולן, האָבן אין משך פון אַ יאָרהונדערט אויסגעקעמפט דעם אַלגעמיינעם אומזיסטן שול־אונטעררינכט פאַר די ענגלישע קינדער. צי איז שוין אַ מאָל אַ נאַציאָנאַלער דיכטער שטרענג באַשטראָפט געוואָרן פון זיין אייגן פאָלק פאַר ליגן זאָגן?

— עס וואָלט געווען זייער נאַטירלעך, ווען זשעק קעדי זאָל שטעמפּלען פאַר אַ פאַרברעכן צו לייענען שעקספּירן — האָט פּרוּי אָגי געזאָגט.

— ניין, מיר מוזן אין דעם פאַל נאָכטון דעם ביישפּיל פון דער קאַטוילישער קירכע, וואָס אירע פּריסטער האָבן געדאַרפט לייענען די פאַרדאָרבענע ספרים, כּדי צו קענען פירן קעגן זיי אַ וויכּוח. עס איז פאַר אונז די העכסטע צייט צו אָנערקענען, אַז שעקספּיר דער דיכטער און פּראָפּאַגאַנדיסט איז געווען דער שונא און אַפילו אויך אַ לאַסט פאַרן מענטשלעכן גייסט. ער איז געווען די קרוין און דער שטאָלץ פון דעם קלאַסן־סיסטעם און יעדן סנאָב און יעדן טעלערלעקער האָט ער אַריינגעלייגט אין מויל אַריין דאָס דייבע צויבער־וואָרט, וואָס האָט אים פאַרטרעטן דעם שבלדיקן געדאַנק און דיווירקלעכקייט פון לעבן.

## 29

# לויב די פוריטאַנער

פרוי אָגי זאָגט:

— לויט דעם טיטל איבער דעם קעפּל זע איך, אַז מיר האָבן בּדעה אויפצונעמען דעם לאַנג דערוואַרטעטן וויכּוח מיט ה. ל. מענקען.

— ניין, מיר ווילן זיך נאָר דורכהאַקן אַ וועג צו דזשאָן מילטאָן, וועט צופעליק אָפּשפּרינגען אַ שפּענדל און וועט פאַלן אויף מענקענען.

— נו, וועט ער זיך שוין אָפּרופן.

— קודם־כּל מוזן מיר זיך ווידער אומקערן צו דער אַזוי שטאַרק אָפּגעחוזקטער סאָציאָלאָגיע, און זיך אַריינגעמען אין זינען אַריין, אַז יעדע מענטשלעכע אינסטיטוציע ווערט געשאַפן, טוט אָפּ אירע פליכטן און גייט אונטער. די שאָל, וואָס האָט אַמאָל באַשיצט דעם ראָק ווערט פאַר אים אַ משא און ער מוז איר אַראָפּוואַרפן פון זיך. די ענגלישע מאָנאַרכן זענען געקומען כּדי צו צעברעכן די מאַכט פון די אַוואַנטוריסטישע מיוחסים, און צו פאַרייניקן דאָס לאַנד אין אַ גאַנצעס. אָבער אַט איז געשאַפן געוואָרן דער פּאַרלאַמענט און אָפּגערוקט די קעניגן אין אַ זייט. די מענטשן, וואָס האָבן דורכגעפירט דידאָזיקע ענדערונג זענען געווען די פּוריטאַנער. אַ גאַנצן יאָרהונדערט האָבן זיי פאַרקערפּערט יעדער פרייהייט פון געוויסן און גייסט, וואָס איז געווען אין ענגלאַנד. זיי האָבן אויסגעוואַנדערט קיין צפון־אַמעריקע, זיי האָבן באַזיגט די

ווילדע און געשאַפן אַ ציוויליזאַציע. מיר אַמעריקאַנער זענען זיי אַ סך מער שולדיק ווי יעדער אַנדער געזעלשאַפט. די אַלטע פּוריטאַנער פון אונזער „פאַרייניקונג צו שטערן די אַפּיקורסות" זענען פּונקט אַזעלכע קנאים, פּונקט אַזוי באַגרענעצט און איינגעשפּאַרט, ווי די מיטגלידער פון דער פאַריינקונג גופא.

— אַצינד וועט מענקענען טרעפן אַ שפּענדל אין אויג. די געזעלשאַפט אין וועלכער ס'האָט געלעבט דזשאָן מילטאָן איז געווען ענלעך צו דער, וואָס אין דער האַרדינג קולידזש-ערע. די זעלביקע געמיינע באַנדע איז געזעסן אין דער רעגירונג, פאַרקויפט דאָס גאַנצע לאַנד און געפּייפט אויף די רעכט פון בירגער. מאַסנווייז האָט מען די מענטשן אַריינגעפּאַקט אין די תּפיסות און צוליב זייער איבערצייגונג געפּייניקט און געשלאָגן. אַ קליינע צאָל האָט אויסגעהאַלטן און זענען געוואָרן מאַרטירער. זיי האָבן אַפּעלירט צו דער עפנטלעכקייט, וואָס איז דאַן געווען הפּנים אַזוי טעמפּ, פּונקט אַזוי ווי היינט. דזשאָן מילטאָן האָט געהאַט אַ גליקלעכע יוגנט. זיין פאָטער איז געווען פאַרמעגלעך און זיך געקענט פאַרגינען צו געבן זיין זון אַ גוטע דערציונג. דער יונגער מילטאָן באַזוכט דעם אוניווערזיטעט, דאָרטן רופט מען אים צוליב זיין שיינקייט און צאַרטקייט „די דאַמע". פון אוניווערזיטעט קערט ער זיך צוריק אַהיים, אין זיין פאָטערס הויז, גיט זיך אָפּ מיט זיין שטודיום און שרייבט געדיכטן פון אומשטערבלעכער שיינקייט. אויב די נאַראָנים פון „קונסט צוליב קונסט" ווילן זיך איבערצייגן וויאַזוי די דיכטונג קען זיין רייצנד און חושימדיק און נישט געקוקט אויף דעם זיין אויך ריין, וועל איך זיי אָנווייזן אויף די פריסטע געדיכטן פון דעם יונגן ענגלישן פּוריטאַנער. דאָס אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט ערשט שפּעטער, אַלס רעזולטאַט פון דעם בירגער-קריג. דער יונגער מילטאָן זאַפּט אַריין אין זיך די גאַנצע קולטור פון זיין צייט. ער איז געווען אַ גוטער הומאַניסט און אַרומגערייזט איטאַליען, וווּ ער האָט זיך באַקאַנט מיט די פירנדיקע מענער פון זיין צייט, צווישן זיי דעם אַלטן, בלינדן גאַלילײַ, וואָס איז דורך דער דראָונג פון דער אינקוויזיציע געצוווּנגען געווען צוריקצוציען זיין דערקלערונג, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון.

דער פּרוּוו פון קעניג קאַרל דעם ערשטן צו צעשטערן דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט האָט געוּופן מילטאָנען פון איטאַליען צוריק אַהיים. דער פּאַרלאַמענט האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. ס'האָט אויסגעבראָכן דער בירגער־קריג. מילטאָן לייגט אַוועק זיין שטודיום און זיין דיכטונג און שליסט זיך אָן אין יענע מענטשן, וואָס קעמפן פאַר אַ פרייע רעגירונג. נאָך ביי היינטיקן טאָג זענען פאַראַן חשובע ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכע באַקלאָגן דאָס, וואָס מילטאָן האָט מקריב געווען זיין טאַלאַנט פאַר דער פּאָליטיק. איך אָבער מיין, אַז מילטאָן האָט אונז געשענקט אַ סך גרעסערע ווערק, ווי מיר קענען שטודירן. עס איז דער ווערט פון אַ לעבן, וואָס האָט זיך געקענט אַוועקשענקען און דינט פאַר אַ באַווייז, אַז אַ דיכטער קען אויך זיין אַ מענטש.

צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד איז דזשאָן מילטאָן געווען די שטים פון רעפּובליקאַנישן אידעאַל. ער איז געוואָרן מייסטער פון דער פּראָזע, כדי אים צו פאַרטיידיקן. זיינע איבערצייגונגען האָט ער אָבער אויך פאַרטיידיקט אויף לאַטייניש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש. ער האָט זיי פאַרטיידיקט מיט אַזאַ שטאַרקער קראַפט, אַז זיי זענען דורכגעדרונגען און געוואָרן אַ טייל פון דער גאַנצער וועלט און מיר קענען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ גוואַלדיקע באַדייטונג ער האָט געהאַט אין זיין צייט. די אַרמעע פון פּאַרלאַמענט האָט געשלאָגן דאָס קעניגלעכע מיליטער, דעם קעניג געפאַנגען גענומען און געהאַלטן אים דריי יאָר צייט. ווען ער האָט זיך שפּעטער ווידער אַרויסגעוויזן פאַר אומפאַרבעסערלעך פאַררעטעריש האָט מען אים געשטעלט פאַר אַ משפּט און אים געקעפּט. פאַר די חשובע אָרטאָדאָקסישע קרייזן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט זינט קריסטוסעס קרייציקונג אַזוינס זיך נישט פאַרלאָפן.

איר ווייסט מסתמא, אַז מען וואַרפט פאַר די באָלשעוויקעס און די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן, אַז זיי „פּרעדיקן די פרייע ליבע". דזשאָן מילטאָן איז אויך באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעך. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגע לייכטזיניקע ראָיאַליסטקע, וואָס פאַרלאָזט אים אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך זייער צוזאַמענלעבן. ער

שרייבט אָן צוויי בראָשורן, לויבנדיק די שיידונג פון מאַן און ווייב. ווען מ׳האָט אים נישט געבן די דערלויבעניש אָפּצודרוקן זיי, דרוקט ער די דראָזיקע טייוולשע שריפטן אָן אַ דערלויבעניש. ער ווערט אָנגעגריפן צוליב דעם, און ער פאַרעפנטלעכט ווידער אַ בראָשור, ווו ער דריקט אויס די אומגלויבלעכע מיינונג, אַז יעדער מעג דרוקן, וואָס אים געפעלט. איך האָב ערשט נישט לאַנג געזען, וואָס פאַר אַ גרינגע זאַך עס איז אין מיין אייגן לאַנד צו צעשטערן, צו פאַרניכטן און אַוועקצולאָזן אין פייער בוכהאַנדלונגען און דרוקעריען, צי דאָס טוט דער רעאַקציאָנערער פעבל אָדער ספּעציעלע אָנגעשטעלטע פון דער מלוכה. איך אַליין האָב דערלעבט צו זען, ווי איינער פון מיינע פריינד האָט באַצאָלט דרייסיק טויזנט דאָלאַר שטראָף דערפאַר, וואָס ער האָט זיך דערוועגט אַרויסצוגעבן אַ בוך, האָט געפּריידיקט דעם מוראדיקן געדאַנק, אַז איין מענטש זאָל נישט פאַרגיסן דאָס בלוט פון אַנדערע מענטשן; דעריבער קען איך אויך פאַרשטיין, ווי די דאַמאָלסדיקע קולטור-וועלט האָט אויפגענומען דעם פּוריטאַנישן דיכטער.

ער איז געווען אַ הייסער קעמפער. אין יענע צייטן איז פשוט געווען אַ טוגנט צו זידלען דעם קעגנער, און מילטאָן איז אין דעם פּרט קיינעם נישט שולדיק געבליבן.

פונדעסטוועגן האָט ער שטענדיק געקעמפט פאַר דער מענטשלעכער פרייהייט. ווען די געפאַר פאַר די זייניקע האָט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט, האָט מען אים מיטגעטיילט, אַז ער שטרענגט צופיל אָן זיינע אויגן און אויב ער וועט זיי נישט היטן, וועט ער בלינד ווערן. נישט געקוקט אויף דעם שרייבט ער ווידער אָן אַ בראָשור פאַר דער אידעע, איז מקריב זיין ראיה כדי צו ראַטעווען די רעפּובליקאַנישע רעגירונג. דער קרבן איז געווען אומזיסט, וויל קראָמוועל שטאַרבט, די רעגירונג צעפאַלט, די אַנטלאָפענע ראָיאַליסטישע באַנדע קומט צוריק: דער „שיינער פּרינץ טשאַרלי״, פאַררעטעריש, געמיין, פול מיט זנות, צוזאַמען מיט אַ קאָמפּאַניע פאַרנעמע רויבער. דזשאָן מילטאָן, וואָס האָט פאַרלוירן זיין פּאָסטן ביי דער מלוכה האָט זיך געמוזט באַהאַלטן. זיינע ביכער זענען דורך די תּליינים עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן. שפּעטער האָט מען אים געכאַפּט און פאַרמשפּט

צו אַ געלט־שטראָף. זיי וואָלטן אים אויך, ווי זיינע ביכער איבערגעגעבן דעם תּלין, אָבער זיי האָבן עס נישט געוואַגט.

ער האָט כּמעט פאַרלוירן זיין גאַנץ האָב און גוטס. ער איז געווען אַ בלינדער, הילפסלאָזער אַלטער מאַן. אָט אַזוי פּאַסירט מיט מענטשן, וואָס שטעלן זייער קונסט צום דינסט פון אַ דעאַלן און דאָך הויבן זיי זיך אויף אַ געוויסן אופן אויף איבערן שיקזאַל און באַווייזן דערמיט די אומבויגזאַמקייט פון מענטשלעכן גייסט.

די פּסיכאָאַנאַליטיקער האָבן אונז באַקאַנט געמאַכט מיט אַ באַגריף פון „סובלימירונג". נישט וויכנדיק פון דעמדאָזיקן וואָרט, האָט דזשאָן מילטאָן סובלימירט זיינע ליידן און אַנטוישטע האָפענונגען מיט איינע פון די גרעסטע דיכטונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור. אָט די דיכטונג „דער פאַרלוירענער גן־עדן" איז ריינע באַוווסטזיניקע פּראָפּאַגאַנדע. דזשאָן מילטאָן האָט תּמיד געקענט און ליב געהאַט שיינהייט און קולטור. ער האָט זיי נישט פאַרגעסן אַפילו אין זיינע פאַרביטערטע טעג אויף דער עלטער. אָבער די אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט איז געווען געגליכן צו דאַנטעס: ער האָט געוואָלט דעם וועלטאַל און די גאַנצע געטלעכע בריאה ליכטיק מאַכן.

דערדאָזיקער עפּאָס פון דעם ענגלישן פּוריטאַניזם איז אין אויסלאַנד קיינמאָל נישט רעכט אָפּגעשאַצט געוואָרן. די דיכטער פון זיין אייגן לאַנד האָבן תּמיד געשטעלט בייראָנען העכער פון אים. כאָטש בייראָן איז אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער, איז ער כאָטש געווען אַ מענטש פון דער וועלט, אַ לאָרד און אַ פרויען־ליבהאָבער. וועגן דעם „פאַרלוירענעם גן־עדן" קען איך נאָר דאָס זאָגן: איין טייל פון דער פּראָפּאָגאַנדע איז פאַרעלטערט, דער צווייטער טייל אָבער וועט ווערן אַלט דאַן, ווען די מענטשן וועלן האָבן אויפגעהערט צו אָפּפערן זייער לעבן פאַר אידעען, וואָס זענען גרעסער פאַר זיי גופא.

עס איז אינטערעסאַנט זיך צוצוקוקן, ווי מילטאָנס גייסט האָט צעריסן די קייטן פון דער טעאָלאָגיע. לויט דער טעאָלאָגיע איז דער שטן דער פאָטער פון אַלדאָס־בייז, און פאַר אים איז נישט פאַראַן קיין אויסלייזונג, ווייל ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן

דעם אַלוויסנדיקן און חסדפולן הימלישן קעניג. אָבער מילטאָן, וואָס האָט זיך אויך געבונטעוועט אַנטקעגן אַ קעניג, קען עס נישט פאַר־געסן. זיינע אייגענע שטימונגען שילדערט ער אין דעם שטנס רעדעס, און שאַפט פון אים דעם אינטערעסאַנטסטן כאַראַקטער אין דער גאַנצער פּאָעמע.

אין יענער צייט האָט מילטאָן געלעבט אין אַן אָריים קליין הייזל, וואָס האָט געהאַט אין דעם אונטערשטן שטאָק בלויז איין צימער. דאָ האָט ער געאַרבעט, זייער אָרעם געקליידט, אַלט, בלינד, געקוועלט פון רעוומאַטיזם. פאַר דעם גרויסן עפּאָס האָט ער באַקומען צען פונט. ביי זיין לעבן זענען פאַרקויפט געוואָרן טויזנט דרייהונדערט עקזעמפּלאַרן. פונדעסטוועגן פאַרלירט ער נישט דעם מוט, ער שרייבט נאָך אַ דראַמע „סאַמסאָן אַגאָניסטעס“, געהאַלטן אין גריכישן סטיל. די קריטיקער האָבן עס נישט אויפגענומען. עס איז כמעט נישטאָ קיין ערגערער פעלער, ווי נאָכצו־מאַכן אַלטע קונסט־פאָרמען. דאָך טרעפט אַמאָל, ווען אַ מענטש לעבט נאָך דאָס אַלטע לעבן און שרייבט עס דעריבער אין דער אַלטער פאָרם. מילטאָן האָט געדיכטעט די דראַמע פון אַ שטאַרקן מאַן ביי די יידן, און — עס איז געוואָרן דאָס בילד פון אייגענער נשמה, די נשמה פון דעם גערודפטן, אָבער נאָך אַלץ קעמפנדיקן, ליידנדיקן דיכטער.

## 30

## די פּראָפּאַגאַנדע פון רוים

מיר זענען נאָכגעגאַנגען די אַנטוויקלונגס־טריט פון דער קולטור־אַנטוויקלונג אין ענגלאַנד אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר־הונדערט. איצט וועלן מיר אויספאָרשן דיזעלביקע עפּאָכע אויף דעמזעלביקן קאָנטינענט, ווי אַ נייער הערשנדיקער קלאַס האָט

אויסגעקעמפט רייכטום און מאַכט און געפאָדערט אַ נייע פּראָדוקציע פון קינסטלער.

דער אונטערשיד צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך אין זעכצנטן יאָרהונדערט, קען באַצייכנט ווערן אין עטלעכע ווערטער: די ענגלישע אויפשטאַנדן קעגן דעם קאַטוילישן אַפּאַראַט האָבן געהאַט דערפאָלג, דערפאַר האָט זיך דער גייסט פון די ענגלענדער גערוקט פאָרויס און עס זענען געשאַפן געוואָרן נייע קונסט-פאָרמען. פאַרקערט, אין פראַנקרייך איז געלונגען דעם קאַטאָליציזם צו פאַרניכטן די פּראָטעסטאַנטן. אומגעפער פופציק טויזנט פון זיי זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן אין דער באַרטאָלאָמיי-נאַכט, און די פראַנצויזישע קונסט איז פעסט געהאַלטן געוואָרן אין די פאָרמען פון קלאַסישע טראַדיציעס. די עליזאַבעט-דראַמע האָט זיך אַנטוויקלט פון די אַלטע מיראַקל-און-מיסטעריען-שפּילן. דאָס איז געווען אַ היימישער פּראָדוקט, פאָלקסטימלעך און דעמאָקראַטיש. אויך אין פראַנקרייך איז געווען אַזאַ שטייגער דראַמע, אָבער זי איז אויסגעלאַכט און אונטערגעדריקט געוואָרן פון די מאַכט-האָבער. די קולטיווירטע קונסט אָבער איז געגאַנגען אויף דעם דרך פון סענעקאַ, אַ רוימישער מיליאָנער אין נעראָנס צייטן, וואָס האָט זיין פאָרם, נאַטירלעך, איבערגענומען פון די גריכן.

עס איז מאָדנע דאָס, וואָס דער קאַטוילישער אַבסאָלוטיזם האָט געמאַכט אַ טייל פון די גריכישע און לאַטיינישע קונסט-פאָרמען פאַר זיינע געהייליקטע דאָגמען; אָבער אַזוי איז עס געווען. די קירכע-געלערנטע פון מיטלאַלטער האָבן געשאַפן אַ טעאָלאָגיע, צוזאַמענגעשטעלט פון אַ טייל שריפטן פון די קירכן-פאָטערס און אַ טייל פון אַטענישע און אַלעקסאַנדרישע פילאָזאָפן. גאַלילי איז באַדראָט געוואָרן דורך דער אינקוויזיציע, ווייל ער האָט אָפּגעלייקנט די לערע פון דעם גריכישן פילאָזאָף פּטאָלאָמעוס, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד. די אָרטאָדאָקסישע קריטיק האָט אַריינגעלייגט אין חרם די דראַמאַטורגן, וואָס האָבן אויסגעלאַכט די הייליקע געזעצן פון אַריסטאָטעלעס — איינהייט פון האַנדלונג, פון צייט און אָרט. די איינהייטלעכקייט פון אַ טעמע איז פאַר אַ קונסטווערק נויטיק ביז אַ געוויסער מאָס, אָבער די ביידע אַנדערע געזעצן,

אז די גאנצע דראמע מוז זיך אפשפילן אויף איין און דעמזעלביקן ארט איז פשוט לעבערלעך. הייגט איז אונז פשוט שווער זיך פארצושטעלן, אז יעדער דראמאטורג, וואס האט געוואלט זען זיין שטיק אויפגעפירט אויף דער סצענע, האט זיך געמוזט צופאסן צו דידאקטיקע כללים. אבער נאך שווערער איז זיך פארצושטעלן, אז דידאקטיקע כללים האבן געדינט פאר א געווער אין קלאסנקאמף, צוזאמען מיט דער אבסאלוטער ריינקייט פון פויפסט און דעם געטלעכן רעכט פון קעניג.

א בייזער און בלוטיקער פרעלאט רישאלעי איז אין פראנקרייך געווארן דעם קעניגס מיניסטער. ער באפעלט אויסצושעבטן די הוגאנאטן, געלאזט אפשניידן די קעפ פון די רעוואלוציאנערע אריסטאקראטן און געצוואונגען אפילו די קירך זיך אונטערצווארפן און געמאכט דעם קעניג אלס דעם אבסאלוטן הערשער פון פראנקרייך. איין יאר נאכן טויט פון דעמדאזיקן מענטשן האט דעם קעניגס זון געהאט די חוצפה ארויסצוזאגן די ווערטער: „די מלוכה — דאס בין איך". און אין משך פון פיראונפופציק יאר האט קיין איינער זיך נישט גענומען דעם מוט ארויסצוטרעטן קעגן אים. איינס פון רישעליעס אונטערדריקונגס־מיטלען איז געווען די פראנצויזישע אקאדעמיע, וואס האט רעגירט מיט דער שפראך און דער קונסט פון דער מאנארכיע, און געהאלטן אין אירע הענט די ארדענונג און די רו מיט דעם, וואס — ווי זי האט זיך בילדלעך אויסגעדריקט — זי האט אפגעשניטן די ליטעראַרישע קעפ פון די רעוואלוציאנערן. די פראנצויזישע אקאדעמיע איז געווארן די הערשנדיקע אויטאריטעט פון דעם קולט־ווירטן פראנקרייך און געשפילט דידאקטיקע ראל אין משך פון דרייהונדערט יאר. זי האט געדינט דעם הערשנדיקן קלאס נישט נאר דערמיט, וואס זי האט אויפגעהאלטן די טראדיציעס און דיסקרעדיטירט יעדער נייעס אין דער פראנצויזישער ליטעראטור, נאר אויך דערמיט, וואס זי האט געלייגט אין חרם אריין סאציאל און פאליטיש די נישט־ארטאדאקסאלע ווערק, ווי רוסאס „קיינטראט סאציאל". אט די שריפטשטעלער האט די אקאדעמיע אויסגעשלאסן פון „קרייז פון די אומשטערבלעכע", ווי מ'האט זיי אנגערופן: דעקארט, פאסקאל, מאליער, סען־סימאן,

לעסאַזש, רוסאָ, באָמאַרשע, דידעראָ, קאָמטע, פּרודאָן, סטענדהאַל, באַלזאַק, פלאָבער, זאָלאַ, גאָנקור, מאָפּאַסאַן, זשאָרעס, באַרביוס און ראָלאַן.

אין רישעליעס צייטן איז די אויסדערוויילטע ליטעראַטור באַצייכנט געוואָרן אַלס „פּרעציזע", וואָס דאָס הייסט אויף מאַמע לשון „געצירט". זי איז געווען אויף אַזוי ווייט אַפעקטירט און פאַנטאַסטיש, אַז ס'איז פּשוט דערגאַנגען ביז לעכערלעכקייט. און זייערע שעפער זענען געוואָרן די אויסדערוויילטע פון דער אַקאַדעמיע. אַ יונגער אַדוואָקאַט מיטן נאָמען פּיער קאָרנעל איז געקומען פון דער פּראָווינץ קיין פּאַריז. ער האָט געשריבן אויסערגעוויינלעכע דערפאָלגרייכע דראַמען, רישעליע האָט אים אָנגעטון גרויס כבוד, געוואָלט אים מאַכן פאַר איינעם פון די פינף מענער, וואָס האָבן באַדאַרפט שרייבן דראַמען אונטער דער חשובער לייטונג פון קאַרדינאַל. אָבער קאָרנעלן, וואָס איז געווען אַ געניאַלער פּעיקער מענטש איז נישט געווען צום האַרצן אונטערצוואַרפן זיך דעם קאַרדינאַל, וואָס האָט געלאָזט שניידן קעפּ. ער איז געגאַנגען מיט זיין אייגענעם וועג און אַרויפגעצויגן אויף זיך די פאַרביטערטע שנאה פון רישעליע און דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע. קאָרנעל האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע „סיד", וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס התפעלות. דערדאָזיקער סיד איז געווען אַ לעגענדאַרישער שפּאַנישער העלד, דער אָנפירער פון אַ לעגיאָן, דאָס הייסט: אַ מאַן, וואָס האָט געקעמפט פאַר יעדן, וואָס איז אים גרייט געווען צו באַצאָלן. מיר אין אַמעריקע קענען דידאָזיקע „פרייע אָנפירער". ביי אונז ווערן זיי אָנגערופן פרייע דעטעקטיוו-פירמעס און שטרייקברעכער-אַגענטורן. זיי שטעלן צונויף אַרמעען פון צענטויזנט מאַן פוס-גייער, אַרטילעריע, קאַוואַלעריע און זיי וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, כדי צוצעשלאָגן דעם אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט. אפשר וועט זיך דאָ אויך געפינען אין דער נאָענטסטער צייט אַ יונגער שריפטשטעלער, וואָס זאָל אָנשרייבן אַ דראַמע און שילדערן דעם לעגענדאַרן גורל פון די אַלאַ פּינקערטאָנס, אָדער פון די וויליאַם דזש. באַרנס פון דעם הערשנדיקן קלאַס. דער גרויסער דעדעקטיוו וועט זיך פאַרליבן אין דער שיינער טאָכטער פון וועלכן

ס'איז אַרבעטער-פירער און דער טראַגישסטער מאָמענט איז דער, ווען ער, דער גרויסער דעדעקטיוו, מוז הרגענען דעם אַרבעטער-פירער. דאָס איז אויך די טעמע פון קאַרנעלס דראַמע. נאָר סיד האָט באַקעמפט אַן אַנדער פירשט. און כדי צו פאַרהיטן דעם קאָפּ אויף די אַקסלען האָט קאַרנעל געהאַט גענוג שכל, אַז זיין העלד זאָל קעמפן פאַר דער מאַכט, וואָס איז געשיצט פון געזעץ. אָבער — אַלע דריי דראַמאַטישע איינהייטן, האָט דער דיכטער נישט גענומען אין אַכט און ער איז צאָרנדיק אָנגעגריפן געוואָרן פון דער אַקאַדעמיע, הגם דאָס פובליקום האָט אים אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. יאָ, איינער, אַ מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע האָט אים אַפילו אַרויסגערופן אויף אַ דועל. רישעליע האָט געצוווּנגען די אַקאַדעמיע אַרויסצוטרעטן קעגן קאַרנעלן. אַזאַ מין אָנגריף האָט זיך שוין דער דיכטער נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן. אין זיינע ווייטערדיקע ווערק האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן די געזעצן, און איז לסוף געוואָרן אַ מוטלאָז קינד באַשיצט פון קאַרדינאַל. אינטערעסאַנט איז זיך צוצוקוקן, ווי פון יענער צייט אָן איז זיין טאַלאַנט שוואַכער געוואָרן. ער האָט אויסגעלעבט זיינע אַלטע יאָרן, בעת די נייע גענעראַציע האָט אים פאַראַכטעט אָדער אינגאַנצן נישט גענומען אין אַכט. רישעליעס אַקאַדעמיע האָט ווידער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון: זי האָט דערהרגעט דעם גרעסטן דראַמאַטישן טאַלאַנט, וואָס פראַנקרייך האָט אַרויסגעבראַכט און אַזויאַרום אונטערגעדריקט פאַר די קומענדיקע צווייהונדערט יאָר די ראָמאַנטישע בינע אין פראַנקרייך.

מיר מוזן זיך קלאָר מאַכן דעם חילוק צווישן דער אמתער קלאַסישער קונסט פון די גריכן און דער פראַנצויזישער קונסט פון דעם אַבסאָלוטיזם. די גריכישע דראַמאַטישע כללים האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער גריכישער בינע. די דראַמען זענען אויפגעפירט געוואָרן אין דרויסן, די אַקטיאָרן זענען געגאַנגען אויף שטאָלצן, די אַזויגערופענע קאָטורנעס, כדי נישט אויסצוזען קליין און זיי האָבן געשריגן דורך אַ מין מעגאַפאָן, פאַרבאָרגן אונטער אַ מאַסקע. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן נישט געקענט טון מער ווי רעדן. מחמת דעם האָבן זיי גערעדט אָן אַ סוף, און זיי האָבן דערמאָנט אין ריזיקע

שיפן, וואָס עס איז שווער איינצוהאַלטן נאָכדעם ווען מען לאָזט זיי אין באַוועגונג. אין די צייטן פון קאַרנעל און זיינע נאָכפאָלגער איז אָבער דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן געוואָרן. די דראַמען זענען אויפגעפירט געוואָרן אין קליינע טעאַטערן און די פערזאָנען האָבן געדאַרפט זיין פריי-מענטשלעך און נאַטירלעך. די אויטאָריטעטן פון דער קריטיק האָבן דערקלערט די גריכישע קאָנווענץ פאַר געהייליקט, און דערפאַר זענען אויך קאָרנעלס פערזאָנען שטייף און אָנגעצויגן, שפּרייזן אַרום אויף דער בינע און האַלטן אונז לאַנגע, לאַנגווייליקע רעדעס.

אָבער מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די צוויי טויזנט יאָר זענען נישט אַדורך, נישט איבערלאָזנדיק שפּורן אין מענטשלעכן גייסט. דער טונקעלער פאַרנעפּלטער גלויבן אינם גורל פון די גריכן איז פאַרשוווּנדן. אַנשטאָט דעם, — זענען די מענטשלעכע גורלות געטריבן געוואָרן דורך אַמביציעס און געפילן. קאָרנעלס געשטאַלטן זענען די פאַרקערפּערונגען פון פאַרשידענע לײַדנשאַפטן. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען אַלע אַריסטאָקראַטן, גרויס און מעכטיק אויף דער ערד. זיי האָבן געדאַרפט מאַכן אַ מאָראַליש דערהויבענעם איינדרוק, אָבער אונז קומען זיי אויס, ווי עגאָיסטישע באַשעפענישן. זיי ווייסן וואָס זיי ווילן און ווילן עס באַלד, זיי קלאַפּן זיך אין האַרצן אַריין און שרייען: „איך! איך! איך!". עס זענען אויך פאַראַן מלחמות, הערלעכע מלחמות אין וועלכע יענע מענטשן דערגרייכן אָט די באַוווּנדערונג און אויפמערקזאַמקייט, וואָס מען רופט אָן מיטן וואָרט: רוים. די טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס די דאָזיקע מענטשן באַקומען נישט דאָס וואָס זיי ווילן. זיי פאַרמאָגן אויך אַלערליי שוואַכקייטן. פריער פון אַלץ איז די ליבע, און די דאָזיקע שוואַכקייט ווירקט צעשטערנדיק און פאַראַליזירט דעם ווילן פון די מעכטיקע פירשטן, וואָס באַקעמפן זיך גאַנצע צענדליקער יאָרן איינער דעם אַנדערן אין די מלחמות צוליב דער רעליגיע און דעם טראָן. קאָרנעלס דראַמען ווילן אונז אַריינפירן אין דעם נשמה-לעבן פון די אַריסטאָקראַטן, וואָס זענען אַריבערגעוואַקסן די געזעצן. די גאַנצע קראַפט פון דעם, ז'שעני אַלע מעגלעכקייטן פון דער בינע זענען אויסגענוצט געוואָרן צוליב דעם, אז מיר זאָלן זיך טײלן

מיטן צאָרן פון דידאָזיקע מענטשן, אַרומשפּרייזן מיט זיי אויף דער בינע און אויסהערן זייערע אומענדלעכע שטורמישע טיראַדן. אַ קורצע ווײַלע קומט עס, וואָס אַן אמת, אויס אינטערעסאַנט. אָבער ווען דער רייץ פון דער נייקייט פאַרשווינדט, שטעלן מיר זיך אַליין אַ פראַגע: צי גייען זיי דען אונז אָן, די דאָזיקע העלדן? צי ווילן מיר זיי מיטפילן, אָדער צי רופט עס גאָר אַרויס אין אונז דעם געפיל צו ענדערן די וועלט אויף וועלכע ס'איז נישטאָ קיין איין אָרט, וווּ עס באַהאַלטן זיך דידאָזיקע צעשטערנדיקע ברואים?

## 31

# אומגעצוימטע פאַרלאַנגען

לודוויק דער פערצנטער, דער „גרויסער מאָנאַרך", איז אַרויף אויפן פראַנצויזישן טראָן אין יאָר 1643, אין דער צייט ווען קראָמוועלס סאָלדאַטן האָבן געקעמפט קעגן זייער קעניג, וועמען זיי האָבן מיט זעקס יאָר שפּעטער אָפּגעשניטן דעם קאָפּ. מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן קיין גרעסערע סתירה צווישן די ביידע לענדער און די דאָזיקע סתירה האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער ענגלישער און אין דער פראַנצויזישער קונסט.

דאָס גאַנצע פראַנצויזישע לעבן האָט זיך געדרייט אַרום דעם קעניגלעכן הויף. דער הערשער, וואָס האָט זיך אַליין אָנגערופן „די מלוכה", האָט זיך אַרויסגעצויגן פון פאַריז און געלאָזט זיך אויסבויען אַ פּרעכטיקן שלאָס אין ווערסאַל. מיט שווערע מי האָט מען איינגעפירט אַן אומגעהויערע וואַסער-ליַיטונג און דאָס מאָגערע לאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גן-עדן. מ'האָט אויסגעגראָבן גאַנצע וועלדער און געלאָזט זיי איבערפלאַנצן אין ווערסאַל. פּאַלאַצן וואַקסן אויס פון דער ערד, אַרכיטעקטן און אָגראָנאָמען, סקולפּטאָרן און מאָלערס, שפּרייטן אויס זייער גאַנצע חכמה, כדי

איז ווערסאַל צו שאַפן דעם וווּנדערלעכסטן גאָרטן אין דער וועלט.

אָבער אַרום און אַרום האָט געלעבט אַ פֿאַרפֿאַלן פֿויערטום. אומעטום הערשט דחקות, הונגער און פֿינסטערניש. די פֿרייהייט איז דערשטיקט. די גערעכטיקייט איז אויסגעלאָשט, פֿאַנאַטיזם און דעספּאָטיזם האָבן געקעניגט אומגעשטערט. אַ גאַנץ פֿאָלק ווערט באַרויבט דורך שטייערן, מ׳רייסט ממש די הויט פֿון לייב, כּדי צו באַצאָלן פֿאַר דער שיינקייט, פֿאַר דעם גלאַנץ און לוקסוס פֿון דעם הויף. דער „גרויסער מאָנאַרך" זיין קאָפּ באַדעקט מיט אַ ריזיקן געפּודערטן פּאַרוק, אין פּורפּורנע, ווייסע, מיט זילבער-און-גאָלד געשטיקטע קליידער שפּרייזט פֿייערלעך אַרום אַהין און אַהער, מיט רויטע אָפּצאַסן ביי די שיך, מיט אַ גאָלדענער טאַבאַק-פּושקע — באַזעצט מיט טייערע איידעל-שטיינער — אין דער האַנט. די הויפֿלייט רינגלען אים אַרום, אַדל-לייט און גלחים, וואָס זענען באַרויבט געוואָרן פֿון זייער מאַכט און באַפֿרייט פֿון זייערע פֿליכטן און האָבן קיין שום זאַך נישט צו טון ווי אַרומצוטשענצלען אין הויף און צו חנפֿענען דעם קעניג. און די דאַמען קומען מחנותוויז, זיי קענען אַלע קונצן פֿון פֿאַרפֿירונג. פֿאַרמיטאָג רייט דער גאַנ-צער הויף אויף געיעג, מען יאָגט הירשן, וואָס מען ברענגט צופֿירן פֿון גאַנץ אייראָפּע. די נאָכמיטאָגן און אָוונטן פֿאַרברענגט מען מיט בעלער, טענץ, שפּילן, געוועטן און מיט דערציילן פּיקאַנטע מעשהלעך.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָרטן פֿעלן אויך נישט די קינסטלער: פּאָעטן, מאָלער, דראַמאַטורגן, מוזיקער, טאַנץ-לערער, כּשופֿמאַכער, באַלעט-מייסטער און אַקטיאָרן. דער קעניג, וואָס האָט זיך אַליין דערקלערט פֿאַר דער מלוכה האָט, פֿאַרשטייט זיך, מיטן זעלביקן רעכט געקענט מעלדן: „איך בין די קונסט". ווייל ער און זיין הויף האָבן פֿאַרגעשטעלט מיט זיך די אודיטאָריע און די קריטי-קער: אָדער מען וואָרפֿט זיך אונטער זיין באַפֿעל, אָדער מען ווערט אויס קינסטלער.

ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער גרעסטער טייל באַרימטע קינסטלער פֿון יענער צייט האָבן געשטאַמט פֿון מיטל-שטאַנד. די גרויסע האַרן האָבן זיך געשראָקן פֿאַר יעדער אַרבעט,

אַפילו פאַר דער קינסטלערישער, און האָבן באַצאָלט אַנדערע, זיי זאָלן פאַר זיי אַרבעטן. זיי זענען געווען פּרעטענציעזע געלט-גע-בער, פאַרלאַנגט אַ הויכע מאָס פאָלקאָמענהייט פון דער טעכניק און די אָגיס פון דעם מיטלשטאַנד פלעגן שווער אַרבעטן, כדי זייערע ווערק צו שלייפן, צו פאָלירן און צו פאַרשענערן. די מלחמה האָט לחלוטין נישט אָנגערירט דעמדאָזיקן הערלעבן הויף. זי איז נאָר געווען פאַר זיי דער אומרויקער ווידערקול פון אַן אַנדער וועלט. דערפאַר איז קאַרנעלס שטרענגקייט און דערהויבנקייט באַלד אַרויס פון דער מאָדע. די ליבע איז געוואָרן אַ לעבנס-אינ-האַלט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ נייער דראַמאַטורג און אַנטציקט די דאָזיקע ליבע-פריידיקע געזעלשאַפט. ער האָט געהייסן זשאַן ראַסין און געשטאַמט פון מיטלשטאַנד. זיין טאַלאַנט איז תיכף געוואָרן אָנערקענט. ער האָט געשריבן אַן אָדע צום קעניג, געקריגן דער-פאַר אַ לוין פון זעקסהונדערט ליווערס און געוואָרן אַ באַגיים-טערטער דערפאָלגרייכער הויף-מענטש. פונקט ווי ראַפאַעל, איז ער אויך געווען אַ פאָלקאָמענער טיפּ פון אַ קינסטלער פון דער בכבוד-דיקער וועלט, וואָס האָט זיך לחלוטין צוגעפּאַסט צו זיין דור, וואָס זיינע אידעאַלן זענען נישט געשטאַנען נידעריקער און העכער, ווי די אידעאַלן פון זיין צייט. זיינע ווערק האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך די פאָלקאָמענהייט פון טעכניק, די אידעאַלע האַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פאָרם. אַ קינסטלער פון שיינקייט, וואָס איז זינט סאָפאָקלעס נישט געזען געוואָרן אויף דער בינע.

זיינע ערשטע דראַמען האָבן באַהאַנדלט דאָס לעבן פון די פירשטן. די געזעלשאַפט איז פאַרגליווערט, אירע פאָרמען זענען פעסט. קיינער האָט זיך נישט „אויפגעהויבן אַרויסצושטויסן דעם אַנדערן. דערפאַר האָט נישט געקאָנט געשאַפן ווערן קיין אייַן סאָציאַלע דראַמע. יעדערער שפּילט די ראָלע, וואָס מ'האָט אים באַשטימט פון פריער, און די טראַגעדיע שפּילט זיך אָפּ ערשט דעמאָלט, ווען עמעץ אַן אַנדערער רויבט ביי אים אָוועק די באַ-גערטע סעקסועלע באַפרידיקונג. אַלץ איז געוואָרן פּערזענלעך, ס'איז נישטאָ קיין שום ליידן אַ חוץ די אייפערזוכט, די שרעק, ליבע און האַס פון די אַריסטאָקראַטישע אינדיווידומס. העלדן און

העלדינס האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן צו דער לײדנשאַפט און פאַרגיסן אונז מיט גאַנצע כוואַליעס פון געפיל. די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ פּאַלאַץ; מאָרד, זעלבסטמאָרד, משוגעת און יאוש לויערט אונטער דער טיר. זיי באַווייזן זיך אָבער נישט אויף דער בינע. די קלאַסישע טראַדיציע דערלאָזט עס נישט, די אַקטיאָרן רייסן זיך אַריין און דערציילן אונז וואָס ס'איז געשען. דעם עבאָ פון דער גרויזאַמקייט לעבן מיר איבער אין די אויגן און אין דער שטים פון אַנדערע. ווען מען לייענט ראַסינס דראַמע און מען פאַרגלייכט זיי צו שעקספּירן, באַקומט מען אַ מאָדנעם איינדרוק. שעקספּיר פירט אין אַלע עקן פון דער וועלט, ברענגט אויף דער בינע מענטשן פון אַלע שיכטן. ראַסין, דאַקעגן, פאַרטרייבט די „געמיינע לייט" נישט נאָר פון דער בינע, נאָר אויך פון לעבן. דריי אָדער פיר חשובע הערן און דאַמען שטייען אין אַ צימער, קומען און גייען און אונטערהאַלטן זיך אין וווּנדערבאַרע געשליפענע פערזן. זיי האַלטן לאַנגע מאָנאָלאָגן פאַר זיך אַליין, מיט איינגעבילדעטע באַשעפענישן, מיט געטלעכע וועזנס פון דער קריסטלעכער, גריכישער, רוימישער, טערקישער און קעלטישער מיטאָלאָגיע. זיי רופן די ערד, דעם הימל און דעם ים פאַר אַן עדות קעגן דער גרויזאַמקייט, וואָס שטערט זיי דאָס, וואָס זיי האָבן ליב.

דאָס איז געווען די העכסטע מדרגה און פולקאָמענהייט פון דער דעמאָלסדיקער קריטיק אין פראַנקרייך. צי איז עס פּראָפּאַגאַנדע? — אָן שום ספק. מיר זען דאָ די געטער-היעראַרכיע, פּרינצן און הערשער, וואָס האַלטן פאַר אַ הייליק רעכט, אַז אַלע אוצרות פון דער קולטור און דער ציוויליזאַציע געהער צו זיי אַליין. זיי ווערן געשילדערט אין זייער גאַנצער הערלעכקייט און איינער פון די גרעסטע דיכטער האָט אויסגענוצט זיין טאַלאַנט צו באַשטראַלן און צו רימען. אַזויאַרום זענען געשאַפן געוואָרן אידעאַלן און מאַסן, וואָס האָבן נישט נאָר באַהערשט דאָס לעבן פון דער קונסט, נאָר אויך די פּאָליטיק און מסחר.

דער דיכטער אַליין האָט געפירט אַ לעבן פול מיט עגאָיסטישע לײדנשאַפטן. ער איז געווען איפּערזיכטיק און קאַמפּסלוסטיק, נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון די מאָלער און באַנוצט זיין

געליבטע פאַר אַ מאָדעל פאַר זיינע געשטאַלטן. איינע פון זיינע דראַ-
מען האָט גורם געווען אַ ווילדן הויף-סקאַנדאַל; אַ הערצאָגין האָט זיך
פאַרדונגען צו אַן אַנדער דראַמאַטורג, געלאָזט אים אויפפירן אַ פּיעסע
פון דערזעלביקער טעמע, וואָס האָט מיטגעהאָלפן דעם דערפאָלג פון
דער דראַמע און געבראַכט ראַסינס דראַמע אַ דורכפאַל. דער דאָ-
זיקער פאַקט האָט אַ פּנים געמאַכט אויף ראַסינען אַ שטאַרקן
איינדרוק. ר׳האָט פאַרלוירן די פרייד אין דעם הויפישן לעבן,
קראַנק געוואָרן. און, לויט דער אָרטאָדאָקסישער קאַטוילישער מידה,
אַריינגעפאַלן אין אַ מיסטישער שטימונג, אָנגעשריבן אַ רעליגיעזע
דראַמע, וואָס איז פונקט אַזוי ווייט פון דער וועלט און אומגעזונט,
ווי זיינע איבעריקע דראַמען. די באַרימטסטע פון זיינע דראַמען איז
„פעדראַ״. ער שילדערט די טראַגעדיע פון אַן איטאַליענישער
קעניגין, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין איר שטיף-זון. ווען דער
יונגערמאַן האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך, האָט זי אים פאַלש
אָנגעקלאָגט פאַר איר פאָטער און גורם געווען זיין טויט. דערנאָך
איז זי, באַהערשט פון בושה, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין משך פון דריטהאַלבן יאָרהונדערט האָט די דאָזיקע
שילדערונג פון אומגעצוימטע פאַרלאַנגען געדינט פאַר דער פראַנ-
צויזישער בינע אַלס פּרוווּשטיין פאַרן טאַלאַנט פון די אַקטריסעס.
אַכט גענעראַציעס פון אַקטריסעס האָבן אויסגעמאַטערט זייערע
כּוחות אין די פאָרשטעלונגען פון „פעדראַ״, פאַר אַכט גענעראַציעס
הערן און דאַמען, וואָס האָבן גענאָסן פון אַ לעבן פון אומגעצוימטע
פאַרלאַנגען. היינט הייבן מיר אָן אויסצופאָרשן די געהיימענישן פון
אונטערבאַוווסטזיין, און מיר ווייסן שוין, אַז דער דאָזיקער אומגע-
צוימטער באַגער איז אַ סימפּטאָם פון אינפאַנטיליזם. עס האַנדלט
זיך אין קינדער, וואָס וויינען פאַרוואָס זיי קענען נישט באַקומען
די לבנה, און שלעכט-דערצויגענע קינדער, וואָס זענען אויפגעהאָ-
דעוועט געוואָרן דורך דינער, געצערטלט דורך שקלאַפן. זיי פאַסן
זיך נישט צו צו דער ווירקלעכקייט פון לעבן, נאָר וואַקסן אויף
פאַר העלדן און העלדינס פון טראַגעדיעס. די דאָזיקע באַשעפענישן
זענען בשום אופן נישט שיין און דערהויבן. מיר רופן זיי פּסיכאָ-
פאַטן און די קונסט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט זיי איז אונז לאַנגווייליק.

מיר קענען אויך די כאַציאַלע און ווירטשאַפטלעכע סיבות פון דעם דאָזיקן משוגענעם עגאָיזם און זיינע סאָציאַלע פאָלגן. נישט נאָר די אַריסטאָקראַטיע פאַרמאָגט אומגעצוימטע פאַרלאַנגען, נאָר אויך דער דריטער שטאַנד פאַרמאָגט די דאָזיקע געפילן. אָבער איין קלאַס קען באַפרידיקן זיינע פאַרלאַנגען, בעת דער אַנדערער בלייבט ביים צוקוקן — דאַן זענען די איינציקע מעגלעכע רעזול-טאַטן: אַ בלוטיקע רעוואָלוציע. די אומגליקלעכע צעבראָכענע קעניגן פעדראַ האָט מיט אירע פאַרשטאַרטע אויגן געזען דעם גיהנום. דאָך האָט זי נישט געקאָנט אַזאַ גיהנום, וואָס זאָל קענען פאַרגליכן ווערן מיט יענעם, וואָס ראַסינס צושויער האָבן געזען מיט הונדערט יאָר שפּעטער; דעם גיהנום, וואָס די אויסגע-הונגערטע מאַסן האָבן אויסגעטאַנצט אין דער קאַרמאַניאָלע אויף די פּאַריזער גאַסן, בעת אין די קאַרבן האָבן זיך געקאָלערט די פאַרבלוטיקטע קעפּ פון דער גיליאָטינע, די קעפּ פון די יורשים פון יענע חשובע און אומגעצוימטע הערן און דאַמען, וועלכע האָבן פאַרהערלעכט די אומגעצוימטע הויף-טראַדיציע פון דעם „גרויסן קעניג".

## 32

## דער פאַרפאַלגער פון צביעות.

דער קעניג און די קעניגין האָבן אומזיסט געפּרווט איינ-פלאַנצן די לערע, אַז די קונסט איז נאָר באַשאַפן געוואָרן פאַר דעם הויף, אַז נאָר די גרויסע מענטשן אויף דער ערד קענען באַ-שאַפן שטאָף פאַר אַ קונסטווערק און אַז בלויז הויף-לייט קענען זיין קריטיקער און דאָס קונסט-ווערק אָפּצושאַצן. טיף אין האַרצן איז ביים מענטשן איינגעפלאַנצט אַן אינסטינקט, וואָס זאָגט אונטער, אַז אַלע מענטשן האָבן אַ ווערט. געניאַלע קינסטלער הערן זיך צו

צו דעם אינסטינקט, שרייבן וועגן געוויינלעכע מענטשן, נעמען זיך וואָס אַמאָל מער צו די אונטערדריקטע מאַסן. מיר וועלן זען, אַז דאָס האָט פּאַסירט אַפילו אין די צייטן פון די „גרויסע מאָנאַרכן". ס'איז געקומען אַ גאון, ער האָט צעשטערט די גרענעצן, און ער האָט גורם געווען, אַז גאַנץ פראַנקרייך זאָל דעבאַטירן וועגן זייבע אידעען און האָט מיטגעהאָלפן, אַז אין גאַנץ אייראָפּע זאָל זיך פילן די סאָציאַלע קראַפט, וואָס איז געבליבן ביז היינטיקן טאָג.

ער איז געווען דער זון פון אַ פּאַריזער הויף-טאַפּעצירער, דאָס הייסט אַ בעל-מלאכה, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אויס-צובעסערן די ווייכע באַקוועמע קישנס אויף וועלכע די הויף-לייט האָבן געפוילט. אָבער מאָליער, וואָס איז געווען אַ ווולקאַן לויטן כאַראַקטער, אַנטשלאָסן און געוואַגט, זעט זיך שנעל אַרום, אַז דאָס אויסבעסערן די קישנס אינטערעסירט אים נישט. אַ יונגערמאַן פון איינאונצוואַנציק יאָר פאַרקויפט ער זיין שותפות אין געשעפט און אָרדענט איין טעאַטער-פאָרשטעלונגען אויף אַ שפּיל-פּלאַץ אין פּאַריז. די אונטערנעמונג האָט נישט קיין דערפאָלג. דער יונגער מאָליער איז דריי מאָל אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה צוליב זיינע חובות, אָבער פון זיין פּלאַן האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט. ער שטעלט ווידער צוזאַמען אַ טרופּע און דרייצן יאָר כסדר רייזט ער אַרום מיט איר איבער דער פּראָווינץ. נאָך היינט אַפילו איז עס אַ היני-טיש לעבן. טאָ ווי איז עס שוין געווען מיט דרייהונדערט יאָר צוריק, ווען אַקטיאָרן זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער געזעל-שאַפט און זענען געווען כמעט הפקר? די קאַטויליש-פראַנצויזישע ביגאָטעריע איז געווען קעגן זיי אַזוי אומברחמנותדיק, ווי די פּוריטאַנישע אין ענגלאַנד.

עס איז געווען אַ האַרטע שול, ווו מאָליער האָט נישט פאַר-דינט אויף חיונה און אונטערגעגראָבן זיין געזונט. אָבער די דערפאַרונגען האָבן אים געמאַכט פאַר אַ טראַגי-קאָמישן דראַמאַטורג, ווייל דאָסדאָזיקע לעבן האָט אים צוזאַמענגעפירט מיט אַלערליי טיפּן. בשעת ער איז געקומען קיין ווערסאַל, און ער האָט באַלד געדאַרפט ווערן דעם קעניגס באַליבטער דראַמאַטורג, האָט ער

מיטגעברענגט אַ היסן, וואָס האָט זיך נישט באַגרענעצט מיט די אינטריגעס פון הויף־לעבן, דערצו — אַ קעמפנדיקן גייסט פון אַ מענטשן, וועלכער האָט געקענט דאָס האַרבע לעבן פון אָרעמקייט, עלנט און תפיסה, וואָס האָט גוט געקענט פראַנקרייך און זיינע מענטשן.

מאָליער האָט באַקומען די מעגלעכקייט אויפצופירן פאַר דעם קעניג דראַמען, צווישן זיי אויך עטלעכע זיינע אייגענע קלענערע פאַרסן. דער קעניג איז דעמאָלט אַלט געווען איינאונצוואַנציק יאָר, ער איז נאָך געווען נייגעריק צום לעבן און איז נאָך נישט געווען אַזוי אונטערגעוואָרפן אונטער דער הערשאַפט פון פרויען און גלחים, ווי אין אַ קורצער צייט שפּעטער. צו זיבןאונדרייסיק יאָר האָט מאָליער געשריבן זיין ערשט באַדייטנדיק ווערק, „Les Prècieuses ridicules” אַ סאַטירע אויף דער ליטעראַרישער מאָדע אין יענער צייט, ווען מ׳האָט גערופן אַ שפּיגל: „דער ראַטגעבער פון שיינהייט”, און אַ שטול: די באַקוועמלעכקייט פון קאָנווערסאַציע”. די הויכע דאַמען קומען זיך צוזאַמען, כדי צו גלאַנצן מיט זייער גייסט. עס איז געווען ווי היינט אויף די ליטעראַרישע טיי־אָוונטן. איך האָב זיי געשילדערט אין מיין „מעטראָפּאָליע”.

— דו רעדסט דאָך פון מאָליערן — באַמערקט פרוי אָגי.

— בלויז אַ ווײלענקע — זאָגט דער מאַן — דאָס באַווייזט אונז, וואָס עס קען ווערן פון דער ליטעראַטור, ווען זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ליידנשאַפט פאַר די דאַמען. מיר זוכן אויס יעדן טאָג די נייעסטע גאַלאַנטעריע, די שענסטע נייעסן אין פּראָזע און פּאָעזיע. מיר הערן נאָך היינט זייער אָפט, למשל, אַז עמיצער האָט איבער דער און דער טעמע אָנגעשריבן די צַנטיקנדיקסטע אַרבעט אין דער וועלט, אַז אַנדערער האָט פאַרפאַסט דערצו אַ מעלאָדיע, אַז אַנדערער האָט פאַרפאַסט ווערטער צו דער מעלאָדיע, אַ דריטער — אַ מאַדריגאַל, אַ פערטער האָט געדיכטעט שטאַנצן אויף איינער, וואָס איז אים אומטריי געוואָרן. מיר דערוויסן זיך, אַז הער איקס האָט נעכטן אַוועקגעשיקט צו פרײלן איקס אַ בינטל פערזן און אַז די דאַמע האָט אים אויף צו מאָרגנס אַכט אַ זייגער אַוועקגעשיקט אַן ענטפער, אַז אַ באַרימטער שריפטשטעלער האָט טאַקע אויסגענוצט דעם פּלאַן פאַר אַ ניי בוך, אַ צווייטער

שריפטשטעלער האָט די פערזן אַריינגעשטעלט ביים דריטן טייל פון זיין ראָמאַן, און אַ דריטער האָט זיין ווערק אַריינגעגעבן אין דרוק.

— צי שטייט עס אין דער „מעטראָפּאָליע"? — פרעגט פרוי אָגי.

דער מאַן בייזערט זיך: קוק נאָך און אויב דו וועסט עס נישט געפינען, טאָ לייען איבער גוט די צענטע סצענע פון „Prècieuses ridicules"

פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז געווען אַ געמיינע חוצפה פון אַ בעל-מלאכהשן זון, אָפּצוחוזקן פון די הויכע קעניגלעכע דאַמען. די הויכע זאַמען האָבן געשריגן פון צאָרן, און אין פינף טעג אַרום האָט זיך זיי טאַקע איינגעגעבן אַראָפּצונעמען דאָס שטיק פון דער בינע. פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף, וואָס האָט געדויערט ביז מאָליערס טויט. אַזוי לאַנג ווי ער האָט פאַרפאַסט עפּעס אַ נאַרישן פאַרס, אָדער אָנגעשריבן אַ ליברעטאָ פאַר אַ באַלעט, ווערט עס באַלד אויפגעפירט און רופט אַרויס גרויס בייפאַל. ווי גיך אָבער ער פאַרפאַסט אַן ערנסטע טענדענציעזע דראַמע, הויבט זיך גלייך אויף אַ סטאַדע שונאים, וואָס לאָזן נישט צו טיילמאָל גאַנצע יאָרן די דראַמע אויף דער בינע. און דאָ האָט דיכטער אַרויסגעוויזן זיין מוט. ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש, פאַרשולדיקט מיט חובות, ער האָט געמוזט זאָרגן פאַר זיינע אַקטיאָרן און פאַר די מענטשן, וועלכע ער האָט געליבט און וואָס ער האָט געטראָגן גערן זייער עול אויף זיך. אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָט דער אמת געגליט אין זיין האַרצן, ווי אַ ווייסגליענדיקער פלאַם, ר'איז קיינמאָל נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, אַז ער זאָל זיינע שונאים צורו לאָזן. אויף אַ יאָר אָדער צוויי גיט ער ציטווייליק אויף דעם קאַמף, ער קומט אָבער יעדעס מאָל ווידער מיט אַ נייער דראַמע, אין וועלכער די איראָניע איז נאָך בייסנדיקער, די שילדערונג פון זייער גרויזאַמקייט און די צביעות איז נאָך בולטער, נאָך אומברחמנותדיקער, ווי אין די פריערדיקע דראַמען.

צו דער צביעות האָט מאָליער געפילט אַ טויטלעכע שנאה; ער האָט פיינט געהאַט די קירכע פון זיין ציים, דערפאַר וואָס זי

האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אָרגאַניזירטן סיסטעם פון צביעות און געלט-גיריקייט. ער האָט פיינט געהאַט די שטאָלצע לצים און די אָפּגעגאָלטע קעפּ, איינגעבילדעטע פרויען, ער האָט פיינט געהאַט די סנאָבישע, עגאָיסטישע גרויסע לייט פון דער וועלט. ער האָט אויך פיינט געהאַט די פאַרשקלאַפונג און די געבונדנקייט פון דער ליבע. אין יענער צייט זענען די פראַנצויזישע מיידלעך דערצויגן געוואָרן אין קלויסטערס. צווישן דרייצן און אַכצן יאָר זענען זיי פאַרקויפט געוואָרן דורך די עלטערן, מיט דער הילף פון אַ פאַמיליע-אַדוואָקאַט צו עפּעס אַן עלטערן וועלטלעכן מאַן, וואָס האָט אַפילו געהאַט אַ טיטל און אַ פאַרמעגן, אָבער כמעט תמיד געווען אימפּאָטענט און קרענקלעך. אַזאַ מין סיטואַציע האָט מאָליער געשילדערט אין זיין דראַמען; תמיד איז פאַראַן אַ פיינער יונגערמאַן, וואָס איז פאַרליבט אין דעם מיידל, און דער בחור געפינט שטענדיק אויס אַ מיטל, וויאַזוי צו שטערן אירע עלטערן אין זייערע פּלענער. און אַזוי פאַרוואַנדלען זיך די דראַמען אין אַן אַפּעל צום שכל און צו דער מענטשלעכקייט, להיפּוך צו דער גיריקייט און דער וועלטלעכער גאווה. עס האָט באַדייט דער ערשטער אינסטינקטיווער פּראָטעסט פון דעם דיכטער קעגן דעם כוח פון געלט.

כדי צו אילוסטרירן זיינע פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעמעס האָט מאָליער אויסגעקליבן פּשוטע כאַראַקטערן, און בנוגע דער קאָנווערסאַציע, איז ער געווען געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס שלאָגט אַריין אַ טשוואָק. זיין גאַנצן וויסן און דערפאַרונג, זיין גאַנצן וויץ און פאַנטאַזיע, זיין גאַנץ מענטשנקענטעניש, זיין וווּנדערלעכע לעבעדיקייט, זיין ציטערנדיקער לעבנס-געפיל האָט זיך פאַרייניקט צום קלאַפּ.

דער גרעסטער אומגליק פון יענער צייט איז בלי-ספק געווען די קירך, וואָס האָט קאָנטראָלירט דעם געוויסן און דעם גייסט פון דער נאַציע און דערשטיקט יעדן פרייען געדאַנק. אין פראַנקרייך זענען געזעסן גרויסע מחנות שפּיאָנען, די אַגענטן פון אַ רויבערישער מאַכט: די יעזואיטן. פאַר זיי האָט קיין שום זאַך נישט געקענט באַהאַלטן ווערן. זיי האָבן אַפילו קאָנטראָלירט די נשמות און האָבן באַוויזן דורכן טראָן צו באַהערשן דאָס סאָציאַלע

און דאָס פּאָליטישע לעבן. ווי אַלע מאָל, האָבן זיי אין דעם פאַל אויך מיטגעהאָלפן די פרויען מיט זייער אומוויסנהייט און די אומבאַשטימטקייט פון זייערע געפילן. זיי האָבן פאַרשטאַנען וויאַזוי אויסצואיבן זייער איינפלוס אויפן קעניג און כּוף־כּל־סוף געצווונגען אים צוריקצוציען דעם טאָלעראַנץ־עדיקט בנוגע די פּראָטעסטאַנטן און ווידער אָנצוהויבן די רדיפות אויף די הוגאָנאָטן. מאָליער, וואָס האָט דאָס אַלצדינג צוגעזען און באַגריפן, האָט דעריבער אָנגעשריבן איינע פון זיינע שטאַרקסטע דראַמעס „טאַרטיף, אָדער דער צבועק". אין דער דראַמע האָט אונז מאָליער געשילדערט אַ פּריסטער אַן אינטריגאַנט, וואָס גנבעט זיך אַריין אין אַ באַלעבאַטיש הויז און פאַרפירט די פרוי פון זיין ווילטעטער. דאָס גאַנצע ווערק איז אַן איינציקער פלאַם פון גליענדיקן צאָרן, אַ מעסער אַנטקעגן דער צביעות. פאַר אַ מיטל צו פּראָפּאַגאַנדע איז עס נאָך היינט אויך אַזוי ווירקזאַם, ווי ס'איז געווען מיט דרייהונדערט יאָר צוריק.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער קליינער וועלט פון פּאַריז און ווערסאַל האָט „טאַרטיף" אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקע אויפרעגונג. די קלעריקאַלע פּאַרטיי פועלט אויס ביים קעניג, ער זאָל פאַרווערן די דראַמע, וואָס איז געוואָרן אויפגעפירט פּריוואַט פאַר אַ קליין הייפל אַריסטאָקראַטן. דער אַרציביסקאָפּ האָט געדראָט אַלעמען, וואָס וועלן לייענען די דראַמע, מיט חרם. באַסועט, דער דאַמאָלסדיקער ליטעראַרישער פּויבסט, האָט אויסגעטייטשט מאָליערס פריצייטיקן טויט, וואָס איז געקומען דורך שווינדזוכט — אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט צוליב דעם דאָזיקן אַ פּיקורסישן ווערק. צוויי יאָר נאָך דער ערשטער אויפפירונג פון „טאַרטיף", פועלט מאָליער ווידער אויס ביים קעניג אויפצופירן די דראַמע, אָבער ווען עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, איז דער קעניג גראָד געווען אין דער מלחמה, און אַ מלוכה־באַאַמטער הייסט פאַרשליסן דאָס טעאַטער, און מאָליערס אַפּעל צום קעניג איז געווען אַרויסגעוואָרפן. גאַנצע פינף יאָר האָט געדויערט דער קאַמף אַרום דער אויפפירונג פון דער פּיעסע, דאַן איז עס ערשט ענטלעך געשטעלט געוואָרן אויף דער בינע.

אָט די יאָרן האָבן באַדייט פאַר מאָליערן, אַן אומדערצידירנדיקער

קאמף. ער האָט אויפגעפירט זיין דראַמע „דאָן זשאַן" און די קלעריקאַלע קריטיקער הויבן אויף ווידער אַ געשריי, ווייל דאָן זשאַן איז געשילדערט געוואָרן, ווי אַ קלוגער אומאָפּהענגיקער דענקענדיקער יונגערמאַן. וואָס אַן אמת איז ער אויך פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר זייער אוממאָראַליש.

אָבער דאָס איז נישט גענוג געווען פאַר די קלע־ריקאַלן וואָס זייער ווייניק פון זיי וואָלטן אויסגעהאַלטן אַ נסיון אין זייער מאָראַל. ס'איז געווען ממש אַן איראָניע פון גורל, אַז דער אַרציביסקאָפּ, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוריכטן די לוויה ביי מאָליערן, איז אַליין באַקאַנט געווען אַלס אַן אויסגעלאַ־סענער.

נאָך „טאַרטיף" איז געקומען דער „מענטשנפיינד". דער דאָזיקער טיטל האָט בלי־ספק געדאַרפט די קריטיקער פאַרזיסן דעם ביטערן פּיל. דער העלד איז טאַקע אַן אמתער מענטשנפיינד, ער איז גאַנץ פּשוט אַ מענטש מיט אידעאַלן, וואָס האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זיינע אַנטוישונגען, וואָס האָט דערקענט די רשעות פון דער וועלט און איר כח חרוב צו מאַכן די וועלט. זיין פרוי, מיט וועלכע ער האָט חתונה געהאַט און געליבט שטאַרק, וויל זיך אָבער נישט שיידן מיט דער דאָזיקער שלעכטער וועלט און קלויבט זי אויס, די וועלט הייסט עס, איידער איר מאַן. מאָליער גופא איז געווען אומגליקלעך פאַרבינדן מיט אַ יונגער שוישפּילערין, וואָס האָט אויך ליבער געהאַט די וועלט איידער איר מאַן, און ס'איז אין אַלגעמיין אָנגענומען, אַז מאָליער גופא רעדט אין דער דראַמע דורך דער מויל פון זיין העלדין, פּונקט ווי שעקספּיר מיט האַמלעטס מויל.

דער גרעסטער קאָמעדיע־שרייבער פון פראַנקרייך האָט געמוזט פאַרשווענדן דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט אויף שרייבן פאַרסן און ליבערעטאָס. צווישן אַנדערע האָט ער אָנגעשריבן אַ פאַרס, וואָס מ'האָט שוין אויפגעפירט טויזנטער מאָל אין די אַמעריקאַנער הויבשולן: „דער בירגער אַלס אַן אַריסטאָקראַט". אין דעם פאַרס חוזקט מאָליער אָפּ פון אַן אויפגעקומענעם גביר, אַ סוחר, וואָס וויל אויף די עלטערע יאָרן פרווון נאָשן אַ ביסל

קולטור. אויף אַזאַ אופן האָט מאָליער באַפרידיקט די איידל-געבוירענע סנאָבן און דריקט אויס גלייכצייטיק זיין עקל צו די, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן האַנדל. דערמאָנט זיך ביי דער געלעגנהייט אַריסטאָפאַנעסעס שפּאָט איבער בעלי-מלאכות און קרעמער.

אין אַן אַנדער דראַמע „די געבילדעטע נשים", דריקט מאָליער אויס די זעלביקע מיינונג וואָס אַריסטאָפאַנעס, און לאַכט אָפּ פון דעם געדאַנק, אַז פרויען דאַרפן זיך בילדן און אַז זיי קענען זיין געלערנט. וואָס אַן אמת, ווירקט די ווייבערישע גאווה באַזונדערס לעכערלעך, ווען עס האַנדלט זיך אין וויסנשאַפטלעכע ענינים, ווען דאָס ריין-פערזענלעכע איז לחלוטין נישט אויפן אָרט. פונדעסטוועגן געפינען מיר די זעלביקע לעכערלעכקייט ביי אַלע אָפּגעשטאַנענע ראַסן אָדער קלאַסן, וועלכע ווילן דערגרייכן אויף אַ העכערן ניוואָ. מיר האָבן שוין געזען, ווי שעקספיר האָט אויסגעלאַכט די אַרבעטער, וואָס האָבן אַליין געוואָלט שטעלן אַ ספּעקטאַקל, און מיר וועלן נאָך דערלעבן צו זען, ווי קיפּלינג וועט לאַכן איבער דער אידעע, אַז די אינדיער וועלן באַהערשן די ענגלישע שפּראַך און זיין פעיק צו רעגירן מיט זייער אייגן לאַנד.

די לעצטע שאַפונג פון מאָליערן איז געווענדעט געווען צו די דאָקטוירים, וואָס ער האָט פיינט געהאַט. אַזאַ געפיל קען מען פאַרשטיין ביי אַ מענטשן, וואָס ליידט דאָס גאַנצע לעבן אויף אַן אומהיילבאַרער חולאת און די דאָקטוירים קענען אים נישט העלפן. משמעות, אַז ער האָט זיך נישט איינמאָל אָן ש״ם פעולה געלאָזט אָן אָדער, גענומען אָפּפיר-מיטלען, געלט געגעבן זיי מיט דער פולקאָמער איבערצייגונג, אַז זיי האָבן עס נישט פאַרדינט. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט ער זיי נישט אויפגעהערט צו רודפן, און אין זיין דראַמע „דער איינגעבילדעטער קראַנקער" שילדערט ער אַ מענטשן, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז קראַנק און איז אַרומגעשטעלט מיט אַ מבול פון רפואות. דאָס שטיק איז דריי מאָל אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. מאָליער גופא האָט געשפּילט די הויפּט-ראָל. פאַר דער פערטער פאָרשטעלונג איז דער דאָזיקער אומגליקלעכער דראַמאַטורג אַליין קראַנק געוואָרן, אָבער ער האָט כסדר געזאָרגט פאַר זיין טרופּע, און ווי שווער

עס האָט זיי געטראָפן, ווען ער האָט זיי געלאָזט אַליין. ער איז ווידער אויפגעטרעטן, אָבער באַלד נאָך דער פאָרשטעלונג איז ער צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן און געשטאָרבן אין עטלעכע שעה אַרום.

אָבער זיין לעבעדיקע און מוטיקע פראָפּאַגאַנדע איז נישט געשטאָרבן. זי לעבט נאָך ביזן היינטיקן טאָג, פאַרן כבוד פון דער פראַנצויזישער דראַמע און פאַר אונזער באַוויז, אַז די באמת גרויסע קונסט קען געשאַפן ווערן בלויז פון אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן אַ האַרץ פאַר זייערע מיטמענטשן און ווילן פאַרטיליקן די אכזריות און די צביעות פון דער וועלט.

## 33

## „אַ טויט דער אומפאַרשעמטקייט"

אויף דער עלטער איז דער „זון-קעניג" אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ פרוי, וואָס איז אים אונטערגערוקט געוואָרן דורך די גלחים. ער האָט מיט איר חתונה געהאַט און זיין הויף האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בערזע פון די יעזואיטן-אינטריגעס. דער עדיקט פון טאָלעראַנץ איז אָפּגערופן געוואָרן, די בעסטע שולן פון פראַנקרייך האָט מען פאַרמאַכט. אַ האַלבן מיליאָן פון די אינטעליגענטסטע איינוווינער האָט מען פאַרטריבן פון פראַנקרייך. אין דערזעלביקער צייט האָט פראַנקרייך געפירט מלחמות צוליב דעראָבערונג און זייער אָפט געכאַפּט מפּלות. דעם קעניגס הערשאַפט האָט זיך געענדיקט מיט אַ מיאוסן סוף. דער פּאַריזער המון מאַכט חוזק און שפּאַט אָפּ אויף זיין לוייה. אָבער דער צאָרן פון פאָלק האָט נאָך געמוזט יערן גאַנצע זיבעציק יאָר, איידער ער האָט אויסגעבראָכן און אָפּגעווישט די טיראַנעריי פון דעם אַלטן רעזשים.

צוויי יאָר שפּעטער, נאָכן טויט פון „זון-קעניג" האָט דער רעגענט, דער הערצאָג פיליפּ פון אָרלעאַנס, געהייסן אַריינזעצן

אין דער באַסטיליע אַ יונגן פראַנצויזישן וועלט-מענטש און דיכטער, אַ זון פון אַ רייכן פּאַריזער אַדוואָקאַט. דערדאָזיקער יונגער מענטש מיטן נאָמען וואָלטער, איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַרויסלאָזן אַ בראָשור, וואָס האָט אָפּגעחוזקט פון דער אַבסאָלוטיסטישער אידעע. צופעליק איז וואָלטער נישט געווען דער מחבר פון דער בראָשור. אָבער זיין ליבשאַפט צום אַבסאָלוטיזם איז בלי-ספק דורך אַ גאַנצן יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין תפיסה, נישט גרעסער געוואָרן. ער איז געווען איינער פון די וויציקסטע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט פאַר אים, געבענטשט — אָדער געשטראָפט — מיט אַן אייביק-טעטיקן, באַוועגלעכן גייסט. די תפיסה-אָנגעשטעלטע זענען פאַרהעלטענישמעסיק געווען מענטשלעך — איך מיין אין פאַרגלייך מיט די תפיסה-אָנגעשטעלטע פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אַבסאָלוטיסטישן אַמעריקע: — זיי האָבן דערלויבט דעם געפאַנגענעם צו שרייבן אין תפיסה לידער און דראַמען. ווען ער איז ווידער אַרויסגעקומען אויף דער פריי, האָט ער ווידער געפירט דאָס אויסגעלאַסענע לוסטיקע לעבן פון די דעמאָלדיקע ליטעראַרישע לצים. אין סאַלאָן האָט מען אים אויפגענומען אַלס דעם פריילעכסטן מענטשן. זיינע לאַנגע עפּישע געדיכטן און זיינע דראַמען אין פערזן, זענען אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג.

אָבער אין שכרות פון זיין ליטעראַרישן דערפאָלג האָט וואָלטער גאָר פאַרגעסן, ווי ווייניק ער האָט אייגנטלעך געהערט צו דער דאָזיקער חשובער וועלט; ער האָט זיך דערוועגט איבערצונעמען עטוואָס מיט דער באַליידיקונג פון אַן איידלמאַן, און יענער האָט דעם דיכטער געלאָזט מוראדיק אָנהרגענען דורך זיינע לאַקייען און אַליין צוגעזען דאָס פון זיין טראָן-שטול. צום גרויסן חידוש פון דער „הויכער וועלט" האָט זיך דער קרבן נישט געפילט גענוג אָנגעלערנט. ער, דער זון פון אַ גאַנץ געוויינלעכן אַדוואָקאַט, רופט אַרויס דעם איידלמאַן אויף אַ דועל. זיינע חשובע פריינט דרייען זיך אויס צו אים מיטן רוקן, מען וואַרפט אים ווידער אַריין אין דער באַסטיליע, און ער ווערט באַפרייט ערשט דאַן, ווען ער האָט צוגעזאָגט צו פאַרלאָזן פראַנקרייך.

וואָלטער איז געקומען קיין ענגלאַנד, ווו ער האָט געלעבט דריי יאָר. ס'איז געווען אַ באַניט ענגלאַנד, וואָס ער האָט באַקענט, ענגלאַנד פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט פאַרטריבן די סטוּאַרטס, אַ פּראָטעסטאַנטיש ענגלאַנד, ווו פּאָפּ פּרעדיקט דעם פאַרנונפט און ניוטאָן אַנטדעקט די געזעצן פון וועלטאַל. ווען וואָלטער האָט זיך שפּעטער צוריק אומגעקערט קיין פראַנקרייך, איז ער שוין נישט געווען מער קיין לץ און קיין ליבלינג ביי דער אַריסטאָקראַטיע, נאָר אַ גייסטיקער פּיאָנער, וואָס האָט געוואָלט אונטערגראָבן דעם אַבסאָלוטיסטישן מויער און באַפרייען דאָס לאַנד פון דעם יאָך.

וואָלטער שרייבט אָן אַ בוך וועגן די ענינים, מיט וועלכע ער איז באַקאַנט געוואָרן אין ענגלאַנד, וועגן די נייע אַנטדעקונגען אין דער וויסנשאַפט, וועגן דער נייער פילאָזאָפיע, די נייע טאָלעראַנץ. מ'זאָגט אים אָפּ די דערלויבעניש דאָס ווערק אָפּצודרוקן און ער לאָזט דאָס בוך פאַרעפנטלעכן אַנאָנים. די באַאַמטע פאַרבאָטן עס צו לייענען, און איין עקזעמפּליאַר ווערט עפנטלעך פאַרברענט דורך תּלינים. דערמיט ווערט דער דערפאָלג פון דעם ווערק געזיכערט. עס ווערט פיל געקויפט און געלייענט. דאָס גאַנצע אינטעלעקטועלע פראַנקרייך רעדט וועגן דעם. פינפאונצוואַנציק יאָר זאָל וואָלטער האָבן געלעבט אויף אַזאַ אופן: אָנגעשריבן ביכער און פלוגבלעטער אויף בלערליי פסעוודאָנימען, ער לאָזט זיי דרוקן בסוד אין ענגלאַנד, האָלאַנד אָדער אין דער שווייץ, קוקט צו ווי זיי ווערן עפנטלעך פאַרברענט און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ טאָג-טעגלעכער טעמע אויף וויכוחים.

פאַר אונז האָט דער נאָמען וואָלטער אַ באַדייטונג פון אַ קעמפער פאַר דער פרייהייט פון געדאַנק, אַ קעגנער פון רעליגיעזן אָבערגלויבן; פונדעסטוועגן דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן וועגן דעם, אַז ער איז געווען איינער פון די באַדייטנדסטע דיכטער און דראַמאַטורגן פון פראַנקרייך. אַ רעוואָלוציאָנער אויפן געביט פון דער פילאָזאָפיע, איז ער אין דער קונסט געווען אויסערגעוויינלעך קאָנסערוואַטיוו. ער האָט זיך געהאַלטן ביי קאָרנעל און ראַסין, אין די געהייליקטע דריי איינהייטן, די געזעצן וואָס האָבן געפּעניקט די פראַנצויזישע דראַמע. אין ענגלאַנד האָט ער אַנטדעקט צווישן

אַנדערע אויך אַ דראַמאַטורג מיטן נאָמען שעקספּיר. „אַ שיכּורער באַרבאַר אָן דעם מינדעסטן סימן פון גוטן געשמאַק, אָן שום אַנונג וועגן די כּללים פון דער דראַמאַטורגיע”. וואָלטער האָט געהאַט עגמת-נפש, וואָס אַ דאַנק דער קריטיק האָבן זיך עטלעכע פראַנצויזן אָנגעהויבן אַ ביסל צו אינטערעסירן מיט שעקספּירן. מ׳ט דער צייט מוז ער אָנווענדן וואָסאַמאָל מער ענערגיע, כּדי אָפּצולייקענען יענעם שיכּורן באַרבאַר און וואָסאַמאָל שטאַרקער זידלען יענע, וועלכע עס געפעלן די ווערק פון דעם ענגלענדער.

פון אָט דידאָזיקע פאַקטן קענען מיר אַראָפּנעמען אַ גוטן מוסר-השכּל, ווייל זיי באַווייזן גענוי, ווי שטאַרק דער קולטור-קאָנווענציאָנאַליזם ווירקט אויפן געבילדעטן גייסט. דידאָזיקע מענטשן דערוועגן זיך צו האָבן זייערס אַ זעלבסטשטענדיקע מיינונג וועגן גאָט און אומשטערבלעכקייט, וועגן דאָס געטלעכע רעכט פון קייזער און קעניג, אַפילו וועגן דעם געטלעכן רעכט פון די נאַפט-מאַגנאַטן און די אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנסיסטן. און דאָך קומט זיי זייער שווער אָן צו אורטיילן זעלבסטשטענדיק וועגן דעם אַזויגערופענעם גוטן געשמאַק, און צו וויסן, אויב זיי קענען זיך דערלויבן צו באַוווּנדערן אַ ניי פרעמד-אַרטיק קונסטווערק און הנאה צו האָבן דערפון. איך קוק זיך צו מיטן גאַנצן אינטערעס צו אונזערע יונגע אינטעלעקטועלע, וואָס האַלטן זיך פאַר גאַנצע רעוואָלוציאָנערן, ר׳מען זיך מיט זייערע פרייע אַפּיקורסישע מיינונגען וועגן רעליגיע, פּאָליטיק, נאַציאָנאַל-עקאָנאָמיע און מאָראַל, און נישט געקוקט אויף דעם האַלטן זיי זיך ביים אַריסטאָקראַטישן אָבערגלויבן, אַז די קונסט איז באַשטימט בלויז פאַר די הויכגעבילדעטע קלאַסן, אין דאָס אַלץ, וואָס איז פּאָפּולער קען נישט האָבן קיין קינסטלערישן ווערט.

מיר אין אַמעריקע מאַכן מיט אונזערע דיכטער קליינע עסקים. דעריבער קומט אונז אָן שווער צו באַגרייפן וואָלטערס אומגעהויערע מאַכט איבער דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. ער איז געווען ציניש, חוצפּהדיק, אייפערזיכטיק, גאווהדיק און נישט געדולדיק און פונדעסטוועגן איז ער געוואָרן דעמאָלט ווי אַ מין גאָט, פאַר וועלכן ס׳האָבן זיך געבויגן נישט נאָר די קריטיקער, נאָר אויך די מאָנאַרכן. ער האָט פאַרפאַסט אַ היפּשע צאָל דראַמען, לרוב

טראַגעדיעס איז העראָישן נוסח, יעדע אויפפירונג איז געקרוינט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג — אַ קראַנץ אין דעם היכל פון דער ליטעראַטור. אין יענער צייט איז נישט געווען קיין איין מענטש, וואָס זאָל באַמערקן, אַז אַלס דראַמאַטורג שטייט ער זייער ווייט פון ראַסינען. זיינע פאָרמעס האָט מען געהאַלטן פאַר בעסער פון האָמערס און ווירגילס. מיר מענטשן פון היינט, וואָס מיר קענען במעט זיינע דראַמען נישט איבערלייענען ביז צום כוף, מיר מוזן לאַכן דערביי, ווייל מיר ווייסן קלאָר, אַז דער דיכטער האָט נישט איבערגעלעבט קיין איין געפיל, וואָס ער האָט געשילדערט, ער האָט בלויז געטראַכט, אַז די שילדערונגען זאָלן] קלינגען שיין.

אין יענער צייט איז די פראַנצויזישע קולטור געווען די העכסטע אויף דער וועלט. וואָלטער, דער ציניקער און סקעפטיקער איז געווען דער אָפגאָט און די שרעק פון די דינאַסטיעס. ער איז אויך געווען אַ גוטער געשעפטסמאַן. האָט זייער גוט פאַרוואַלטעט מיט דעם געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט אין די דראַמען און איז זייער רייך געוואָרן. ער האָט באַקומען אַ נחלה אין דער שווייץ, נאָענט לעבן דער פראַנצויזישער גרענעץ. דאָס איז געווען, משמעות, אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע, אַן אָרט פאַר זיין ליטעראַרישן געווער. ער האָט געקענט דרוקן זיינע ווערק אין דייטשלאַנד און אין האָלאַנד און שטילערהייט אַריבערשמוגלען קיין פראַנקרייך. די פראַנצויזישע פּאָליציי האָט זיך נישט דערוואַגט זיי צו נעמען אויף דעם שווייצאַרישן באָדן. די שווייצאַרישע קאַלוואַניסטן זענען געווען צופרידן פון די אָנגריפן אויף דעם פראַנצויזישן קאַטוילישן אַבסאָלוטיזם און דעריבער דעם דיכטער געלאָזט רויק אַרבעטן.

קערפערלעך איז וואָלטער געווען דער שאָטן פון אַ מענטשן, במעט אַ סקעלעט. אין דעם הויכן גאָלן שטערן האָבן געלויכטן באַוועגלעכע פינקלדיקע אויגן. זיין גאַנץ לעבן כמעט האָט ער נישט אויפגעהערט צו קרענקען. ווען ער איז געקומען צו גאַסט צו פרידריך דעם גרויסן, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער ליידט אויף פיר טויטלעכע קראַנקהייטן. נישט געקוקט אויף דעם, האָט ער דערגרייכט די עלטער פון פיראונאַכציק יאָר און ער האָט כסדר געאַרבעט. ער האָט געפירט אַן אומגעהויערע קאָרעספּאָנדענץ —

איבער צענטויזנט בריוו זיינע זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן. ער איז געווען פֿעיִק אויף יעדער געמיינהייט, רשעות, אָבער נאָך מער אויף דעם גרעסטן העלדישן זעלבסטפֿאַרלייקנדיקן אידעאַליזם. דאָס לעצטע האָט ער באַזונדערס באַוויזן אין אָט דעם פֿאַל:

אין אַ שטאָט טאַלאָ, אין דרום-פֿראַנקרייך איז אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען קאַלאַס, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אַן אָנפֿאַל פֿון אַ רעליגיעזער משוגעת. ער האָט אָפּגעשטאַמט פֿון אַ פּראָטעסטאַנטישער פֿאַמיליע און די טוילער קאַטוילישע באַאַמטע האָבן אָנגעקלאָגט דעם געשטאָרבענעמס פֿאָטער, אַז ער האָט אים געהרגעט, כּדי ער זאָל זיך נישט שמדן פֿאַר אַ קאַטאָליק. די באַאַמטע האָבן נישט געקענט ברענגען קיין שום באַווייז אויף זייער חשד. פֿונדעסטוועגן האָבן זיי דעם אַלטן אָנגעטון אַלערליי ענויים און לסוף הינגעריכטעט, דאָס אייגנטום פֿון דער פֿאַמיליע איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן. מיט אַ העפֿטיקן, ברענענדיקן צאָרן האָט זיך וואָלטער אַנטקעגנגעשטעלט אַנטקעגן דער דאָזיקער עוולה; ער האָט געלאָזט מאַכן אַ נייע אויספֿאָרשונג, ער האָט באַצאָלט אַדוואָקאַטן, אָנגעשריבן בראָשורן און געלאָזט זיי פֿאַרשפּרייטן, געשריבן אומצאָליקע בריוו און אויפֿרופֿן. דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געווידמעט זיין גאַנצע צייט צו מאַכן פֿון דעם דאָזיקן פֿאַל אַ רעליגיעזע און אַ פּאָליטישע פֿראַגע פֿאַר גאַנץ פֿראַנקרייך. קיין שום מענטש וואָלט נישט געקענט האַנדלען מענטשלעכער. דריי יאָר נאָכאַנאַנד — אַזוי שרייבט ער — האָט ער נישט געקענט שמייכלען אָן דעם געפֿיל, אַז ער איז נישט באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן. ווען דער פֿריערדיקער געריכטס-אורטייל איז לסוף אָפּגערופֿן געוואָרן איז וואָלטער געפֿאַלן אַ וויינענדיקער דעם יונגן קאַלאַס אין די אָרעמס. ער, דער דראַמאַטורג, האָט געזאָגט:

— דאָס איז דער הערלעכסטער פֿינפֿטער אַקט, וואָס איך האָב אַמאָל אויף מיין לעבן געזען אויף דער בינע.

נאָך דעם זענען געווען אַנדערע פֿאַלן. פּונקט ווי אַמאָל אין רוסלאַנד, ווען די שוואַרצע מאות האָבן איינגעשמועסט די גערינגסטן, אַז יידן קוילענען קריסטלעכע קינדער צוליב ריטועלע צוועקן, אַזוי האָט דער קאַטוילישער אַפּאַראַט געפֿירט אַ הילקן

קריג קעגן די פראָטעסטאַנטן, וועלכע ער האָט באַשולדיקט אין די שווידערלעכסטע פאַרברעכנס. וואָלטער האָט זיך אויך איינגעשטעלט אין דעם פאַל פון סירווען, ווו ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסע אויפרעגונג, ווי אין דער מעשה קאַלאַס. ער האָט דער־קלערט, אַז דאָס געריכט האָט געדאַרפט האָבן צוויי שעה איר קרבן צו פאַראורטיילן און ניין יאָר האָט זי געדאַרפט די גערעכ־טיקייט ווייטער צו שטויסן. פון אָט די ליידנשאַפטלעכע פּראָטעסטן איז אַרויסגעקומען איינס פון די גרעסטע ווערק וואָלטערס: „אָפּ־האַנדלונג איבער דער טאָלעראַנץ". אויך דאָס בוך איז פון די תּלינים פאַרברענט געוואָרן. ער האָט דאַן אויך געפינען זיין אומ־שטערבלעכן וואָרט־שפּרוך, וואָס ער האָט אויפגעשריבן אויף אַלע זיינע בריוו: פאַרטיליקט דעם מנוול (Ecrasez L'Infarme) דאָס הייסט, דעם קאַטוילישן אַבסאָלוטיזם.

אַמעריקע האָט אויך איר מנוול, דאָס איז דער קאַפּיטאַליסטישער אַבסאָלוטיזם, און מיר וואַרטן אַלע אויף דעם שריפטשטעלער, וואָס זאָל טראָגן אין זיך וואָלטערס העלדישן, אומאייגננוציקן אידעאַליזם.

דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט געזען אין וואָלטערן דעם קעמפער פאַר דער פרייהייט פון געדאַנק; ער, דער רייבער און באַרימטער מאַן, האָט זיך געדאַרפט דערוועגן צו טון אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען אַנדערע פאַרווערט געווען. פון זיין גלות האָט ער פאַרשפּרייט זיינע אידעען איבער גאַנץ אייראָפּע. דערוויל אָבער רייסן פראַנקרייכס אומבאַוווסטע באַהערשער דעם באָדן פאַר זיין שטיט.

דאָס אוראייניקל פון דעם „זון־קעניג", וואָס איז אַלס קינד אין יאָר 1715 אַרויף אויפן טראָן, האָט רעגירט כּמעט זעכציק יאָר. ער, וואָס אין אָנהויב פון זיין הערשאַפט האָט מען אים גערופן „דער שטאַרק געליבטער", האָט מקריב געווען די צוקונפט פון דער מלוכה פאַר זיינע מעטרעסעס, געברענגט אומגליק איבערן לאַנד פאַרלוירן די אַמעריקאַנישע און אינדישע קאָלאָניעס. ער האָט איבערגעלאָזט זיין באַנקראָטירטע נאַציע און געשטאָרבן מיט דעם באַרימטן ווערטל: „נאָך אונז — דער מבול".

אין פיר יאָר אַרום איז דער גרייז־גרויער וואָלטער, וועמען

עס האָבן צוגעגעבן מוט די דערפאָלגן פון זיינע דראַמעס, געקומען קיין פּאַריז. מ׳האָט אים מקבל פּנים געווען ווי אַ זיגערישן העלד, זיינע דראַמען זענען אויפגעפירט געוואָרן פאַר אַן אומצאָליקן פּובליקום. אַפילו די אַקאַדעמיע פון רישעליע האָט אים וואַרעם אויפגענומען — אַ מאָדנע איראָניע פון דער געשיכטע. ס׳איז געווען פּונקט, ווי מיט טאָלסטאָיען אין צאַרישן רוסלאַנד; די ביוראָקראַטן וואָלטן אים גערן אַראָפּגענומען דעם קאָפּ, אָבער זיי קענען בלויז קריצן מיט די ציין אין אָנמעכטיקן צאָרן. וואָס עס האָט נישט דערגרייכט די שנאה, האָט עס דערגרייכט די ליבע פון פאָלק; וואָלטער איז כמעט בוכשטעבלעך געטויט געוואָרן דורך גוטס; ער איז געשטאָרבן פון אויפרעגונג אין זיין אייגענעם יום-טוב.

אין וואָלטערן זעען מיר אַ שריפטשטעלער, וואָס איז באַ־קאַנט פאַר איינעם פון די געניאַלסטע שריפטשטעלער און דאָס אַ דאַנק בלויז זיין פּראָפּאַגאַנדע. וואָלט ער נאָר געשריבן העראָי־שע טראַגעדיעס און דערהויבענע פּאָעמעס, וואָלט זיין נאָמען שוין לאַנג געווען פאַרזונקען אין פאַרגעסנהייט. אָבער בלויז צוליב דעם, וואָס ער האָט געוואָלט באַפרייען דעם גייסט פון זיין לאַנד און געווידמעט כמעט זיין גאַנץ לעבן אויף דעם, — קענען מיר אים און מיר שעצן אים נאָך אויף היינטיקן טאָג, ווי איינעם פון די גרעסטע פראַנצויזישע מענער. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע חסרונות, אָבער איין זאַך קען מען נישט אָפּלייקענען: ער האָט פאַרקערפּערט מיט זיך די אידעע פון איבערצייגונגס-פרייהייט.

## 34

## זשאַן זשאַק רוסאָ

מיר האָבן געזען, אַז וואָלטער איז געווען קאָנסערוואַטיוו אויף דעם געביט פון דער קונסט און רעוואָלוציאָנער אויפן געביט

פון געדאַנק. די צייט האָט זיך אָבער געגרייטיקט אין אַ רעוואָלוציאָנער פון געפילן, און אַזאַ רעוואָלוציאָנער האָט זי געפינען אין זשאַן זשאַק רוסאָ, אַ שטורמישער פאַרביטערטער אומגליקלעכער מענטש, וועמענס פאַרביטערטקייט האָט זיך פאַרשאַרפט אין אומצאָליקע קאָנפליקטן, וועלכע דויערן נאָך אויף היינטיקן טאָג. אַ כאַראַקטער פול מיט סתירות, אַ שריפטשטעלער פון אויס-רגעווינלעכער באַדייטונג.

רוסאָס פאָטער איז געווען אַ זייגערמאַכער אין גענף. נאָך אַלס יונגער בחור אַנטלויפט זשאַן זשאַק פון דערהיים, ווערט אַ שלעפער און בלייבט עס אויף זיין גאַנץ לעבן. צו זיינע אומצאָליקע פראָפעסיעס קען מען אויך צורעכענען דאָס, וואָס ער איז געווען אַ דינער. דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, אַז פראַנקרייך פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זאָל אים שטערן אויפצושטייגן פאַר אַ באַרימטן מענטשן. ער האָט קיינמאָל גאָרנישט פאַרמאָגט. קוים האָט ער געהאַט אַ פריינט האָט ער זיך מיט אים שטענדיק געמוזט צוקריגן. אָבער שרייבנדיק באַלעטן, אָפּערעס און קאָמעדיעס האָט ער זיך ביסלעכווייז דערשלאָגן דעם צוטריט צו דעם סאַלאָן פון די גרויסע לייט.

דאָ האָבן מיר ווידער אַ „ריינעם" קינסטלער. אָבער צי האָט איר שוין געהערט אַמאָל וועגן זיין קינסטלערישער „ריינקייט"? צי האָט איר אַמאָל געוווסט, אַז זשאַן זשאַק רוסאָ האָט געשריבן באַלעטן, אָפּערעס און קאָמעדיעס? צי קענט איר אָנרופן איינס פון די דאָזיקע ווערק? אויב איר זענט נישט קיין ליטעראַטור-היסטאָריקער — קענט איר זיי געוויס נישט. וואָלט זיך רוסאָ געהאַלטן ביי דער דאָזיקער לייכטער אַרבעט, וואָלט ער פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם פאַריזער סאַלאָן, און מיר וואָלטן קיינמאָל מער נישט געהערט זיין נאָמען. ערשט דאַן, ווען ער איז געוואָרן אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, האָט ער דערגרייכט די באַרימטקייט און מיר קענען אים נאָר אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט.

ווען רוסאָ איז אַלט געווען זיבנאונדרייסיק יאָר, איז דידעראָ, דער אַרויסגעבער פון דער גרויסער ענציקלאָפּעדיע, אַזאַ מין לעקסיקאָן, איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה צוליב דעם, וואָס ער

האָט פאַרפאַסט אַן אַטעיסטישן פאַמפלעט. רוסאָ האָט באַזוכט דעם געפאַנגענעם און אַ דאַנק דעם דאָזיקן פאַקט האָט ער אָנגעהויבן אַריינצוטראַכטן אין די חסרונות פון דער געזעלשאַפט. ער האָט אָנגעשריבן אַן עסיי און אַזוי אַרום אַרויף אויפן וועג פון אַ גייסטיקן רעוואָלוציאָנער. ער איז פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער מאַכט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט באַקומען אַ פאַרפאָלגונגס-מאַניע; פאַר זיין טויט איז ער געווען זיכער, אַז יעדער מענטש פאַרפאָלגט אים און וויל אים אומברענגען פון דער וועלט.

זיין ערשט באַדייטנדיק ווערק איז געווען „Le Contrat Social” אַ סטודיע וועגן דער מלוכה און איר אויטאָריטעט. אויף וואָס שטיצט זיך די הערשאַפט? מיט וועלכע רעכט פאָדערט די מלוכה פון מיר געהאָרכזאַמקייט? אין רוסאָס צייטן זענען דידאַקטישע פראַגן פאַרענטפערט געוואָרן אַן ערך אָט אַזוי: גאָט האָט באַשטימט אַ קעניג, וואָס דאַרף הערשן איבער אייך. אויב איר הערט נישט דעם קעניג, וועט מען אייך הענגען, קעפּן אָדער פערטלען אויף דער וועלט און ברענגען אין אייביקע פלאַמען אויף יענער וועלט. רוסאָ אָבער האָט אויפגעשטעלט די טעזע, אַז די רעגירונג מוז זיך באַזירן אויף דער איינשטימיקייט פון דעם כלל. און וווּ דידאַזיקע איינשטימיקייט איז נישטאָ, איז אויך נישטאָ קיין רעגירונג. די ערשטע ווערטער פון זיין בוך, זענען דער שליסל צום גאַנצן ווערק: „דער מענטש איז פריי געבוירן און וועדט דערנאָך געשמידט אין קייטן”. אַ גענויער סטודיום אין דער געשיכטע און אין דער אַנטראָפּאָלאָגיע באַווייזט אונז, אַז דערדאָזיקער ערשטער זאַץ אין רוסאָס ווערק איז פאַלש. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, איז עס געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערער לאָזונג.

נאָך „Contrat Social” איז געקומען דער ראָמאַן „די נייע העלאָיזע”, אַ ליבע-געשיכטע געשריבן אין בריוו-פאָרם. אין יענער צייט האָבן די פראַנצויזישע מיידלעך אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס מען פאַרקויפט זיי אין דער חתונה. זייער נאַטירלעכער ווונטש חתונה צו האָבן מיט אַ מאַן, וואָס זיי אַליין וועלן אויסקלייבן האָט שוין אָנגענומען אַזאַ פאָרם, אַז זי האָט אָנגעהויבן צו באַדראָען די גוטע קאָנסערוואַטיווע מנהגים.

פאַרשטייט זיך, אַז רוסאָס העלאָיזע איז אַ קינד פון טאַטע־מאַמע און האָט חתונה מיט אַ מאַן, וואָס זיי האָבן איר אויסגעקליבן. אָבער אירע ליידן זענען אַזוי שטאַרק רירנדיק, אַז זי רופט אַרויס פיל מער פּראָטעסט, ווי עס וואָלט געקענט אַרויסרופן אַ רעוואָלוטירנדיקע העלאָיזע.

רוסאָס דריטע וויכטיקע ווערק איז געווען: „עמיל, אָדער די סענטימענטאַלע דערציונג", דאָס הייסט אַ דערציונג, וואָס איז אין הסכם מיט די געבאָטן פון נאַטירלעכן געפיל. דאָס קערפּערלעכע און מאָראַלישע געזונט פון דעם קליינעם עמיל האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס ער האָט געצויגן פון דער מוטער און נישט — ווי אין דער פאָרנעמער פראַנצויזישער וועלט — ביי אַן אַם. דאָס קינד ווערט אויפגעהאָדעוועט אין דער נאָענסטער שכנות מיט דער נאַטור און גייט נאָך זיינע נאַטירלעכע פאַרלאַנגען, וואָס זענען, לויט רוסאָס מיינונג, די ריכטיקע. דאָס יינגל לערנט זיך אויס אַ נוצלעכע אַרבעט, איז נישט געוואָרן קיין קולטור־פּאַראַזיט, און ווען ס'קומט די ריכטיקע צייט, באַווייזט זיך אַ שיין מיידל, וואָס פאַרדינט עמילס ליבע. היינט ווענדעט מען אָן רוסאָס דערציונגס־פּרינציפּן אין דער פעדער־שול. אין יאָר 1762 אָבער איז „עמיל" פאַראורטיילט געוואָרן פון דער פּאַריזער סאָרבאָנע און פאַרברענט געוואָרן דורך תלינים. רוסאָ איז געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן צום ערשטן אין דער שווייץ און שפּעטער קיין ענגלאַנד.

אין די טרויעריקע יאָרן פון זיין רייפן מענלעכן עלטער האָט רוסאָ אָנגעשריבן די געשיכטע פון זיין לעבן, „די ווידוי". היינט קומט אונז אויס שווערלעך צו לייענען אַנדערע ווערק פון רוסאָ. אָבער די „ווידוי" וועט געפינען לייענער אַזוי לאַנג, ווי דער מענטש וועט זיך אינטערעסירן מיט זיין אייגן האַרץ. אין דעמדאָזיקן בוך דערציילט אַ גענאַלער מאַן, דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, דעם גאַנצן אמת וועגן זיך אַליין, טיילמאָל איז עס טאַקע אַ ווייטיקלעכער אמת, וועלכן מיר לייענען מיט שרעק און וואָס גיט רוסאָס שונאים אַ געלעגנהייט צו באַוואַרפן אים מיט בלאָטע.

איינס אָבער מוז מען געדענקען: מיר ווייסן די דאָזיקע אַלע פיינלעכע מיאוסטע זאַכן, ווייל רוסאָ אַליין האָט זיי אונז דערציילט; ווען ער וואָלט זיי געוועזן מאַכן פאַרשטעלט, אָדער ראָמאַנטיש-פאַרשלייערט, וואָלט היינט געשטאַנען פאַר אונז אַן אַנדער רוסאָ. אויף דעם דאָזיקן אופן האָבן אַ סך דיכטער און שריפטשטעלער געשריבן זייערע לעבנס-געשיכטעס און באַקומען דערפאַר אונזער פאַרערונג. דערדאָזיקער מאַן האָט אָבער דערקלערט: אָט דאָס איז פאַראַן אין מיר — און איך האָב מיך זייער ליב. אָבער אַ סך מער גייט מיר אין דעם, אַז מיינע מיטמענטשן זאָלן דערקענען דעם אמת. אין דעמדאָזיקן גייסט דאַרפן מיר לייענען „די ווידוי". מיר זעען תיכף, אַז מיר האָבן דאָ נישט צו טון מיט איינעם פון די שוואַכע נאַטורן, וואָס צוערשט זינדיקן זיי און דערנאָך רעדן זיי מיט פאַרגעניגן וועגן דער באַגאַנגענער זינד, נאָר, — אַז מיר טיילן זיך מיטן לעבן פון אַ טיף-דענקענדיקן מאַן, וואָס זוכט אין דער פיין און אין די יסורים אַ הייל-מיטל פאַר דעם מענטשלעכן אומגליק.

און ס'איז נישט געווען נאָך אַזאַ פרעדיקער, וואָס זאָל זיך אַליין איבערגעבן זיינע פריינט, ווי זשאַן זשאַק. צווישן אַנדערס דערציילט ער, ווי ער האָט איבערגעגעבן זיינע אייגענע ערשט געבוירענע קינדער אין אַ פינדל-הויז, ווען ער אַליין האָט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן. דאָס האָט דעמאָלט געגאָלטן פאַר אַ גרויסע עוולה, אָבער די מענטשן וואָס פלעגן דאָס טון, זענען נישט געגאַנגען אַהין שפעטער, און געשריבן פעדאַגאָגישע ווערק! די קריטיקער פון זיין צייט האָבן אומברחמנותדיק אָפגעחוזקט פון רוסאָן פאַר אַזאַ מין אומקאָנסעקווענץ. און דאָך, נישט געקוקט אויף דעמדאָזיקן שפאָט, איז רוסאָ געוואָרן דער האָרן פון דער רעוואָלוציע, סיי פון דער פאָליטישער, און סיי פון דער ווירטשאַפט-לעכער און קולטורעלער, וואָס איז שוין דעמאָלט געשטאַנען אין וועג. און נאָך היינט איז ער דער האָרן פון יענער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס דערנענטערט זיך פון טאָג צו טאָג.

אַוודאי איז דאָס אַלץ נישט קיין גרונד פאַר אונז צו זיין בלינד קעגן די טעותים און לעכערלעכקייטן פון זיין לערע. ווען

מיר ווילן שטודירן די פעדאַגאָגישע פסיכאָלאָגיע אָדער די רעגי-רונגס-פאָרם, מוזן מיר, מענטשן פון דער היינטיקער צייט, זיך באַנוצן מיט היסטאָרישן און עקאָנאָמישן וויסן. מיר פאָרשן אויס די מענטשלעכע נשמה אין ליכט פון דער ביאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע, כעמיע און פסיכאָאַנאַליז — אַ גרויסע צאָל וויסנשאַפטן, וואָס אין רוסאָס צייטן איז נאָך צומאָל נישט באַקאַנט געווען זייער נאָמען. וויאַזוי אָבער האָבן מיר דערגרייכט צו דידאַקישע וויסנשאַפטן? מיר האָבן דאָס אַ סך צו פאַרדאַנקען זשאַן זשאַק רוסאָ, וועלכער האָט מיט זיין נבואהשן חוש און מיט דעם פלאַם פון אַן עמישן זשעני אַראָפגעשריגן פון אַלע דיכטער די רעכט פון דעם מענטשלעכן גייסט אויף פרייהייט, די רעכט צו קוקן דער לעבנס-ווירקלעכקייט אין פנים אַריין, די רעכט צו גיין אויפן וועג, וואָס פירט צו גע-זונטקייט און צום גליק.

מ'וואָלט געדאַרפט פרעגן יעדן קריטיקער פון זשאַק רוסאָ: פאַרוואָס האָט איר אָנגעגריפן דעמדאָזיקן מענטשן? צי האָט איר דאָס געטון, ווייל איר האָט געוואָלט אויסבעסערן זיינע טעותים און אָפּרוימען דעם וועג פאַר זיין ציל פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט? אָדער געהערט איר צו יענע, וואָס האָבן זיך געפילט געטראָפן און געשראָקן זיך פאַר רוסאָס נייע אידעען און געפילן? צי האָט איר געוואָלט אַרונטעררייסן די אינדיווידואַליס-טישע באַוועגונג, וואָס ער איז געווען איר פאָטער? אָדער צי האָט איר אונז געוואָלט אומקערן צו דער גוטער אַלטער צייט, ווען קינדער האָבן געפאָלגט טאַטע-מאַמע, דער דינער — דעם האַר, די פרוי — דעם מאַן, דער אונטערטאַן — דעם הערשער און די פויפסטן, ווען די סטודענטן אין די אוניווערזיטעטן האָבן געגלויבט אין יעדער וואָרט, וואָס די פראָפעסאָרן האָבן זיי געלערנט?

## 35

# די פאַרסמטע מויז

אין דער צייט, וואָס פראַנקרייך האָט זיך כּסדר דערנענטערט צו איר רעוואָלוציע, האָט זיך ענגלאַנד וואָסאַמאָל מער אָפּגערוקט פון איר רעוואָלוציע. די קרוין האָט זיך אונטערגעוואָרפן, און דאָס לעצטע וואָרט אין אַלע עפנטלעכע ענינים האָט געהערט צום פּאַרלאַמענט. אַ פּאַרלאַמענט פון דער לאַנד-אַריסטאָקראַטיע, וואָס אירע מיטגלידער זענען אויסגעוויילט געוואָרן דורך קאָרופּציע. אין משך פון צווייהונדערט יאָר האָט זיך עס בהדרגה פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַרלאַמענט פון סוחרים און שיף-אייגנטימער, פון שטאָל, קוילן, דימענטן- און גאָלד-מאַגנאַטן, פון בירברויער און פון פאַרשפּרייטער פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

ענגלאַנד פון אַכצנטן יאָרהונדערט איז געווען באַרופן צו שאַפן דעם בירגערלעכן גייסט. די מאַשינען און די מוסטער-האַפטע פּראָדוקציע, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרענדערן דעם אויסזען פון דער וועלט, זענען נאָך אויף דער וועלט נישט געווען. ווען זיי זענען געשאַפן געוואָרן, איז פון דער „קרעמער-נאַציע" געלייגט געוואָרן פאַר זיי דער פּסיכאָלאָגישער און קולטורעלער פונדאַמענט: אַ וועלט פון געלט. אַלע אַנדערע מאַכטן זענען אַראָפּגעזעצט. אַלע אַנדערע מאָסן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טויטע שאָלן. ערע, גינציקייט און צניעות האָט פאַרקערפּערט בלויז דאָס געלט. די רעליגיע איז נאָר אַ פראַגע פון קירך-פּאַרמעגן. די פּאָליטיק איז

געוואָרן אַן עניין פון צוויי פּאַרטייען, צום קעמפן פאַר דער קאָריטע. צווישן די ביידע פּאַרטייען איז נאָר געווען איין חילוק, וואָס איינע איז געווען ביי דער רעגירונג און די צווייטע נישט. יענע, וואָס זענען געווען אין דרויסן, האָבן נישט געהאַט מער וואָס צו טון, ווי אויפצודעקן די שווינדלען, וואָס זענען געווען אינעווייניק, כדי אַ וי אַרום צו פאַרנעמען זייער אָרט.

אין דערדאָזיקער בירגערלעכער וועלט האָט דער קינסטלער געקענט זיין פשוט, נישט דערקענען די ווירקלעכקייט פון זיין צייט, גלייבן ערלעך אין יעדן שווינדל, אָדער ער האָט געקענט זיין אַ ציניקער אין זיין צייט און אויסלאַכן און נעמען אַלץ וואָס ער קאָן. טיילמאָל אָבער איז ער אויך אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט ליב צו זאָגן דעם אמת. און דאַן שטאַרבט ער פאַר הונגער ערגעץ אין אַ בוידעם-שטיבל אָדער ער ווערט משוגע, אָדער ער ווערט גאָר איינגעזעצט אין תּפיסה, אָדער מען טרייבט אים אינגאַנצן אַרויס פון לאַנד. דער ערשטער מענטש, וואָס האָט אין זיינע ווערק באַגריסט דאָס נייע יאָרהונדערט איז משוגע געוואָרן. דערדאָזיקער מייסטער פון דער ענגלישער פּראָזע איז אויסגעוואַקסן אַלס אַן „צָרימער בחור” ביי קרובים און האָט געגעסן דאָס ביטערע בעטל-ברויט ביי מענטשן. אין אַ געוויסן זין איז ער געווען אַ גייסטיקער דינער פון די רייכע און לסוף געקריגן אַ קליינע שטעלע אין אַ קירכע. קראַנק, שטאָלץ-פּריציש, געפרעסן פון זיין אייגענעם אונטערגעדריקטן ושעני איז דזשאָנאַטאַן סוויפט (1667 ביז 1745) געוואָרן דער מייסטער פון דער סאַטירע.

זיין ערשט גרויס ווערק איז געווען „די דערציילונג פון אַ פאַס”. אין דעמדאָזיקן בוך האָט ער אָפּגעלאַכט די מחלוקת פון די פאַרשידענע גלויבנס. נאָכדעם, ווי ער האָט אויף אַזאַ אופן אויפגערייצט די קירך, האָט ער זיך געוואָלט דערשלאָגן אויפן אַמט פון אַ דעקאַן, אָבער די דאָזיקע שטעלע האָט ער נישט באַקומען ווייל איינער פון די באַאַמטע, וואָס האָט געזאָלט פון איר אַוועקגיין, האָט זי אונטערקויפט מיט טויזנט פונט. סוויפטן האָט מען צוויסן געטון, אַז ער קען קריגן אַן אַנדער דעקאַן-שטעלע פאַר דערזעלביקער סומע, אָבער ער האָט נישט געהאַט אַזוי פיל געלט.

די מיטגלידער פון דער דעמאָלסדיקער רעגירונגס-פּאַרטיי זענען אָנגע-
רופן געוואָרן „טאָריעס" (קאָנסערוואַטיוון), די אַנדערע זענען געווען די
„ווהיגס" (ליבעראַלן). זיי האָבן געפירט צווישן זיך אַ פאַרביטערטן
קאַמף. ליטעראַרישע מייז, וואָס האָבן געוווינט אין די בוידעם-שטיבלעך
און אין די קעלערן, האָבן געשריבן בראָשורן מיט פיל פּערזענלעכע
אַטאַקן, שמוץ און זידלערייען, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַנאָ-
נים און פאַרשפּרייט געוואָרן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס האָט
געדראָט מיט תּפיסה. פונקט ווי דער קרוין-דיכטער דרידען, האָט אויך
אונזער אומגליקלעכער דעקאַן פאַרנומען זיך מיט דידאַקטישע געמיינע
ענינים. ער האָט געאַרבעט פאַר די ווהיגס, און ווען ער האָט דאָרט נישט
פּראָגרעסירט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די טאָריעס און איז געוואָרן
דעקאַן פון דער דובלינער קאַטעדרע. דאָרט האָט ער אָנגעשריבן זיין
„באַשיידענעם פאָרשלאָג", אַז מען זאָל די אומגעזעצלעכע קינדער אויפ-
עסן,—איינע פון די שווידערלעכסטע סאַטירן אין דער וועלט-ליטעראַטור.
„שוט אַ קוק!" רופט אויס דער מרה-שחורהדיקער דעקאַן, „מיר לאָזן
די גאַנצע באַפעלקערונג פאַרהונגערן ; דאָס באַדייט אַן אומגעהויערע
פאַרשווענדונג פון נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, אַ פאַרגוואַלדיקונג פון אַלע
עקאָנאָמישע פּרינציפּן. לאָזט אונז דידאַקטע אומגעזעצלעכע קינדער
אויספּיטערן און דערלאַנגען זיי אויפן טיש, כּל-זמן זיי זענען קיי-
לעכדיק און פעט. אַזוי־אַרום, וועלן זיך די קינדער פילן גליקלעך
אין זייער קורצער לעבנס-צייט, און מיר וועלן שוין מער נישט
דאַרפן אַריינפירן קיין דערנערונגס-מיטלען פון אויסלאַנד".

נאָך דעמדאָזיקן בוך האָט ער אָנגעשריבן „גאָליווערס
רייזעס", אַ וווּנדערבאַר ווערק, כּיי פאַר קינדער און סיי פאַר
דערוואַקסענע. דאָס ווערק איז דורך און דורך אַן אַלעגאָריע. מ'קען
אָבער דאָס בוך נעמען ווי אַ פּשוטע דערציילונג, אָן שום הינטער-
געדאַנקען און דערביי קומט אונז דער מחבר צו-הילף דערמיט,
וואָס ער שילדערט מיט פולער ערנסטקייט יעדן פּרט פון דער-
דאָזיקער זעלטענער פּאַסירונג. צוערשט פאָרן מיר דורך אַ לאַנד,
אין וועלכן די איינוווינער זענען זעקס צאָל הויך און מיר לאַכן פון
דער קליינלעכקייט און נישטיקייט פון די מענטשלעכע ענינים. באַלד
דערנאָך קומען מיר אָן אין אַ לאַנד, אין וועלכן די איינוווינער

זענען גאָר ריזן, און דאָ דערוויסן מיר זיך, ווי ברומאַל, רוי און נאַריש מיר זענען אינדערעמתן. אַזוי גייט עס ווייטער, ביז מיר קומען לסוף אָן אין אַ לאַנד פון שיינע און אײדעלע פערד, און אין דעם לאַנד קומט אויס די מענטשלעכע בריאה, ווי אַ ווילדע געמיינע מאַלפע. אַזוי אַרום דערוויסן מיר זיך דאָס ערגסטע וועגן אַ וועלט, וואָס האָט געמאַכט אַ זשעני פאַר אַ דעקאַן פון דער סאַן-פּעטריק קירך אין דובלין, הגם ער האָט געוואָלט זיין דער דעקאַן פון דער סאַן-פּאָול-קירך אין לאָנדאָן. און מיר זענען כמעט גרייט משוגע צו ווערן אין, ווי סוויפט דריקט זיך אויס, צו שטאַרבן, „ווי אַ פאַרגיפטעטע מויז אין איר לאָך".

## 36

## באַצאָלטע צניעות

ביז איצטער האָט זיך די פּראָזע ס'רוב פאַרנומען מיט די איבערלעבענישן פון די מאַנסלייט. צום ליבסטן זענען אָנגעלייגט געוועזן יענע דערציילונגען, וואָס האָבן געשילדערט די איבערלעבענישן פון די שלעפער און גנבים. איצטער אָבער אין דעם בורזשואַזן ענגלאַנד ווערט דער שריפטשטעלער חשוב און געאַכטעט און ער אַנטדעקט יענע טעמע, וואָס וועט זיך האַלטן אין משך פון די נאָענטסטע צווייהונדערט יאָר: דאָס פרויען-האַרץ און וואָס קומט פאָר דערין בעת דער ליידנשאַפט.

קוקט זיך צו צום אינדיק, ווי ער גייט אַרום שטאָלץ אַהין און צוריק אין דער צייט, ווען ער דאַרף זיך פּאָרן. ער שטעלט אויף די פעדערן, די קאַם ווערט אויפגעשוואָלן און ער קלאַפּט מיט די פליגל אין דער ערד, און אין אַ זייט שטייט די באַשיידענע צוריק-געהאַלטענע „זי", קוקט אים אָן מיט אומשולדיקע אָבער שאַרפע בליקן, מאַכט עטלעכע טריט פאָרויס, אָבער זי היט זיך אָפּ נישט

אויסקצוגיין צו וייט. וואָס קומט פאַר אין איר נשמה? וואָס פילט זי, בעת זי קוקט אויף דער בלוט-רויטער קאָם, אויף דער העלדישער פּאָזע, ווען זי הערט דאָס שטאַרקע, מעכטיקע האַלדערן? ליידער האָבן מיר נישט קיין צוטריט צו דער נשמה פון דער „זי", אָבער אַ דאַנק דעם כשוף פון דער דיכטונג קענען מיר אויספאָרשן די נשמה פון דער מענטשלעכער ווייבלעכקייט און זיך צוקוקן צו יעדן פּרט פון יענעם פּראָצעס, דורך וועלכן זי געווינט דעם מאַן. מיר באַטייליקן זיך אין די געפילן פון דער פרוי און מיר פאָרשן אויס אירע פאַרטלען.

אין דער בירגערלעכער וועלט ווערט די טריב צו פּאָרן זיך רעגולירט דורכן געלט. די געזעלשאַפט האָט זיך באַפעסטיקט, די אייגנטום-פאַרהעלטענישן זענען אויסרעגולירט און מען פירט אַן אַלטעגלעכן לעבן אָן גרויסע פאַרענדערונגען און געשעענישן ביז עס דערגרייכט צו אַ פאַסירונג, צו דער סעקסועלער באַציונג. דאָ איז פאַראַן די איינציקע גרויסע מעגלעכקייט צו דערגרייכן די העכסטע מדרגה. אַ שיין און רייצנדיק מיידל קען געפעלן אַ רייכן מאַן, אַ שיינער העלדישער בחור קען זיך צוזאַמענטרעפן מיט אַ רייכער יורשטע. דאָס איז די באַדייטונג פון דעם הימלישן שמייכל און פון דעם פיינעם בליק פון דער בורזשואַזער ראָמאַנטיק. אַמאָר האָט דורכגעשפּרייזט דאָס לאַנד, באַוואָפנט מיט גאָלדענע פיילן. פאַר די ליבע-לייבטנדיקע ווייבלעכע און מענלעכע אויגן שווימט און גריבלט עס מיט אַ פאַרמעגן פון דיאַמאַנטן, רובינען, שלעסער, נחלאות, הויכע שטעלעס, טיטלען און כבוד. אין הינטערגרונט אָבער זיצן די היטעריעס פון צניעות, אַלטע ווייבער, פאַר וועלכע עס עק-זיסטירט גאָרנישט מער ווי די גיריקייט צו געלט און האָבן גאָר-נישט מער וואָס צו טון, ווי צו לערנען חכמה דער יוגנט.

דאָס ערשטע אַלטע ווייב, וואָס האָט איבערגענומען דידאַקטיקע אויפגאַבע אין דער ענגלישער ליטעראַטור איז געווען סאַמועל רישאַרד-סאָן (1689 ביז 1761). ער אַליין וואָלט געקענט זיין דער העלד פון אַ בורזשואַזן ראָמאַן, אַ זעצער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון זיין אַרבעטס-געבער און איז געוואָרן הויף-פאַרלעגער. ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויפן ווערט פון געלט און ער האָט

געגלויבט דערין מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה. אין זיינע רייפערע יאָרן האָט ער אָנגעוויזן די מיידלעך אויף דער גרויסער באַ־דייטונג פון זייער בתולהשאַפט און זיי געלערנט ווי וויכטיק איז צו־שליסן אַ ליבע־קאָנטראַקט אויפן גאַנצן לעבן. ער האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „פּאַמעלאַ אָדער די באַצאָלטע צניעות". אין דעמדאָזיקן ווערק דערציילט ער אונז אַ געשיכטע פון אַ דינסטמיידל, וואָס האָט געדינט ביי אַ חשובן האַר און איז פאַרפאָלגט געוואָרן פון זיי־נע „אומזיטלעכע פאַרשלאַגן". דאָס יונגע מיידל שילדערט אין בריוו צו אירע עלטערן אַלע פּרטים פון דערדאָזיקער באַמיונג, איר גאַנצע שרעק, איר פּיין און בלאָנדזשעניש.

פּאַמעלאַ אַנדראָס איז די הכנעה אַליין.

נישט ווייניקער האָט זי אָנגענומען די וויכטיקייט פון דעם „קאָנטראַקט אויף אַ גאַנץ לעבן", באַזונדערס די פאָרמול פון דער ענגלישער חתונה: „און אַלע מיינע וועלטלעכע גיטער גיב איך איר אַוועק". זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז איר האַר איז אַ בעל־תאווה און אַן אויסוואורף, ער גיט איר דאַרויף אַלע באַווייזן. אָבער זי ־לייבט פעסט און צום סוף ווערט איר צניעות באַצאָלט מיט דער הייראַט פון דעמדאָזיקן בעל־תאווה און אויסוואורף. אויב עמעץ זעט אין דאַרין אַ זעלטענעם לוין פאַר צניעות, פאַרשטייט ער בכלל נישט די וועלט פון 18־טן יאָרהונדערט. די פּערזענלעכקייט פון אַ מאַן איז לגמרי אין הסכם מיט דעם קלאַס צו וועלכן ער געהערט. יענער העהר איז אַ דזשענטלמאַן, וואָס פאַרמאָגט הייזער און נחלאות, פּאַמעלאַס קינדער וועלן זיין חשובע הערן און דאַמען און וועלן אויך פאַרמאָגן הייזער און נחלאות. דער ראָמאַן איז געוואָרן די מענסאַצ־יע נישט נאָר אין ענגלאַנד, נאָר אין גאַנץ אייראָפּע. ער איז באַשטאַנען פון צוויי דיקע בענדער און אויך די פאָרזעצונג האָט געהאַט צוויי בענדער. פונדעסטוועגן האָבן זיי קיינעם נישט געלאַנגווייליקט. גרויסוועלטישע דאַמען זענען אויפגעזעסן גאַנצע נעכט, געקריגן געשוואָלענע אויגן פון וויינען צוליב פּאַמעלאַס ליידן און אויפגענומען גייסטיק אין דער וועלט פון די דאַמען. די שריפטשטעלער האָבן זיך אָבער דערוווסט, וויאַזוי מען קען מאַכן געלט און אַ נייער באַרוף איז אָנגעקומען, דער באַרוף פון די ליבע־באַשרייבער.

## 37

# דער ערנקאָדעקס פון דעם גוטן מענטשן

אין דערדאָזיקער בורזשואַזער וועלט קען מען דאָס געלט באַמערקן אין צוויי מאָמענטן. מען קען זיי אָנרופן דער מאָמענט פון דער ערשטער און דער דריטער גענעראַציע. די ערשטע גענעראַציע האָט דאָס געלט געמוזט פאַרדינען און דעריבער זיך פאַרשטאַנען אויף זיין ווערט. די דריטע האָט אויך נישט ווייניקער אָפגעשאַצט דאָס געלט אָבער בלויז אויף אַזוי פיל, וויפיל מ׳קען באַקומען דערפאַר. צווישן די דאָזיקעביידע גענעראַציעס האָט געהערשט מלחמה, וואָס איר אָפקלאַנג האָט זיך געהערט אין דער קונסט. די חוצפהדיקע יונגע קינסטלער האָבן געמאַכט פראָפאַגאַנדע פאַר דער פאַרטיי פון דער דריטער גענעראַציע, די שווערע אַלטע קינסטלער — פאַר דער פאַרטיי פון דער ערשטער.

אין דערדאָזיקער צייט האָט אין ענגלאַנד געלעבט אַ מענטש, וועמענס עלטערן זענען אַ לענגערע צייט געווען פאַרמעגלעכע מענטשן און ער האָט צוליב זיין געלט אָנגענומען אַ פריילעכע גוטמוטיקע שטעלונג צום לעבן. ער האָט געלייענט פאַמעלאָס געשיכטע און געוואָרן שרעקלעך בייז. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מיאוסע וועלט, וווּ מענער און פרויען האָבן זיך געגריבלט אין קאָנטע-אויסצוגן און אָנגערופן עס צניעות! וואָס זאָל דען טון דער רייבער בחור, אויב ער זאָל נישט אַ ביסל אַ שטיף-טון מיט אַ מיידל פון די נידעריקע קלאַסן נישט פאַרבינדנדיק זיך מיט איר אויפן

גאַנצן לעבן? אַזוי האָט העגרי פילדינג, דער דזשענטעלמאַן, אַדוואָקאַט און לעב-יונג, זיך באַמיט צו פאַרוואַנדלען „פאַמעלאַן" אין אַ פאַרס, ביי וועלכן מ'זאָל צעזעצט ווערן לאַכנדיק. ער האָט געשילדערט פאַמעלאַס אַ ברודער, אַ יונגן דינער און באַשריבן זיינע איבערלעבענישן אין דעם הויז פון אַ חשובער יונגער דאַמע, וואָס האָט אים געפרווט אַראָפצופירן פון דעם וועג פון צניעות. דזשאָזעף אַנדריוסעס קאַמף מיט דעם נסיון איז געווען ענלעך צו זיין שוועסטערס איבערלעבענישן. אָבער פון די יונגע מענער פאָדערט מען נישט קיין שום צניעות און אַזוי אַרום האָט זיך די טראַגעדיע פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמעדיע.

דערדאָזיקער ראָמאַן דינט תמיד פאַר אַ ביישפיל, ווי אַזוי אַ געניאַלער שריפטשטעלער הויבט אָן אַלס פראָפאַגאַנדיסט, לעבט זיך איין פולשטענדיק אין זיין אַרבעט און שאַפט אַזאַ אמתדיק קונסטווערק. איך פערזענלעך וואָלט דידאָזיקע אַנשווינג אַזוי וואַריאַירט: פילדינג איז איבערגעגאַנגען פון דער נעגאַטיווער צו דער פאָזיטיווער פראָפאַגאַנדע. דזשאָזעף אַנדריוס פאַרלאָזט זיין באַלעבאָסטע די בעלעברהטע און האָט חתונה מיט אַ מיידל, וואָס ער האָט באמת ליב. די דערציילונג פאַרוואַנדלט זיך ווידער פון אַ סאַטירע אויף ריטשאַרדסאָנס פסיידאָ-טוגנט אין אַן אָפהאַנדלונג וועגן דעם, וואָס פילדינג האַלט פאַר אמתע צניעות. דזשאָזעף און זיין מיידל פאַלן אַריין אין עלנט און זייער גייסטיקער פאָטער פילדינג נוצט אויס דידאָזיקע געלעגנהייט צו פאַרטיידיקן די זאַך פון אַלע אָרימע און הילפסלאָזע אין ענגלאַנד, וועלכע ווערן באַוואָלהט דורך דער אומגערעכטיקייט פון געריכט. פילדינג האָט זיך פאַרשטאַנען אויף דערדאָזיקער טעמע, ווייל ער אַליין איז טעטיק געווען ביים געריכט. אַלס גוטהערציקער מענטש האָט ער געשאַפן אַ מוסטער-ביישפיל פון ענגלישע ריכטער, וואָס מען רופט אַלוואָרטי — וואָס דאָס באַדייט זייער חשוב — כדי צו באַווייזן ווי אַזוי די געזעצן דאַרפן אויסגענוצט ווערן.

פילדינג האָט אויך געמאַכט אַ פרווו אויפן געביט פון דער דראַמאַטורגיע. ער האָט זיך דערלויבט צו מאַכן סאַטירישע פיעסן אויף „פערזאָנען מיט טיטלען". ער איז אַריין אין אַ קאָנפליקט מיטן

לאָרד קאַנצלער און מהאָט אים פאַרווערט אויפצופירן זיינס אַ פּיעסע.
דעדדאָזקיער פאַל האָט אים אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט זיך
שוין בעסער אָפּגעזאָגט פון צו-שרייבן פּיעסעס, איידער זיך אויסצולעבן
אין זיי. דעמאָלט זענען נאָך נישט געווען אַזעלכע טעלערלעקער,
וואָס זאָלן שרייבן צענזורירטע ראָמאַנען פאַר דער רעגירונג. און
דערפאַר איז אָט די נייע קונסט-פאָרם באַשטימט געוואָרן צו ווערן
אַ מיטל פון סאָציאַלע קריטיק.

באַלד נאָכדעם האָט דער עלעגאַנטער ראָמאַניסט אָנגעשריבן
אַ מערדער'שע סאַטירע. ער האָט זיך צוגעקוקט אין אייראָפּע, ווי
פרידריך, קעניג פון פּרייסן, וואָס ווערט אָנגערופן דער גרויסער,
האָט זיך געוואָרפן אויף שלעזיען און עס באַרויבט. ער האָט אויך
געזען ווי אַנדערע קעניגלעכע און קייזערלעכע באַנדיטן פאַרוויסטן
אייראָפּע דורך מלחמות. ער האָט אויסגעקליבן דערפאַר אַ באַרימטן
פאַרברעכער, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק אויפגעהאָנגען
געוואָרן אין לאָנדאָן און געמאַכט אים פאַרן העלד פון זיין ראָמאַן,
וועלכער האָט באַדאַרפט זיין אַן אויספירלעכע פּאַראָדיע אויף דעם
רומרייכן לעבן פון אַ קעניג. „זשאָנעטן ווייַלד דער גרויסער” איז,
ווי אַלע ווערק פול מיט רעוואָלוציאָנערער טענדענץ, נישט אָפּגע-
שאַצט געוואָרן ווי געהעריק דורך דער קריטיק. ס'זענען פאַראַן
סצענעס, וואָס קענען זיך פאַרגלייכן מיט דעם שוידערלעכן סוף פון
דעמדאָזיקן בוך, מיט יענער סאַטירע אויף די „טרייסטן פון דער
רעליגיע” ביים טויט פון דעמדאָזיקן האַרץ-פאַרברעכער.

נאָך „זשאָנעטן ווייַלד דער גרויסער איז נאָכגעקומען „טאָם
דזשיינס”, איינער פון די באַדייטנדיקסטע ענגלישע ראָמאַנען. פילדינג
אַליין האָט דערקלערט, אַז ער האָט געוואָלט אין דעמדאָזיקן בוך
אײַנשטעלן זיך „פאַר דעם גוטן אומשולדיקן”. ער האָט זיך באַמיט
צו שילדערן זיין העלד, ווי ער איז געווען באמת. ער וויל נישט מאַכן
פון אַ הייליקן תהילים-זינגענדיקן גלח אַ קירכן-פענסטער, נאָר
איינעם פון די גרונט-אָרנטלעכע גוטע מענטשן, לויט זיין וועלט-באַנעם.
וואָס אָבער דאַרף טון אַזאַ שטייגער מונטערער יונגערמאַן, און
וואָס זאָל ער צעשטערן? צו מעג ער שיכורן? פאַרשטייט זיך, צי
מעג ער אַרויסוואַרפן געלט? דידאָזיקע פראַגע האָט פילדינג גּ קענט

פאַרענטפערן פון זיין אייגענער דערפאַרונג. ער האָט דאָך חתונה געהאַט מיט אַ רייכער פרוי און איר גאַנץ פאַרמעגן דורכגעלאָזט. צי מעג ער נעמען געלט ביי זיינע פריינט? יאָ, ער דאַרף עס אפילו פאָדערן. צי מעג ער נעמען געלט ביי זיינע געליבטע? דאָ זעט איר פלוצלונג, ווי דער דזשענטעלמאַן דער שריפטשטעלער טוט זיך צאָרנדיק אַ שטעל אויף: ניין, ער טאָר נישט! דאָ האַנדלט זיך אינם חתונה-געזעץ, וואָס דער ענגלישער דזשענטעלמאַן טאָר נישט עובר זיין. צי מעג ער זיך אַרומשלעפּן מיט אַ מיידל פון די נידעריקע קלאַסן? ער — זאָגט פילדינג — מעג עס, און מיר וועלן עס נישט אָפּלייקענען — ער טוט עס טאַקע. דער שריפטשטעלער טעקעריי, וואָס איז אָפטמאָל באַגייסטערט געוואָרן פון „טאָם דזשאָנס" האָט זיך באַקלאָגט אויפן פאַקט, אַז פון דעמאָלסט אָן האָט נאָך קיינער נישט געהאַט דעם מוט צו שרייבן ווידער אַזעלכע זאַכן. היינט דערוועגן זיך די שריפטשטעלער אויפסניי — טייל שלעכט, טייל גוט. די צוריקגעהאַלטנקייט גילט שוין נישט מער פאַר ליטעראַרישער צניעות.

מיר וועלן נאָך באַמערקן, אַז פילדינג איז געשטאָרבן אין עלטער פון דרייאונפערציק יאָר אויף געלזוכט, אַסטמאַ און וואַסערזוכט.

## 38

## דער געניאַלער שטייער-באַאַמטער

און איצט וועלן מיר זיך באַקענען מיט אַ שאָטלענדישן פויערן-דיכטער, וואָס האָט אַ תל געמאַכט פון זיין געזונט און אָפּגעשטאָרבן צו זיבנאונדרייסיק יאָר. מענטשן פון אַזאַ מין זענען פאַר זייערע פריינט אַן אָנגעווייטיקטער פּראָבלעם, אָבער אויך פאַר זייערע קריטיקער, מחמת עס זעט אויס נישט קאָרעקט צו באַנוצן זיך אין דער קונסט מיט דעם מאָראַלישן מאָסשטאַב. ראָבערט

בּאָרנס (1759—1796) האָט דאָך אַליין געלייזט דעמדאָזיקן פּראָבלעם. ער האָט גאַנץ אָפן גערעדט וועגן דער אייגענער נאַרישקייט און דער זעלבסט־פאַראַכטונג, וואָס איר טעם איז ביטערער ווי בלוט. ער איז געווען איינער פון זיבן קינדער אין אַ פּויערישער פאַמיליע. אין איינעם אַ שטורמישן יאַנואַר־טאָג איז ער געקומען אויף דער וועלט אין אַ ליימען־שטיבל, וואָס דער דאַך איז מיט עטלעכע טעג שפּעטער אַראָפּגעריסן געוואָרן דורכן שטורם. זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט בּיים אַקער. ער שרייבט, אַז זיין לעבן איז ביז צום זעכצנטן יאָר געווען „דאָס לעבן פון אַ שקלאַף". די עטלעכע ביכער, וועלכע זיי האָבן אויסגעבאָרגט, האָבן די קינדער געלייענט בעתן מיטאָג אָדער אין די פרייע רגעס אויפן פעלד. די דעמאָלסדיקע קולטור־גיטער זענען נישט באַשטימט געווען פאַר קיין פּויערים. שקלאַפן. אויב דידאָזיקע האָבן זיך פאָרט געוואָלט פאַרנעמען דערמיט, האָבן זיי באַצאָלט דערפאַר מיטן פּרייז פון זייער קערפּערלעכן און גייסטיקן געזונט. ראָבּערט בּאַרנס האָט געליטן פון מרה־שחורה צוליב זיינע גרויסע פאַרלאַנגען, פון ווילדע אומבאַצוימטע שטימונגען. ער אַליין האָט געזאָגט, אַז זיינע ליידן „רוישן ווי דעמאָנען". ער איז געווען אַן עגאָיסטישער בחור, אים האָט געעקלט דער שווינדל פון דער קאָנווענציאָנעלער רעליגיע. ער האָט אַליין פאַר זיך געמוזט שאַפן זיין וועלט־אַנשויונג; אונזער שאָדן איז דאָס, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן צו שפּעט זיך אָפּצוראַטעווען. דערדאָזיקער פּויער, וואָס האָט זיך געפּייניקט אויפן שטייניקן באָדן, האָט אין זיך אַנטדעקט דעם טאַלאַנט פון אַ וווּנדערבאַרער מעלאָדישער שפּראַך. ער האָט אויסגעגאָסן זיינע געפילן אין פערזן אין שאָטישן דיאַלעקט, וואָס האָט דעמאָלט געגאָלטן אַלס באַרבאַריש און אומווירדיק אין דער ליטעראַטור. בּאָרנס האָט געדיכטעט דעם גאַנצן טאָג, בעת ער איז נאָכגעגאַנגען נאָכן אַקער, פאַרנאַכט אויפן וועג אַ היים און ביינאַכט אין זיין בוידעם־שטיבל. ווען זיינע ערשטע לידער זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן, איז ער שוין אַלט געווען זיבנאונצוואַנציק יאָר. די פאַמיליע איז גראָד אין דער צייט געווען פולשטענדיק רואינירט און דער דיכטער איז פאַרפאָלגט געווארן פון דער מאַכט, וואָס איז געהעצט געוואָרן דורך דעם פאָטער פון דעם מיידל

װעלכער ער האָט ליב געהאַט. די צװאַנציק פּונט, װאָס ער האָט געקריגן פאַר זײַן ערשטן באַנד לידער האָבן אים אָפּגעראַטעװעט — װי ער האָט דערקלערט — דאָס לעבן. ער איז באַרימט געװאָרן איבער גאַנץ שאָטלאַנד און פאַרבראַכט איין יאָר אין עדענבורג, װו די גרױסע װעלט האָט אים אָפּגעגעבן כּבוד. אָבער ס׳איז אים נישט געלונגען צו דערהאַלטן זײַן רום, װײַל ער האָט נישט געװאָלט איבערדרײסן די פרײַנדשאַפט מיט זײַנע אָרימע פרײַנט און נישט געװאָלט אױפהערן צו שיכּורן אין די שענקען. פאַרביטערטער װי ביז איצט, קערט ער זיך אום צוריק צום אַקער. אין יענער צײַט האָט געהערשט אַ מנהג, אַז מ׳פלעגט די דיכטער באַשטימען פּענסיעס. אָבער אין שאָטלאַנד האָבן געהערשט די „טאָריעס״ און „באָב באָרנס״ איז געװען אַ װהיג. ער איז דאַן געװאָרן אַפילו אַ רעפּובליקאַנער, װאָס איז אין יענער צײַט געװען דאָסזעלביקע װאָס הײַנט אַ באָלשעװיק. זײַנע פרײַנד האָבן אים נאָר געקענט שאַפן אַ פּאָסטן אַלס אַ שטײַער-באַאַמטער מיט אַ פּענסיע פון זעכציק פּונט אַ יאָר.

אָבער אַפילו דאָ האָט ער אױך געהאַט שװעריקײטן. די פראַנצױזישע רעװאָלוציע האָט זיך פאַרשפּרײט איבער אײראָפּע, האָט איבערגעשראָקן די הערשנדיקע קלאַסן פון ענגלאַנד און אַרױסגערופן אַ רעאַקציע פּונקט װי מיר האָבן געהאַט אין אַמעריקע אין יאָר 1919. בעת זײַן טעטיקײט אַלס שטײַער-באַאַמטער האָט באָרנס קאָנפיסקירט אַ שמוקלער-שיף מיט פיר האַרמאַטן. ער קױפט אָפּ אױף אַ ליציטאַציע די האַרמאַטן און שיקט זײ איבער דער פראַנצױזישער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג, אַלס צײכן פון סימפּאַטיע. שטעלט זיך פאָר אַן אַמעריקאַנישן צאָל-באַאַמטן, װאָס זאָל איבערשיקן דער סאָװיעטן-רעגירונג פיר מאַשין-געװערן, אַלס צײכן פון סימפּאַטיע! מ׳קען זיך משער זײַן, װי שװער עס איז דעם דיכטער אָנגעקומען זיך צו דערהאַלטן אױף זײַן אַמט.

מיר װעלן נאָך זען דיכטער, װאָס האָבן געהאַלטן פאַר העסלעך די אָרדענונג פון לודװיק דעם 16-טן און זיך געשטעלט אױף דער זײַט פון דער רעאַקציע. באָרנס אָבער האָט עקשנותדיק געהאַלטן מיט די געטרעטענע אױף דער ערד און ער האָט

אוועקגעשאָנקען זיין שטימע פאַר זיינע געפילן. ער איז געווען נישט נאָר שאָטלאַנדס נאַציאָנאַלער דיכטער, נאָר ער איז געווען אויך די שטימע פון די אָרימע פויערים און פאַראָבקעס פון אַלע ענגליש-רעדנדיקע לענדער, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער שאָטישער דיאַלעקט האָט אים פאַרשאַפט אַ סך שוועריקייטן. ווען ר׳האָט געשריבן: „דער טיטל ווערט באַשטימט דורכן געלט", האָט ער גערעדט פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג פון ענגלאַנד און פאַר דער אַמעריקאַנישער דעמאָקראַטיע. ס׳איז פשוט צו שטוינען, ווען מ׳דערוויסט זיך ווי שטאַרק ער איז געליטן געוואָרן פון די אָרימע, אפשר מער, ווי יעדער אַנדער דיכטער.

דאָס פאָלק האָט געקענט דידאָזיקע שטימע, דאָסדאָזיקע הארץ, זיין ליבע און האַס, זיין נביאות און זיינע ליידן. קיין שום דיכטער, וואָס האָט געשטאַמט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס האָט זיך אַליין געבילדעט און אַרויפגעאַרבעט, האָט נישט געקאָנט אַזוי פולקאָם איבערגעבן די געפילן דער מאַסע. באָרנס האָט נישט נאָר געהאַט אַ זייער שיינע שפּראַך און אמתע ליידנשאַפט, נאָר אויך אַ שטאַרקן דערקענענדיקן גייסט. ער האָט נישט נאָר מיטגעפילט מיט די אָרימע, נאָר אויך געטראַכט פאַר זיי. ער האָט זיך לגמרי נישט געשראָקן צו פּריידיקן זיין קונסט און צו באַנוצן זיך מיט אָנפאַלן, צו באַהאַנדלען מאָראַלישע פּראָבלעמען, אָנצוגרייפן סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן און אָפּצוחוזקן פון די קירבלעבע דאָגמעס.

דערדאָזיקער מענטש פלעגט בסדר שכורן און ביסלעכוויין אַ תל געמאַכט פון זיין לעבן — נו, צי געהערט דאָס אויך נישט צו דער טראַגעדיע פון דעם אַרבעטער? ער באַצאָלט דעם פּרייז, וואָס עס האָט געמוזט צאָלן אַ פּראָלעטאַריער. דאָס לעבן האָט אים נישט געקאַרגט קיין צרות, קיין אומגליק און ער אַליין האָט זיך אויפגעגעסן פון חרטה. ער האָט פאַרפאַסט זיין אייגענע מצבה-אויפשריפט, אין וועלכער ער רופט זיך אָן אַן אָרימער נידעריקער בירגער אויף דער ערד, וועלכן די אומבאַרעכנטע נאַרישקייטן האָבן אַריינגעצויגן אין שמוץ און פאַראומווירדיקט. און ווייל ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום זאַך וואָס זאָל האָבן מער ווערט ווי די אויפריכטיקייט, האָט

אים זיין פאָלק געמאַכט הויך און זיין נאָמען געקרוינט מיט דער אומשטערבלעכקייט.

## 39

## דער געהירן־באַזיצער

— פאַרוואָס רופסטו אָן דאָסדאָזיקע בוך אַ ווערק וועגן קונסט ?

— האָט געפרעגט פרוי אָגי — דו רעדסט דאָך כמעט אויסשליסלעך בלויז וועגן ליטעראַטור.

— אַלע קונסטן זענען איינס — האָט געענטפערט דער מאַן;

— זיי זענען דער אויסדרוק פון מענטשלעכן גייסט ; מיט וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל זיי באַנוצן זיך איז כמעט אַלצאיינס. דאָס קען מען איינזען, ווען מיר קוקן זיך צו צו אַזאַ קינסטלער ווי מיקל אַנדזשעלאָ, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט מאַרמאָר־בלאָקן, פאַרב־מאַטעריאַלן און ווערטער און דורך יעדן פון די דאָזיקע מעדיומס אויסגעדריקט דיזעלביקע פערזענלעכקייט. טייל באַנוצן זיך מיט דער דראַמע, מיט דער ליריק, ווי שעקספיר, למשל, אַנדערע מיט מוזיק...

— מיר ווילן טאַקע הערן, ווי ווייט דיינע אַלע געדאַנקען האָבן אַ שייכות מיט דער מוזיק — זאָגט פרוי אָגי.

ביז צום סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט איז די מוזיק געווען אַ מין פון רעליגיעזער פראָפּאַגאַנדע אָדער אַ שפּילצייג און אַ לוקסוס פון ליידיקגייער. ווייל די מוזיקער האָבן געמוזט פאַרווילן זייערע האַרן און באַפעלער, בעת זיי האָבן געטאַנצט, געפייערט יום־טובים און געהוליעט. אַלס קינסטלער, אַלס ליבהאָבער פון שיינקייט האָט דער קינסטלער געקענט שאַפן בלויז אויף זיין אייגענעם חשבון און סכנות. נעמען מיר, למשל, מאָצאַרטן: ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָר איז ער געווען אַ וווּנדערקינד, וואָס מ׳האָט אַרומגעפירט איבער גאַנץ אייראָפּע כדי צו ווייזן אים די מלכים. אָבער דאָס גאַנצ

לעבן האָט ער געהונגערט און צו פינפאונדרייסיק יאָר איז ער געשטאָרבן אויף שווינדזוכט. די פאַרזאַמלונג פון זיבנהונדערט נײַנאונזעכציק קאָמפּאָזיטאָרן איז נישט געווען גענוג צו דערנערן זײַן קלײנע פאַמיליע.

נו, איז אָבער געקומען אַ גאון, וואָס האָט אַנטדעקט, אַז מען קען שאַפן פון דער מוזיק אַ קונסט פון מאַכט, וואָס זאָל זײַן דער אויסדרוק פון די טיפסטע איבערלעבענישן פון די מענטשלעכע געפילן. בעטהאָווען איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1770. זײַן מוטער איז געווען אַ קעכין, זײַן פאָטער איז געווען אַן אָפּגעקומענער מוזיקער, וואָס האָט תמיד געשיכורט. דאָס קינד איז געווען דער שקלאַף פון דעמדאָזיקן שיכור; צו פיר יאָר האָט מען אים אונטער אַ האָגל פון קלעפּ אײַנגעזעצט בײַם קלאַוויר און צו זיבן יאָר האָט ער שוין געשפּילט אין טעאַטער-אָרקעסטער. שטענדיק, ווען איך זיץ אין קינאָ און הער מיך צו צו דער מוזיק, שטעל איך מיר די פראַגע, צי זיצט נישט אַמאָל צווישן דידאָזיקע דינער פון שטות אַ ייִנגל, וואָס וועט אויפהייבן די מוזיקאַלישע קונסט אויף אַ נײַער הייך און וועט דערפאַר שטאַרבן אין עלנט.

בעטהאָווען איז אַוועק אין ווין און דאָרט פאַרדינט אויפן צום לעבן דורך דעם, וואָס ער האָט פאַרווײַלט די דילעטאַנטישע אַריסטאָקראַטיע פון דערדאָזיקער תענוג-דורשטיקער שטאָט. ער איז געווען עקסצענטריש, פאַרפאָלגט פון ווײַזיעס, אָבער גליקלעך בעת ער האָט געקענט קאָמפּאָנירן, אָדער ווען ער איז געווען אויף דער נאַטור. זײַן גורל איז געווען אָפּצוגעבן לעקציעס די קינדער פון די רײַכע לײַט און צו שפּילן פאַר די דערוואַקסענע קינדער אין די סאַלאָנען. דידאָזיקע לײַט זענען געווינט געווען בעתן שפּילן צו פירן אַן אומאויפהערלעכע פּלוידערײַ, בעטהאָווען אָבער האָט געהאַלטן זײַן שפּיל פאַר אַ וויכטיקע זאַך און אַז אָט די לײַט האָבן אײנמאָל ווידער בעת זײַן שפּילן גענומען רעדן אויפן קול, האָט ער פּלוצלונג אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אויפן קלאַוויר און אַ געשריי געטון: „פאַר אַזעלכע חזירים שפּיל איך נישט מער!”

עס איז אים געשען אַ מוראדיק אומגליק, דאָס ערגסטע, וואָס אַ מוזיקער קען זיך נאָר פאָרשטעלן: ער איז טויב געוואָרן. ווען

ער איז קוים אַלט געוואָרן דרייסיק יאָר האָט ער מער נישט געהערט קיין איינציקע נאָטע. דאָס האָט אויסגעוויזן, אַז עס וועט חרוב מאַכן זיין לעבן. זיינע שונאים האָבן אָפּגעחוזקט פון אים. זיי האָבן געטענהט, אַז ער קאָמפּאָנירט אַזעלכע שרעקלעכע שלעכטע ווערק, ווייל ער האָט אינגאַנצן קיין אַנונג נישט, ווי זיי קלינגען. בעטהאָווען איז געווען קורצזיכטיק, אַן איבערבלייבעניש פון די פּאָקן, וואָס ער האָט געהאַט אַלס קינד. זיין געזונט איז כמעט תמיד געווען שלעכט. ער הערט נישט אויף צו טראַכטן וועגן זעלבסטמאָרד — „בלויז מיין קונסט האַלט מיך אָפּ דערפון" — האָט ער געשריבן.

בעטהאָווען איז געווען אַ פּוריטאַנער, פּונקט ווי מילטאָן, כאָטש ער האָט זיך נישט גערופן אַזוי. פאַר אים איז געשטאַנען דער אידעאַל פון אַ ליבע און ער האָט זיך נישט פאַרשווענדעט אין גאַלאַנטע פּאַסירונגען. אַ דאַנק זיין באַרוף איז ער געווען באַפריינדעט מיט אַ סך דאַמען פון דער גרויסער וועלט; זיי זענען געווען באַהערשט פון זיין זשעני, פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך גוט מישב געווען און זיך אָפּגעהיט נישט צו פאַרבינדן מיט אַזאַ מענטשן, וואָס שטייט נידעריקער פאַר זיי אין דער געזעלשאַפט און איז דערצו נאָך טויב און בלינד. איינע, אַ שיינע יונגע דאַמע האָט צעבראָכן דאָס האַרץ פון דעם יינגן קינסטלער און דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַ גראַף. בעטהאָווען האָט זיך וואָסאַמאָל מער צוריקגעצויגן, געוואָרן עקסצענטרישער און אויפגערייצטער; זיינע קאָמפּאָזיציעס ווערן וואָסאַמאָל מער ליידנשאַפטלעכער און אומהיימלעכער. ווען קאַרל מאַריאַ פאָן וועבער דער קאָמפּאָניסט האָט אויסגעהערט די דריטע סימפאָניע, האָט ער געזאָגט: „אַצינד איז בעטהאָווען שוין אינגאַנצן משוגע געוואָרן".

דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך בעטהאָווען געהאַלטן אין איינראַנגלען מיט דער אָרימקייט און זיינע חובות. אַוודאַי זענען געווען אין ווין רייכע אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן אָפּגעשאַצט זיין גאונות און אים געוואָלט אונטערשטיצן. זיי זאָגן אים צו אַ שטענדיקע הכנה, פאַרגעסן אָבער באַלד וועגן דעם און לאָזן אים ווידער פירן זיין קאַמף. אַוודאי איז ער פאַר זיינע בעלי-טובות נישט געווען קיין אָנגענעמער שיצלינג. איינמאָל איז ער געווען אַ שטיקל

צייט ביי אַן אַריסטאָקראַט, וואָס האָט אים זייער געשעצט, און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אים געזען אַראָפּגענומען דעם הוט. בעטהאָווען, וואָס האָט נישט ליב געהאַט קיין צערעמאָניעס האָט געכאַפּט און אַנטלאָפן פון זיין הויז.

בעטהאָווען האָט זייער אָפט געלייענט פּלוטאַרכן און געגלויבט אין ז'ער גוטסקייט פון דער אַלטער רוימישער רעפּובליק. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון אַלגעמיינעם וואַל-רעכט און פון פרייהייט און נישט קיין מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן זיינע איבערצייגונגען אָפן פאַר אַלעמען. נאַפּאָלעאָנען האָט ער באַגריסט אַלס דעם באַשיצער פון דער פרייהייט און געווידמעט אים זיין „העראָיקאַ". שפּעטער, ווען נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעטון די קרוין, האָט בעטהאָווען איבערגעמאַכט די ווידמונג און אָנגעשריבן: „דעם אָנדענקען פון אַ גרויסן מענטשן". אַן אַנדערע סימפאָניע האָט ער געווידמעט דעם פראַנצויזישן גענעראַל, וואָס האָט געשטורמט די באַסטיליע. מ'קען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי דידאַזיקע שאַפונגען זענען אויפגענומען געוואָרן אין דעם רעאַקציאָנערן ווין. נאָך נאַפּאָלעאָנס מלחמה, האָבן די אייראָפּעישע מאָנאַרכן געגרינדעט „די הייליקע אַליאַנס" און געוואָלט פאַרפעסטיקן אויף אייביק דעם קאַטאָליציזם אין אייראָפּע. ווין איז געוואָרן דער מיטלפונקט פון דער רעאַקציע. שווערע תפיסה און ענויים אין געווען גרייט פאַר יעדערן, וואָס האָט זיך דערוועגט אויפצוהייבן זיין שטימע פאַר דעם מענטשלעכן יושר. בעטהאָווען איז געווען אַלט, טויב און אָרעם, אָבער פונדעסטוועגן האַלט ער זיך פעסט ביי זיינע איבערצייגונגען. „דאָס וואָרט איז געשמידט אין קייטן — האָט ער דערקלערט — די טעגער זענען אָבער אייביק פריי". ער גיסט אויס יענע געפילן אין דער וווּנדערלעכער ניינטער סימפאָניע, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ באַגייסטערונג, אַז די פּאָליציי האָט זיך געמוזט אַריינמישן.

איר זעט אַלזאָ, אַז מיר האָבן דאָ נישט צו טון מיט אַ טאָנקינסטלער, וואָס שאַפט שיינע מעלאָדיעס צום פאַרגעניגן פון די רייכע לייט, נאָר מיט אַ רייכן גייסט, וואָס האָט זייער אַ סך נאָכגעטראַכט און געלייענט, וואָס האָט זיך פאַרשטאַנען נישט נאָר אויף טענץ און ליבע, נאָר אויך פאַר דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט.

אין יענער צײַט פון אונטערגעוואָרפנקייט און חניפה צו די פּריצים האָט ער געהאַלטן הויך דעם קאָפּ און זיך באַנומען ווי אַ דעמאָקראַט. ווען זיין ברודער, וואָס איז שטאָלץ געווען מיט זיין אויפגעקומענער עשירות, וויזט אים אַ וויזיט-קאַרטע מיט דער אויפשריפט: „יאָהאַן פאָן בעטהאָווען גוטבאַזיצער“ — שרייבט אים דער קאָמפּאָזיטאָר אונטער „לודוויק פאָן געהירן-באַזיצער“.

עס איז אויך פאַראַן אַ שילדערונג פון בעטהאָווענס באַגעגעניש מיט געטהען. געטהע איז באַרימט געוואָרן צופּאַסנדיק זיך צו אַלע הויפּישע מנהגים. ער איז שוין אַלט געווען דרייאונזעכציק יאָר, ער האָט זיך געהאַלטן שטייף און צוריקגעהאַלטן פאַר דעם המון, אָבער פאַר דער אַריסטאָקראַטיע האָט ער שטאַרק געבויגן זיין רוקן. בעטהאָווען איז אַלט געווען צווייאונפערציק יאָר, ער איז געווען גרייט זיך צו האַלטן מיט יראת-הכבוד פאַרן גרויסן דיכטער, אָבער נישט בויגן זיך אונטער יענעמס ראַנג און אַראָגאַנץ. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין אַ פּאַרק, וווּ ס'איז געווען אַ גרויסער שפּאַצירנדיקער עולם. מיטאַמאָל הערט זיך אַן אויסגעשריי: דער הערצאָג און די קייזערין קומען אָן! דער עולם מאַכט אַ וואַרע און שטעלט זיך אַוועק פון ביידע זייטן מיט די היטן אין דער האַנט. געטהע שטעלט זיך אויך אַוועק. בעטהאָווען ווערט אין כעס, רעדט ביז צום דיכטער און רוקט פעסט אַראָפּ דעם הוט אויפן קאָפּ, און רייצט זיך אַזויאַרום מיט דער קייזערין און דעם הערצאָג, וואָס זענען, אגב, געווען אין יענער צייט די איינציקע, וואָס האָבן דעם גרויסן מאַן אַרויסגעוויזן כבוד. געטהע האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דיזאָזיקע סצענע, ער האָט קיינמאָל נישט געהערט גערן בעטהאָווענס מוזיק. ער האָט געזאָגט, אַז זי באַומרויקט.

יענע דילעטאַנטן, וואָס גלייבן אין אַ ריינע קונסט, ווילן אונז איינשמועסן, אַז קונסט האָט נישט קיין שום שייכות מיט דער עטיק. דער פאָטער פון דער מאָדערנער טאָן-קונסט, דער גרויסער גאון אויף דעמדאָזיקן געביט, האָט דערויף געגעבן זיין ענטפער: „איך זע איין ביי דעם מענטשן איין איינציקע מעלה: די גוטסקייט“. מיט דעמדאָזיקן פּרינציפּ האָט ער געלעבט, לויט דעמדאָזיקן

פרינציפּ האָט ער געשאַפן. זיין קונסט איז פּאָלקאָמעטיש, און ווען מיר וואָלטן פון זיין לעבן געקענט אַפילו נישט מער ווי די נאָמען פון זיינע סאָנאַטן און סימפּאָניעס, וואָלטן מיר געקענט האָבן דאָסזעלביקע בילד, וואָס עס גיט אונז די געשיכטע פון זיין לעבן: דער טיטאַנישער קאַמף פון דעם מענטשלעכן ווילן אַנטקעגן דעם געוואַלט פון דעם שיקזאַל, די בלינדע גרויזאַמקייט פון דער נאַטור און די באַוווּסטע גרויזאַמקייט פון אַ קלאַס. מיר קענען אפשר נישט זאָגן, אַז מיר פאַרשטייען די אימהדיקע האַמער-קלעפּ פון דער פיפטער סימפאָניע, געשאַפן פון אַ מאַן וואָס האָט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט פון דער שאַפונג און איז טויב געוואָרן. איינס אָבער ווייסן מיר, אַז דאָ איז פאַראַן יסורים, מפּלה, פאַרצווייפלונג, פאַרטיליקטע שיינקייט, חרוב געוואָרענע לעבנס. דאָ איז אָבער אויך פאַראַן אַ מענטש, וואָס האָלט אויסגעשטרעקט די פויסט, פאַרקריצט די ציין און וואָס זאָגט אַז מיט אַ שרעקלעכער אַנט-שלאָסנקייט, אַז זיין גייסט האָט דערגרייכט די אויבערמאַכט און איז פעיק אַרויסצובאַקומען פרייד אַפילו פון זיינע יסורים. איינ-מאָל האָט זיינער אַ פריינד אין זיין געגנוואַרט ג׳גערופן גאָטס נאָמען. דער קאָמפּאָניסט האָט אים געענטפערט מיט דעם מאָטאָ פון זיין אייגענעם לעבן: „אָ מענטש, העלף זיך אַליין!“

## 40

## פּאָליטיק איז שיקזאַל

און אָט זענען מיר צוגעקומען צו איינעם פון די גרויסע גייסטער פון די מאָדערנע צייטן, צו אַ גאון וואָס האָט באַקאַנט געמאַכט די דייטשע קולטור מיט דער גאַנצער וועלט. אָט דער דיכטער ווערט אַזוי ווי שעקספּיר פאַררעכנט פאַר דעם אַקאַדעמישן ביישפּיל פון ריינער, פון יעדער פּראָפּאַגאַנדע באַפרייטער קונסט

דערפאַר איז, גלויב איך, כדאַי צו שטודירן און אויסצופאָרשן זיין שטייגער לעבן, אויף וועלכן אופן ער האָט געגעבן אַן אויסדרוק די אַריסטאָקראַטישע אידעאַלן פון זיין צייט.

יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1749 אין פראַנקפורט ביים מאַין, אַלס זון פון אַ רייכן אַדוואָקאַט. במשך גאַנצע דרייאונאַכציק יאָר פון זיין לעבן האָט ער נישט געוווּסט פון קיין זאָרגן און אָרימקייט. ער האָט באַזוכט דעם אוניווערזיטעט און שטודירט דאָס, וואָס עס האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן, ער האָט פיל געלעבט און זיך אומגעקערט צו ניינצן יאָר מיט אַ שווערן בלוטשטורץ צוריק אַהיים.

עס איז געווען די „דראַנג-און-שטורם-עפּאָכע" אין דער דייטשער ליטעראַטור. רוסאָ האָט פאַרשפּרייט זיין איינפלוס פון זיין שעדלעכער ראָמאַנטיק איבער די גרענעצן פון דעם רהיין. דאָס יונגע דייטשלאַנד האָט נישט געוואָלט מער שרייבן קיין פראַנצויזישע געדיכטן און פאַרלאַנגט דייטשע העלדן און אומגעצוימטע דייטשע געפילן. געטהע האָט געלייענט שעקספּירן, האָט אַוועקגעוואָרפן די אַלטע פאָרמען און אָנגעשריבן „געטץ פון בערליכינגען", וואָס דער העלד איז געווען גרויס, העלדיש און שטאַרק. דאָס איז געווען דער סיגנאַל פון דער ליטעראַרישער רעוואָלוציע. באַלד נאָכדעם שרייבט ער אָן „די יסורים פון דעם יונגן ווערטהער", די געשיכטע פון אַ יונגנמאַן, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין דער פרוי פון זיינעם אַ פריינט און לסוף באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. געטהע אַליין איז אין אַזאַ ענלעכן פאַל קיין זעלבסטמאָרד נישט באַגאַנגען, נאָר געלעבט ווייטער און שפּעטער באַדויערט זיינע יוגנטלעכע נאַרישקייטן.

אין יענע שטורמישע טעג האָט ער זיך נישט איינמאָל פאַרליבט; זיינע דערפאַרונגען זענען געווען גאַנץ אַנדערע, איידער בעטהאָווענס; אין דעם פאַל איז תמיד דער דיכטער פון דער אַריסטאָקראַטיע געווען דער ניכטערער און גליקלעכער און דאָס אָרימע מיידל שטענדיק די ליידנדיקע.

צו זעקסאונצוואַנציק יאָר האָט ער זיך באַקאַנט מיטן יונגן הערצאָג פון ווייטאַר, און דאָס האָט באַשטימט זיין ווייטערדיקן גורל.

דער הערצאָג איז דעמאָלט אַלט געווען צוואַנציק יאָר. ער האָט שטאַרק באַוווּנדערט דעם דיכטער און איינגעלאַדן אים צו זיך אין הויף. כּדי אים צוצוציען און צו פֿאַרהאַלטן האָט ער אים געגעבן אַ שיין הויז מיט אַ גרויסן גאָרטן, האָט אים באַשטימט פֿאַר אַ געהיים-ראַט מיט אַ גוטן געהאַלט און אים געשאָנקען דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיטן קליינעם וואָרט „פֿאָן". אַזוי איז געטהע געוואָרן הויף-מענטש און הויף-דיכטער. מיר קענען אים טאַקע אָנרופֿן דעם גרעסטן פֿון אַלע הויף-דיכטער און דעם חשובֿסטן פֿון אַלע הויף-לייט. צווישן זיין לעבן און דעם לעבן פֿון דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן בעטהאָווען ליגט אַ גאַנצער תּהום.

בלויז אין שייכות מיט זיין אייגענעם לעבנס-סדר האָט געטהע געהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע מיינונגען פֿון זיין יוגנט. איין טייל פֿון זיין צייט האָט ער זיך רעזערווירט פֿאַר זיין פּריוואַטער אַרבעט און בּסדר אַרומגערייזט כּדי צו פּטרן זיינע אַמטלעכע געשעפֿטן, און אין זיינע רייפֿערע יאָרן זיך שטענדיק צוריקגעצויגן. ווען דער הויף האָט אים געדאַרפֿט האָבן, האָט מען אים תּמיד געדאַרפֿט אויפֿזוכן. אויף דעם אופֿן האָט ער אויפֿגעהאַלטן דעם כּבֿוד פֿון די אינטעלעקטועלע. אָבער זיינע קונסט-אידעאַלן זענען וואָסמאָל געוואָרן קאָנסערוואַטיווער. וואָס שייך די פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען האָט ער זיי געלייזט אויף אַזאַ אופֿן, וואָס ער האָט זיך בּכלל נישט געזאָרגט וועגן זיי.

צען יאָר נאָכאַנאַנד האָט געטהע געהאַט אַ באַציונג מיט איינער פֿון די הויף-דאַמען, וואָס די הויף-לייט האָבן לחלוטין נישט געשטערט, הגם דידאָזיקע דאַמע האָט געהאַט אַ מאַן. ווען דער דיכטער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ פּשוט מיידל פֿון פֿאָלק און גע-מאַכט זי פֿאַר זיין געליבטע זענען די הויף-לייט געוואָרן אויסער זיך, און ווען ער האָט מיט דעם מיידל דערנאָך חתונה געהאַט זענען זיי פּשוט אַרויס פֿון די כּלים.

געטהע האָט אַרומגערייזט איטאַליען, געלערנט דאָרט ליב האָבן די קלאַסישע קונסט און געשריבן אַ גריכישע דראַמע. נאָך זיין צוריקקער אַהיים האָט ער ווידער איבערגענומען אין ווייִמאַר זיינע הויף-פֿליכטן. ער האָט אָרגאַניזירט די פֿייער-לעשער און

אַרויס אין דער מלחמה. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט שוין דאַן געהאַט אויסגעבראָכן, קעניג לודוויק דער זעכצנטער איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט צוזאַמען מיט דער קעניגין אַנטואַנעט, וועלכע האָט זיך איינמאָל געפרעגט, פאַרוואָס די פרומע לייט עסן נישט קוכן, ווען זיי האָבן נישט קיין ברויט. די הערשער פון אייראָפּע האָבן תיכף געאיילט צו הילף דערדאָזיקער גייסטרייכער פרוי און איינגעאָרדענט אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געזאָלט פאַרטיליקן אָט דאָס רעוואָלוציאָנערע פאַרזעעניש. געטהעס הערצאָג האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אָן זיי און געטהע האָט אים באַגלייט. זיין באַציאונג צו דער מלחמה און רעוואָלוציע האָט דער דיכטער אויסגעדריקט דערמיט, וואָס ער האָט אין לאַגער געשריבן אַן אָפּערעטע און געמאַכט באָטאַנישע סטודיעס.

זיין באַציאונג האָט ער דערקלערט דערמיט וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז פאַרמאַכן די אויגן פאַר די פאַסירונגען פון זיין צייט, כדי נישט צו פאַרלירן דעם שכל. דאָס האָט אים גאָרנישט געשטערט אַרויסצומאַרשירן מיט זיין הערצאָג און צו פאַרשטעלן די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן מיט זיין באַרימטן נאָמען. אַזוי האָט ער אויך צוגעהאָלפן איבערצוענטפערן די רעוואָלוציע נאַפּאָלעאָנען. פינפאונצוואָנציק יאָר איז אייראָפּע פאַרפלייצט געווען פון בלוט און עלנט. געטהע אָבער, פאַרגראָבן אין זיינע סטודיעס, האָט אַלס שריפטשטעלער און פאָרשער פאַרשטאַרקט דעם דייטשן אינטעלעקטואַליסט אין זיין ערגסטן פעלער: אין דער נייגונג איינ-צושלעפערן זיך מיט מליצהדיקע אַבסטראַקטע ווערטער, בעת די נאַציע גייט צו גרונט.

די ווירקלעכקייט אָבער האָט דעם דיכטער גרויזאַם אויפגע-טרייסלט. זעכצן יאָר נאָך דעמדאָזיקן פעלדצוג האָט זיך איבערגע-טוישט דאָס בלעטל. נאַפּאָלעאָנס האַרמאַטן-קוילן זענען אַריינגעפלויגן אין די שיינע גערטנער פון ווייַמאַר. פראַנצויזישע זעלנער, פאַר-שיכּורט פון דער זיגרייכער שלאַכט ביי יענאַ, האָבן ראַבירט די שטאָט, באַרויבט דעם דיכטער זיין געלט און וויין און געדראָט אים צו דערהרגענען אין בעט. צוויי יאָר שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן די שלום-אונטערהאַנדלונגען. דער דיכטער האָט נאָך

אמאָל באַערט מיט זיין אָנוועזנהייט די בעלער און פעסטן אין דעמאָלט איז ער אַלט געווען ניינאונפערציק יאָר און געווען אַ וועלט-באַרימטער זשעני, אָבער דער ניינאונדרייסיק יעריקער נאַפּאָלעאָן איז געווען דער דעראָבערער פון דער וועלט. און אַזוי איז זיך דער עלטערער מאַן אַוועק אַהין און געלאָזט זיך באַטראַכטן פון דעם יינגערן. געטהע איז געווען אַ שיינער מענטש און דעם קייזער געפעלן געוואָרן. „דאָס איז אַ מאַן!" האָט נאַפּאָלעאָן אויסגערופן און דאַן אַ פרעג געטון: „ווי אַלט זענט איר?" און ווען געטהע האָט אים געזאָגט זיין עלטער, האָט דער קייזער צוגעגעבן: „איר האָט זיך זייער גוט געהאַלטן". צי קלינגט דאָס נישט, ווי אַ רוימישער פּראָקאָנסול וואָלט געוואָלט אָפּקויפן אַ גריבישן געלערנטן פאַר אַ שקלאַף?

„איר האָט געשריבן דראַמען?" האָט נאַפּאָלעאָן געפרעגט. איינער פון די הויף-לייט האָט זיך צוגעאיילט צו באַמערקן, אַז געטהע האָט געשריבן פאַרשידענע דראַמען און איבערגעזעצט וואָלטערס „מחמד". „ס'איז נישט קיין גוט שטיק", האָט נאַפּאָלעאָן אַ זאָג געטון און שטאַרק אָנגעגריפן יענע דראַמען אין וועלכע דער גורל שפּילט אַ ראָליע. „וואָס ווילן די מענטשן תמיד מיט זייער גורל?" „די פּאָליטיק (?) איז שיקזאַל".

דאָסדאָזיקע שפּריכוואָרט האָט געטהע זיך באמת געקענט געוועמען צום האַרצן אויף זיין גאַנץ לעבן. און איך וואָלט אים געקענט באַנוצן פאַר אַ מאָטאָ צו דעמדאָזיקן בוך. „פּאָליטיק איז שיקזאַל", צי קען מען אויסדריקן מער חכמה אין פינף פראַנצויזישע אָדער דריי דייטשע ווערטער?

געטהע האָט דאָך ליבערשט געוואָלט זיין פאַרזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ און שטעלונג ביים הויף און אויף דער צוקונפט נישט צו זאָרגן פאַר דער מאַכט פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט איבער די אינדיווידועלע נשמות. ווען דאָס דייטשע פאָלק איז בייגעקומען נאַפּאָלעאָנען האָט ער נישט געפונען קיין וואָרט פון באַגייסטערונג, נאָר פאַרקערט, ער האָט נאָך אָנגעגריפן דידאָזיקע טפשות און ס'איז אים אויך שפּעטער נישט איינגעפאַלן צו

פראָטעסטירן קעגן דער באַגאַנגענער אכזריות פון דער אַליאַנס.

פאַרטראַכט אייך גוט וועגן דערדאָזיקער אומקאָנסעקווענץ. געטהעס גרעסטע ווערק „פאַוסט״ באַשעפטיקט זיך מיטן פּראָבלעם פון גליק און פליכט. פאַוסט גיט זיך איבער דער „ריינער״ וויסנ־שאַפט און ערדישע תענוגים נישט געפינענדיק קיין באַפרידיקונג, לסוף געפינט ער זיין אייביקן אידעאַל אין זיין אַרבעט פאַרן כלל און האַלט דאָס אויסטריקנען פון זומפּן און באַאַרבעטן די פעל־דער פאַר אַ מאָראַלישע באַשעפטיקונג. צוואָס אָבער נוצט אַזאַ אַרבעט, ווען די מלוכה־מענער דערלויבן זיך צו פירן מלחמות און צו צעשטערן אין עטלעכע שעה דאָס, וואָס ווערט אויפגעבויט דורך דורות? איר קענט זיך גלויבן אין דער אַריסטאָקראַטישער אָדער דעמאָקראַטישער פּאָליטיק. וויאַזוי אָבער קענט איר גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון מענטשלעכן גליק, ווען די מלוכה־לייט האָבן נישט קיין ברעקל שכל?

צי קען עמעצער אָפּלייקענען, אַז מיר דערוויסן זיך פון געטהעס ווערק זיין וועלט־אָנשויאונג, אַז ער האָט אויסגעפונען אַן אַנטגילטיקע פאָרמולירונג פאַר אַלע זייטן פון מענטשלעכן לעבן? צי קען מען אָפּלייקענען, אַז פון זיינע דראַמען און ראָמאַנען און אַפילו פון זיין ליריק קוועלט מיט פילאָזאָפיע? און אַזוי איז זיין וועלט־באַנעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַדיציע און זיי ווערן ביז היינט צוטאָג געלערנט פון די פּראָפעסאָרן. דערפאַר שליגגען מיר זי לייכט און אָן ווייטיק, זי האָט נישט דעם טעם ווי די מעדיצין, און מיר האַלטן זי נישט פאַר קיין פּראָפּאַגאַנדע.

וואָס אָבער איז עס אַזוינס, דידאָזיקע וועלט אַנשויאונג? לויט איר איז די וועלט אַן אַרענע פון בלינדע און ס׳רוב ציללאָזע קאַמפן. געלערנטע און גאונים זענען אומפעיק צו קאָנטראָלירן די דאָזיקע קאַמפן און זיי טוען גוט, וואָס זיי האַלטן זיך אָן אַזייט. „אָפּזונדערן זיך!״ רופט אויס געטהע. און פון וואָס זאָלן מיר זיך אַלץ אָפּזונדערן? ראשית פון דעם טרוים, אַז די צייט געהערט אונז, און אַז מיר קענען טון מיט איר וואָס מיר ווילן. מיר דאַרפן פשוט לעבן, אַנטוויקלען אונזערע פעיקייטן, געבן דער וועלט אַ ביישפּיל און אָפּטון אַ געוויסע שליחות, וואָס זאָל איינמאָל

האָבן איר ווירקונג, — נישט קיין אונטערשייד ווען און וואָס, — און וואָס זאָל צופירן צו דער הערשאַפט פון דער גוטסקייט, יושר און אמת. אַזוי ווי מיר מוזן אָבער לעת עתה לעבן אויך, און אַזוי ווי די הערשנדיקע פאַרמאָגן דערצו דאָס נויטיקע, דאַרפן מיר זיין צו זיי העפלעך און זיך צופאַסן צו זיי: זיין דזשענטלמענער, הויפ־לייט אָדער סתם רייבע לייט.

אַזוי אַרום ווערן מיר דורך אונזער ביישפּיל און דורך אונזער טעגלעך לעבן אַן אָנשפּאַר פון דער הערשנדיקער אָרדענונג, און דורך דער ווירקונג פון די ווירטשאַפטלעכע כּוחות ווערן מיר אומ־ווילקירלעך וואָס אַמאָל מערער אומטאָלעראַנט קעגן די רעוואָלוציאָנערן און די צעשטערער. מיר קענען נאָר די רייבע און שטאַרקע, מיר שיל־דערן אין די קונסטווערק בלויז זיי און זעען דאָס לעבן בלויז פון זייער שטאַנדפּונקט. און אַלע קריטיקער דערקלערן איינשטימיק, אַז דאָס איז די ווירקלעכקייט, די נאַטור, די קונסט. אויב אָבער מיר גיבן אונזערע איבערצייגונגען אַן אויסדרוק, רופט עס די קריטיק אָן: אידעאַליזם, אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע!

## 41

## טאָרי־ראָמאַנטיק

ווען מיר זענען דאָס ערשטע מאָל געווען אין שאָטלאַנד, האָבן מיר באַזוכט די נידעריקע קלאַסן. איצטער אָבער ווילן מיר לעבן אין אַ עלס און מיר וועלן האָבן פּאַר אַ גאַסט אַקעניג־לעבן שררה.

וואָלטער סקאָט איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1771 אין עדינבורג. ער איז געווען דער זון פון אַ פאַרמעגלעכן אַדוואָקאַט און שעריף. דער פאָטער האָט געהאַט אַ ליידנשאַפט צו די אַל־טערטימלעכקייטן פון זיין לאַנד און דאָס יינגל איז אויפגעוואַקסן,

ווי אין אַ מוזיי. ער איז געווען לאָם, צוליב דעם האָט ער נישט געקענט נאָכטון די גוטע מעשים פון זיינע אבות. ער איז געוואָרן אַ טרוימער און געשאָנקען דער וועלט אַ נייע קונסט-פאָרם: דעם היסטאָרישן ראָמאַן. ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן איז ער נאָך געווען אַ יונגער מענטש און האָט רעאַגירט אויף איר פונקט ווי זיין גאַנצער קלאַס. די בריטישע טאָרים האָבן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אויסצוּוואָרצלען די רעפּובליקאַנישע אידעע. מיט דעם געלט וואָס זיי האָבן אין וועלט-האַנדל, האָבן זיי פינאַנסירט די אָנגריפן פון קייזער און די קעניגן אויף פראַנקרייך. דער פועל-יוצא איז געווען: נאַפּאָלעאָן. און איידער נאַפּאָלעאָן איז באַזיגט געוואָרן האָט אייראָפּע גאַנצע פינפ-און-צוואָנציק יאָר געמוזט שווימען אין אַ ים פון בלוט. וואַלטער סקאָט האָט איבערגענומען די פאַרהערלעכונג פון די אַלטע טראַדיציעס און פאָראורטיילן, וואָס אין זייער נאָמען איז אָפּגעטון געוואָרן אָט דער גרויסער פאַרברעכן קעגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. פאַר זיין אַרבעט האָט ער געקראָגן אַ מיליאָן דאָלער (דעמאָלט איז עס געווען אַן ערך פון פינף ביז צען מאָל אַזויפיל ווי היינט) און זיך דערוואָרבן דעם טיטל באַראָנעט.

ער גופא איז געווען אַ גרויסמוטיקער און אפילו אַ גוטער מענטש, דאָך האָט ער געשאָנקען זיין נאָמען און זיין השפּעה די געמיינסטע אויסוואורפן פון זיין פאַרטיי. ער האָט זיך נישט נאָר צופרידנגעשטעלט מיט זיין שרייבן אַליין, נאָר אויך אַליין מיטגע-האָלפן צו צעקלאַפּן די ראָטעס. אַלט זייענדיק איינאונפערציק יאָר האָט ער געשריבן צו דעם דיכטער סאָוטי פונקט ווי ער וואָלט געווען אַ פריערדיקער גילגול פון אונזער מלוכה-פּראָקוראָר פּאַלמער: „יאָ, איר זענט גאַנץ גערעכט, וואָס איר האָט מורא פאַר יאַקובינער, דאָס גאַנצע לאַנד איז אונטערגעגראָבן". ווייטער דערציילט ער, ווי ער האָט אין אַ שכינותדיקן אינדוסטרי-דאָרף געטראָפן אַ וועבער-פאַרזאַמלונג, און געטון זיין פליכט ווי אַ מלוכה-באַאַמטער: „די רעדל-פירער האָב איך געלאָזט אַרעסטירן און צעשטערט זייער גאַנצן פּלאַן. אָבער שטעלט אייך פאָר מיין פאַרחידושקייט, בעת איך האָב געפינען אַ גרויסע צאָל בריוו און געדרוקטע אויפרופן,

וואָס פון זיי האָב איך אַרויסגעדרינגען, אַז דער וועבער-קאָמיטעט פון מאַנטשעסטער שטייט אין פאַרבינדונג מיט אַלע אינדוסטרי-שטעט פון דרום-און צפון-שאָטלאַנד און זיי באַשטייערן יעדן איינציקן מיט צוויי שילינג און זעקס פענעס (אַ ריזיקע סומע). מיר מוזן אָפיציעל אַריינטראָגן אַ פעטיציע אין פאַרלאַמענט צו באַשטימען אַ שטייער אויף ספּעציעלע ענינים, אינדעראמת זאָל עס גיין אויף אויפצודעקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אַן ענערגישע רעגירונג, וואָס זאָל געניסן דעם צוטרוי פון לאַנד וואָלט תיכּף געמאַכט אַ סוף דערצו. מיר זענען אומגליקלעך און אין דעם אויגנבליק, ווען די שיף געפינט זיך שוין צווישן די פעלזן ווערן מיר אָן דעם רודער. ס'איז פּשוט אַ שרעק אין וואָס פאַר אַ לאַגע מיר געפינען זיך."

וואָלטער סקאָט האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט לידער וועגן די קריגערייען און ליבע-פּאַסירונגען פון די שאָטלענדישע פירער. דאַן האָט ער אָנגעשריבן אַ ראָמאַן אויף דערדאָזיקער טעמע און ס'איז געווען, ווי ער וואָלט מיט זיין קלאַפּ אָנגעטראָפן אויף אַ גאָלד-מינע. פאַר דעם טאָרי-דור איז ער אַראָפּ ווי אַ מלאך פון הימל, ער האָט אים אונטערגעשפּאַרט זיין אַלטן וואַקלדיקן-סיסטעם. דאָס פּובליקום האָט אַזוי שטאַרק געקויפט זיין וואַווערליי-ראָמאַן, אַז מ'האָט די ביכער נישט באַוויזן צו איינצובינדן. ענגלאַנד איז ממש משוגע געוואָרן פון התפעלות און גאַנץ אייראָפּע האָט נאָכגעטון זיין ביישפּיל. אין פראַנקרייך אַליין איז פאַרקויפט געוואָרן אַ מיליאָן מיט פירהונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאָס איז געווען איז דער צייט פון דער „הייליקער אַליאַנס", ווען אויפן פראַנצויזישן טראָן איז ווידעראַמאָל געזעסן אַ קעניג לודוויק.

פאַר אַ באַקאַנטן יוריסט האָט נישט געפּאַסט זיך צופאַרנעמען מיט ראָמאַנען-שרייבעריי. מחמת דעם האָט סקאָט פאַרעפנטלעכט זיינע ווערק אַנאָנים, ער האָט עקשנותדיק געלייקנט, אַז ער איז זייער מחבר. אָבער דאָס געלט, וואָס די ביכער האָבן אים איינגעבראַכט האָט ער גאַנץ רויק אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע. ער האָט געאַרבעט זייער פלינק, אין משך פון חודש האָט ער געקענט אָנשרייבן אַ בוך, פאַר וועלכן ער האָט באַקומען נאָכן פאַרענדיקן טויזנט

פונט. זינט די צייטן פון אַלאַדין מיט זיין וווּנדערלאָמפּ איז נאָך נישט געפאַלן אַזאַ גאָלדענער רעגן.

אונזער טאַרי-ראָמאַניסט איז אויך נישט געווען מער ווי אַ גרויסער שול-ייִנגל; פאַר אים איז געווען אוממעגלעך צו שרייבן אַזאַ שטייגער פּראָפּאַגאַנדע. ווי אַ שול-ייִנגל האָט ער אויך אויסגעגעבן זיין געלט. אין דער אויפשטייענדיקער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטרי האָט ער געוואָלט אין שאָטלאַנד פון נייַנצענטן יאָרהונדערט ווידער באַשאַפן די וועלט פון ריטער און ראָמאַנטיק. ער האָט געוואָלט אויפבויען אַ ריזיקן שלאָס „מיט אַ הויכן טורם ביי יעדן עק... מיט שאַרף-קאַנטיקע שפּיצן... פאַנטאַסטישע פאַנטאַנען... פענסטער מיט בליי-באַראַמטע שויבן... שטיינערנע הערבן...״ אינעווייניק איז אויך דער שלאָס געווען איינגעריכטעט לויט דעם סטיל. אין דעמדאָזיקן שלאָס האָט דער דיכטער אויפגענומען די חשובע וועלט, עס זענען פאָרגעקומען בעלער און געיעגן. מ׳האָט געזונגען לידער און געשפּילט אויף די האַרפעס. וואַלטער סקאָט האָט געוואָלט, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, זיין „דער פאָטער פון אַ געשלעכט״. איצט איז ער געווען באַראָנעט, ער האָט חתונה געמאַכט זיין זון מיט אַ רייכער יורשטע און די העכסטע מדרגה פון גליק האָט ער איבערגעלעבט, בעת דער קעניג דזשאָרדזש דער פערטער האָט אויף זיין רייזע אין שאָטלאַנד געוויילט ביי אים צו-גאַסט.

אגב, איז דער קעניג געווען אַן אַבשייליכער שטאַרקער זויף. אָבער דאָס האָט גאָרנישט געשאַדט: ער איז געווען סיר וואַלטערס גנעדיקער האַר. מיט אונטערטעניקער התפעלות האָט דער שריפטשטעלער גענומען אין זיין האַנט דאָס גלאָז, אין וועלכן דער קעניג האָט געטרונקען. אַט דאָס גלאָז האָט געדאַרפט באַהאַלטן ווערן, ווי דער קאָסטבאַרסטער חפץ אין דעם שלאָס אַבאַטספאָרט. צום אומגליק האָט דער צעשטרייטער וואַלטער סקאָט גענומען עס אין קעשענע אַריין, אַרויפגעזעצט זיך דערויף און דער שאַרבן האָט אים איינגעשניטן דאָס לייב, אָבער דעררדאָזיקער פרומער נשמה איז פשוט איינגעפאַלן, אַז דאָס וואָלט מען באַדאַרפט באַטראַכטן פאַר אַ שלעכטן סימן.

אין האָלעווּד אין די פילם-אַטעליעס זעען מיר די שלעסער, וואָס רייסן זיך אין דער הויך, די קאָסטיומען פון די אַלטע צייטן, די מעכערישע און ווייבערישע פילם-ליאַלקעס. פונקט אַזוי קומט עס פאָר אין וואַלטערס סקאָטס ראָמאַנען: די קאָסטיומען און די סצענאַרן זענען געטריי געמאָלט. אָבער די פערזאָנען זענען להיפוך די פריינד, שכנים און אַרענדאַרן פון דעם דיכטערס סביבה. ער האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקן שעפערישן טאַלאַנט און אַ זין פאַר הומאָר. ער האָט געוווּסט, וויאַזוי צו מאַכן פון זיין שפּיל אַ ווירקלעכקייט. מיר קענען עס געניסן, ווען מיר ווייסן גענוי וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. וואָס מיר קענען דאָ לערנען, איז נישט די צייט פון וואַלטער סקאָט, נאָר די טאָרי-פּראָפּאַגאַנדע פון יענער צייט און דעם פאַרשלייערטן אַבסאָלוטיזם און דעם מיטלאַלטער, אָפּגערייניקט פון בלוט און רציחה. דער מוסר-השכל פלעגט אייביק זיין: „ווײַלט די קאָנסערוואַטיוון!”

אָבער אַך, וואָס איז געוואָרן פון די טרוימען פון דעמדאָזיקן קאָנסערוואַטיוון דיכטער? צוערשט האָט סקאָט געמוזט איבערלעבן דעם צוזאַמענברוך פון די אייגענע האָפענונגען. צוויי פון די שווינדלער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן אים צוגערעדט צו גרינדן אַ פאַרלאַג און צו מאַכן מיליאָנען פון זיין פּאָפּולאַריטעט. ביידע חברה-לייט האָבן צוגעגנבעט אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט, געמאַכט אַ באַנקראָט און איבערגעלאָזט וואַלטער סקאָטן אין עלטער פון פינפאונזיבעציק יאָר מיט אַ חוב פון הונדערט און זיבעצן טויזנט פונט. דער שריפטשטעלער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט צו באַצאָלן די חובות. די דאָזיקע געשיכטע האָט אים אין די אויגן פון זיינע ביאָגראַפן געמאַכט פאַר אַ העלד. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז גאַנץ אָרנטלעך פון אַ קינסטלער, אַז ער באַצאָלט זיינע חובות. מיר אַלע קענען גאַנץ גוט די יענע אומאָנגענעמע פּאַטראָנען, די ציגיינער-זשעניס, וואָס שלעפּן געלט פון יעדן איינציקן און גיבן קיינמאָל נישט צוריק. אָבער מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז דער קינסטלער איז שולדיק געבליבן צוויי צדדים: סיי זיינע אייגענע אָנהענגער, און אויך יענע, וואָס וועלן אין דער צוקונפט לייענען זיינע ביכער. מיר אָבער זענען נישט

צופרידן מיט דער ירושה פון וואַלטער סקאָטס ווערק, און מיר לייקענען אָפּ די נויטווענדיקייט, וואָס צווינגט אַ זשעני פּיר יאָר אַכּאַנאַנד צו פּאַרמאַטערן זיך צום טויט צוליב דעם כבוד פון עפּעס אַ ראָמאַנטישן חלום.

דער צוזאַמענברוך פון וואַלטער סקאָטס פּאָליטישע אידעאַלן זענען אויך נישט געווען ווייניקער צרהדיק. אומזיסט האָט ער פאַרהערלעכט די לאָיאַליטעט פון די שאָטישע פּויערים און זייער טרייקייט צו די האַרן. אומזיסט האָט ער פאַרפּאָלגט די רעוואָלוציאָנערע וועבער מיטן וואָפן פון געזעץ. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן און אויך די פּויערים האָבן אָנגעהויבן אונטערצומורמלען, געפאָדערט וואַל-רעכט און אַנדערע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע רעכט. מ'האָט אַריינגעטראָגן אין פּאַרלאַמענט אַ פאַרברעכערישן פאָרשלאַג, באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער רעפאָרם-ביל“: אַז מ'זאָל אויך די אָרימע לייט געבן שטים-רעכט! סיר וואַלטער, וואָס איז אַלט געווען זעכציק יאָר, געווען קראַנק, האָט זיך אַנטשלאָסן צו באַטייליקן אין דעם פּאָליטישן קאַמף. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע און ער האָט געוואָרנט, אַז די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג שטאַמט פון פראַנקרייך. אָבער זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זענען שוין אַדורך פערציק יאָר און קיינער האָט זיך שוין מער נישט געשראָקן פאַרן באָלשעוויסטישן געשפּענסט. סיר וואַלטער איז אויסגעפּייפט געוואָרן פון זיינע צוהערער. ווען ער האָט אין אַ קורצע צייט אַרום געלאָזט אַרעסטירן אויפן גאַס אַ ראַדיקאַלן פאַרשוין האָט אים די מאַסע באַוואָרפן מיט שטיינער. דידאָזיקע איבערלעבעניש האָט ער קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסן און דאָס בילד האָט ער געטראָגן מיט זיך ביזן קבר.

דער שיקזאַל האָט רחמנות געהאַט אויף אָט דעם אַלטן מאָרים און צוגעמאַכט זיינע אויגן, נאָך איידער ער האָט צוגעזען די גאַנצע מפּלה פון זיינע ראָמאַנטישע האָפענונגען. שטעלט אייך פאָר די יסורים פון דעם ריטערלעכן אַלטן מאַן, ווען ער זאָל היינט אויפשטיין פון קבר און אַריינקומען אין פּאַרלאַמענט, און דאָרט אויף דעם „לינקן פליגל“ דערזען זיינע געליבטע לאָיאַלע

שאָטן, ווי זיי קעמפן פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.
ער וואָלט דאָן באמת געדאַרפט זאָגן: „דאָס גאַנצע לאַנד איז אונטערגעגראָבן".

## 42

## דער ערשטער לאָרד פון דער ליטעראַטור

צום גליק האָבן נישט אַלע ענגלישע דיכטער זיך געלאָזט אַריינטרייבן אין די רייען פון דער רעאַקציע, צוליב דער מורא פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

דזשאָרדזש גאָרדאָן לאָרד בייראָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1788. זיין פאָטער איז געווען אַ שלעכטער און אַן אויסוואורף. „דיין מאַמע איז אַ משוגענע" — האָט איינמאָל אַ זאַג געטון צו בייראָנען אַ יינגל אין דער שולע. „איך וויים" — האָט ער געענטפערט, אָפּנים, אַז בייראָן האָט קיין גוטע יוגנט נישט געהאַט. ער האָט געהאַט אַ קרומען פוס, וואָס האָט אים מוראדיק געאַרט. אָבער אַזוי איז ער געווען אַ וווּנדערלעך-פיינער מענטש און זייער באַליבט ביי פרויען. זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַ כסדרדיקער געמיש פון מעלאַנכאָליע, איינזאַמקייט און ליידנשאַפט. אַלס לאָרד איז ער תמיד געווען אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, אָבער אַלס דשעני איז ער נאָך אַריבערגעוואַקסן דידאָזיקע גרויסקייט. ער האָט שטענדיק געלעבט אונטער אַ שטאַרקן רעפלעקטאָר פון דער וועלט, תמיד געהאַט אַ דערהויבענע פּאָזע. געשריבן גאַנצע פּאָעמען וועגן זיך אַליין און זיינע שטימונגען. ער האָט אַ סך געררייזט, געוואָרן אַ קאָסמאָפּאָליטישע געשטאַלט, פאַרשידענע מעשיות האָבן זיך פאַרשפּרייט וועגן זיינע פּאַסירונגען אין אייראָפּע. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין פּאָעמע: „ריטער העראָלדס נסיעה צום הייליקן אָרט", וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט.

„אין איינעם אַ פּרימאָרגן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אַלס אַ באַ־רימטער מאַן", האָט ער אַליין געזאָגט. דאָך האָט אויסגעזעז ווי ער וואָלט דעמדאָזיקן רום פאַראַכטעט. אים, דעם איידעלען לאָרד, האָט מען נישט געדאַרפט שטעלן אויף איין מדרגה מיט די געמיי־נע שרייבער. מיט פוילע באַוועגונגען האָט ער אַ וואָרף געטון זיינע מאַנוסקריפּטן צו די פאַרלעגער, אפילו דעמאָלט, ווען דאָ האָט זיך געהאַנדלט אין טויזנט אָדער צוויי טויזנט פונט. איך קען נישט נאָך אַזאַ הויכן אַריסטאָקראַט, וואָס זאָל האָבן דערגרייכט אַזאַ גרויסע ליטעראַרישע באַרימטקייט. בייראָן איז געווען דער ערשטער לאָרד אין דער ליטעראַטור פון יענעם דור און פון אַלע צייטן.

ער איז געווען דער מחבר פון אַ גרויסער צאָל ראָמאַנען אין פערזן; געשיכטעס פון אָריענטאַלישע דעספּאָטן און זייערע פאַרברעכנס, אין זייער גאַנצן שרעקלעכן אויפזען. די ווערק זענען פול מיט מעלאָדיע און רימס. די העלדן זענען תמיד מעלאַנכאָליש און דערהויבן. פויגל-פריי געשטאַלטן, וואָס מ'האָט שפּעטער אָנגערופן בייראָניש. דער אמתער העלד פון דידאָזיקע אַלע גע־שיכטעס איז אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס פון דער חשובער וועלט און באַזונדערס פון איר ווייבלעכן טייל. איינע אַ פאַרהייראַטעטע דאַמע פאַרגעטערט דעם דיכטער און דראָט אים דערנאָך צו דערהרגענען; שרייבט אַ ראָמאַן, אין וועלכן זי גרייפט אים אָן, זי פאַלט אין חלשות און ווערט משוגע בעת זי באַגעגנט אויף דער גאַס זיין לוויה. בייראָן האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכער יורשטע און גאַנץ אָפן דערקלערט, אַז ער האָט עס געטון צוליב געלט. ער האָט אַ תל געמאַכט פון זיין פרוים פאַרמעגן, און דאָס, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון זיינע אָנהענגער. דאַן איז די פרוי אַוועק פון אים און נישט אָפּגעהיט זיך פון דערציילן פאַר דער עפנטלעכקייט פאַרשידענע דיסקרעטע פעלערן פון איר מאַן. ער איז געווען איינגעטונקען אין חרפות און דאָס איבריקע פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין גלות. זיין פרוי אָבער האָט נישט קלאָר אַרויסגעזאָגט אירע באַשולדי־קונגען. די אַמעריקאַנער שריפטשטעלערין העריעטע בּיטשער סטאָו

האָט מיט עטלעכע יאָרן שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ פּאַמפֿלעט, אין וועלכן זי האָט דערציילט, אַז בייראָן האָט געלעבט מיט זיין שטיפֿשוועסטער. דעמאָלט איז דער לאָרד געווען אַן אָנערקענטער זשעני, די קריטיקער זענען געווען שטאַרק אויפֿגערעגט איבער פֿרוי סטאָאוס אומדיסקרעציע, און נאָך היינט רעדן זיי נישט גערן וועגן דעמדאָזיקן ענין.

אין דער שווייץ האָט זיך בייראָן באַקאַנט מיטן דיכטער שעלי, וואָס האָט געמאַכט אויף אים אַ גוטן איינדרוק. בייראָן האָט געזען אין דעם נייעם פֿריינט די ריינסטע נשמה, וואָס ער האָט נאָר אַמאָל באַגעגנט. ער האָט אים געליבט באַגייסטערט אין זיינע בריוו, כאָטש שעלים ווערק האָט ער נישט געליבט, ווי זיי האָבן פֿאַרדינט. שעלי האָט צוגערעדט בייראָנען צו ווידמענען זיך דער פּאָליטיק און בייראָן האָט אָנגעשריבן איינס פֿון זיינע שענסטע ווערק: „דער געפֿאַנגענער פֿון טשיליאָן". דאַן איז ער אָפּגעפֿאָרן קיין ווענעדיק, אַמוזירט זיך מיט בלערליי ליבע-אַפֿערעס און דיק געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין „דאָן זשואַן", אַ ניי מין עפּיש ווערק, וואָס האָט אויסגעלאַכט זיך אַליין און די גאַנצע וועלט. „דאָן זשואַן" איז אַ מיאוס בילד פֿון אַ מיאוסער וועלט. דאָך האָט דידאָזיקע פּאָעמע אומגעהויערן שווונג און עס דערציילט וועגן זייער אַ סך כּוח. אַ גרויסער גייסט רעדט אַרויס דערפֿון, וואָס האָט פֿאַראַכטעט זיין יאָרהונדערט און געפּרוווט עס אַריבערוואַקסן.

עס איז געווען אין דער צייט פֿון דער הייליקער אַליאַנס. דאָס קליינע הייפֿל מענטשן, וואָס האָבן ליב געהאַט די פֿרייהייט, האָבן געלעבט אין פֿאַרשיקונג אָדער געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר דער פּאָליציי. בייראָן האָט געהאַט אַ באַציונג מיט דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערן, געגעבן זיי געלט און געשאָנקען זיין נאָמען פֿאַר זייער זאַך. ער איז ווידעראַמאָל געוואָרן שעלים פֿריינט און ווידער זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער פּאָליטיק און ליטעראַטור. ער האָט אָנגעשריבן די דראַמע „קין", וואָס באַשעפֿטיקט זיך מיט דעם פּראָבלעם פֿון מענטשלעכן גורל אין רעוואָלוציאָנערן זין. דאָס ווערק איז אָויסגעזומען פֿאַר די פֿרומע פֿון זיין צייט, ווי אַ מוראדיקע

גאָטסלעסטערונג. דער דיכטער סאָוטו האָט פּשוט געברענט פון צאָרן און אָנגעשריבן זיין ווערק: „די וויזיע פון משפּט", אין וועלכן ער שילדערט בייראָנס פּאַרטיליקונג. דער אויפגעבראַכטער לאָרד ענט־פערט אים אָפּ מיט אַ געדיכט אונטערן זעלבן נאָמען, וואָס האָט אַזוי געווירקט, אַז זיין פאַרלעגער האָט באַקומען דערפאַר זעקס חדשים תפיסה. אָט דער סטראָף, וואָס באַשרייבט די קרוין־פּאָעטן קען דינען אַלס ביישפּיל פאַר בייראָנס קאַמפס־שטימונג:

א קעניגס־מערדער האָט ער הויך גערימט
און אַלע קעניגן געווונטשן גליק.
שטענדיק וועגן רעפּובליק געברומט
און שפּעטער שרייט ער קעגן רעפּובליק.
ער האָט אין קאַמף פאַר „פּאַנטי סאָקראַטיען"
אויב נישט גאַנץ שיין, דאָך ביטרע זיך געדרייט.
היינט איז ער שטרענג לאָיאַל, דאָך שטענדיק גרייט
זיך טוישן מיטן ראָק — אפילו מיט דער הויט.

בייראָן איז געווען די שטימע פון פרייהייט קעגן דער רעאַק־ציע פון אייראָפּע. דאָס איז אין די אויגן פון די טאָריעס אויסגעקומען ווי אַ משוגעת. אויסגעלאַסענע לאָרדן האָט מען תמיד געקענט גע־פינען לרוב, אָבער קיינמאָל האָט מען נישט געזען אַ לאָרד אַ רעוואָ־לוציאָנער. בייראָן האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער איטאַליענישער געהיימער געזעלשאַפט „קאַרבאָנאַריער", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר איר אויפגאַבע צו באַפרייען איטאַליען פון עסטרייבישן און פּויפּסטלעכן יאָך. ווען זיי זענען אונטערגעדריקט געוואָרן, האָט ער נישט פאַרלוירן דעם מוט. דאַן האָט ער געשריבן: „בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן ווי וואַסער און טרערן וועלן רינען ווי טוי. אָבער סוף־כל־סוף וועלן די פעלקער זיגן". פון דידאַקטיקע ווערטער רייכט זיך אַרויס די שטים פון אַ מענטשן און פון אַ דענקער.

ער איז שוין אַלט געווען פינפאונדרייסיק יאָר, נישט געהאַט קיין רו, געווען אומצופרידן, זיך געפּייניקט מיט דעם געפיל פון דער אומזיניקייט פון זיין לעבן. די גריכן האָבן אָנגעהויבן אַ פריי־הייטס־קאַמף קעגן טערקיי, בייראָן האָט געאיילט צו זיי מיט זיין הילף און דערמיט געקרוינט זיין לעבן. ער איז געשטאָרבן פאַר

דער ערשטער שלאַכט אויף פּיבער. דערפאַר געדענקען מיר אים היינט נישט נאָר אַלס אַריסטאָקראַט און דיכטער, נאָר פריער פאַר אַלץ אַלס אַ מענטש, וואָס האָט דאָס אָוועקגעגעבן זיין רייכטום, רום, לעבן פאַר דעם גרעסטן פון אַלע מענטשלעכע אידעאַלן.

צוערשט האָט בייראָן געשריבן, כּדי צו פאַרווילן זיך און זיין פּובליקום. ער האָט געלאַכט פון דער סענטימענטאַליטעט און נאַרישקייט פון זיינע לייענער, שפּעטער אָבער האָט ער פאַראַכטעט זיינע לעזער און געשריבן אויסשליסלעך צו דערוועקן אויפרעגונג. דידאַקטיקע מענטשן האָבן אויפגעבויט אַ וועלט פון ליגן. איין מענטש לפּחות האָט זיך גענומען דעם מוט זיי צו זאָגן דעם אמת. צוליב דידאַקטיקע סיבות רעבן מיר בייראָנען צו די מעכטיקסטע גייסטער פון דער וועלט־ליטעראַטור. זיינע פּריוואַטע חטאים גייען אונז שוין מער נישט אָן. מיר קענען זיי האַלטן פאַר פּאַטאַלאָגישע און באַציִען זיך צו זיי מיט מיטלייד. מיר האָבן נישט קיין חשק פאַר דעם מאַלערישן בילד פון אַ גרויסן האַר, וואָס האָט אַרומגערייזט איירָאָפּע מיט פערד, וועגן, הינט, מאַלפּעס, פייגל און מעטרעסעס: אונזערע זונטאָג־ביילאַגעס שטעלן אונז צו גענוג דאָס מאַטעריאַל. אונז אינטערעסירט נאָר דער דיכטער, וואָס פאַרמאָגט אַ קלאָרן בליק מיט אַ שאַרפן מוח, וואָס דערקענט דעם אמת און רעדט אים אַרויס קלאָר פאַר גאַנץ איירָאָפּע און העלפט מיט די מענטשן אין זייער קאַמף פאַר פרייהייט.

## 43

# דער מלאך פון רעוואָלוציע

פּערסי ביישי שעלי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1792. ער איז געווען יונגער פון בייראָנען מיט פיר יאָר. זיין פאָטער איז געווען דער רייכסטער באַראָנעט אין גאַנצן סאַסעקס, אַ גרויסער

גוטבאַזיצער און אַ ווילדער טאָרי, וואָס האָט כמעט געטריבן דעם זון צו משוגעת.

דאָס יונגל איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין איטאָן, אַ מוראדיקע שול, ווו די קליינע יונגלעך האָבן געטראָגן מלבושים, וואָס בלויז אונזערע רייכע זונדלעך טוען אָן צום אָוונט. אין דער שול האָט געהערשט אַ סיסטעם פון קינדער-שקלאַפעריי, וואָס מ׳האָט אָנגערופן „פעגינג", דאָס הייסט, די עלטערע יונגלעך האָבן אין אַ געוויסער מאָס באַהאַנדלט די יונגערע אַלס דינער. שעלי האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און דערפאַר מוראדיק געפייניקט געוואָרן פון די עלטערע. ער איז געווען אַן אומגעצוימטער העלדישער גייסט, וואָס דער בלויזער אָנבליק פון דער טיראַנעריי, אַפילו דער געדאַנק וועגן דעם האָט אים אַריינגעבראַכט אין אויפרעגונג. חוצדעם איז ער געווען אַזוי עמפינדלעך, אַז פון בלומען-ריח אין די אַלפן-טאָלן פלעגט ער פאַלן אין חלשות. זיין וואונדערבאַרער גייסט האָט געדורשט נאָך וויסן און האָט עס אַריינגעזאַפט אין זיך מיט אַן אומגלויבלעכער געשווינדקייט. שעלי האָט שטודירט אויפן אוניווערזיטעט אין אָקספאָרד. צו ניינצן יאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור „די נויטווענדיקייט פון אַטעיזם". אַ בעסערן טיטל פאַר דעם ווערק וואָלט געווען: „די נויטווענדיקייט אָפּצוזוקערן זיך פון אַ קריסטלעכן סיסטעם, וואָס האָט זיך פאַרמאַסקירט אַלס דער ריינער קריסטנטום". דאָך האָט זיך שעלי אויך פאַרשפאָרט צו באַנוצן מיט דעמדאָזיקן טיטל: ער איז דערווייטערט געוואָרן אָן שום צערעמאָניע. זיין פאָטער דער טאָרי-באַראָנעט האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך.

אַזוי טרעפן מיר אים אין לאָנדאָן אַ פאַרשטויסענעם, וואָס מאַטערט זיך און הונגערט אין מעבלירטע צימערן. דאָרטן באַקענט ער זיך מיט אַ זעכצן-יעריק מיידל, אַ טאָכטער פון אַ קאַפע-הויז-אייגנטימער. ער האָט געהאָפט אַריבערצוציען זי אויף זיינע אידעאַלן. ער איז געגאַנגען מיט איר אַ צייט און חתונה געהאַט מיט איר. צו צוואָנציק יאָר איז ער געווען אין אירלאַנד און פאַרעפנטלעכט „אַן אויפרוף צום בלאָנדזשענדיקן פאָלק". דעם אויפרוף האָט ער אַליין געטיילט אויף דער גאַס. די געלערנטע שעלי-קריטיקער

האַלטן דאָס פֿאַר אַ יוגנטלעכע נאַרישקייט. אינדערעמתן אָבער איז עס געווען דורכאויס אויסגערעכנט און ס׳איז געווען אין הסכּם מיט דער פּליכט פֿון יעדן ענגלישן דיכטער. דערדאָזיקער אָנגריף איז געווען פֿון אויסערגעוויינלעכער שײנקייט און פֿעלזן-פֿעסטער איבערצייגונג. ער איז נישט איינמאָל אַנטציקט געוואָרן פֿון יענעמס ווערטער. דאָס אומגליק איז געווען דאָס, וואָס שעליס עצות זענען געווען צו גוט סיי פֿאַר אירלאַנד און סיי פֿאַר ענגלאַנד. שעליס דינער, וואָס האָט אויך פֿאַרשפּרייט די בראָשורן, איז פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף זעקס חדשים תּפֿיסה.

זיין פּרוי האָט נישט געהאַט קיין שום פֿאַרשטענדעניש פֿאַר זיינע אידעאַלן. דאָס צוזאַמענלעבן איז געווען אויסערגעוויינלעך אומגליקלעך. מיט צוויי יאָר שפּעטער באַקאַנט זיך שעלי מיט דער זעכצניאָריקער טאָכטער פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן פֿילאָזאָף גאָדווין. פֿאַר דעמדאָזיקן פֿאַרברעכן אין זיין לעבן, איז ער דאַן פֿאַרמשפּט געוואָרן און ס׳איז אים נאָך ביז היינט נישט פֿאַרגעבן געוואָרן. אין צוויי יאָר אַרום האָט זיך זיין ערשטע פּרוי דערטרונקען. דער ענגלישער לאָרד קאַנצלער האָט ביים דיכטער אָפּגענומען זיינע צוויי קינדער, ווייל ער איז נישט ראוי געווען זיי צו דערציען. מיר וועלן נאָך וועגן דעם ענין רעדן. דערווייל וועט פֿאַר אונדז זיין גענוג, ווען מיר וועלן וויסן, אַז שעלי איז אַ פֿאַרצווייפֿלטער אָבער נישט גערירט אין זיין גלויבן, אַנטלאָפֿן פֿון ענגלאַנד און די לעצטע פֿיר יאָר פֿון זיין לעבן האָט ער געאַרבעט דערויף, אַראָפּצוּוואַרפֿן דאָס בריטישע קאַסטע-סיסטעם. פֿון דעמאָלט זענען שוין אַריבער הונדערט יאָר און דאָסדאָזיקע האָט זיך נאָך נישט איינגעגעבן. איך גלויב אָבער פֿעסט, אַז סוף-כּל-סוף וועט זיך עס איינגעבן.

שעלי האָט געלעבט אין דער שווייץ און אין איטאַליען. ער האָט זיך אַזוי ווייט איבערגעאַרבעט, אַז ער איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט. קיין שום אַנדער שריפֿטשטעלער האָט אין משך פֿון פֿיר יאָר פֿון זיין לעבן נישט געשאָנקען אונדז אַזוי פֿיל ווערטפֿולע גייסטיקע אוצרות. שעליס קריטיקער משפּטן אים לויט זיין יוגנט און לויט דעם סקאַנדאַל, וואָס ער האָט גורם געווען. מיר אָבער, ווען מיר באַטראַכטן אים אין די לעצטע יאָרן, זען מיר דעם רייפֿן

גייסט, ווערט און אורטייל-קראַפט. אויב איר ווילט זיך בעסער באַ-קענען מיט שעלין, טאָ לייענט זיינע בריוו פון דער שווייץ אָדער זיין ערשט נישט לאַנג געפונענע און פאַרעפנטלעכטע עסיי „אַ פילאָזאָפישע באַטראַכטונג וועגן דער רעפאָרם". אין אָט דער עסיי לייגט ער פאָר דעם פראָגראַם פון דער ראַדיקאַלער פּראָפּאַ-גאַנדע אין וווּנדערלעכע שיינע קלאָרע ווערטער. לייענט אויך „די פאַרטיידיקונג פון דער פּאָעזיע", דאָס איז איינס פון די שענסטע געשריבענע ווערק אין דער ענגלישער שפּראַך. שעלים אורטייל-קראַפט האָט אים פאַרראַטן בלויז אויף איין געביט: ער האָט נישט דערשאַצט דעם אייגענעם ווערט און זיך הכנעהדיק צוריק-געצויגן פאַר בייראָנען, וואָס איז געווען אַ סך וויניקער מענטש און דיכטער, ווי שעלי. שעלי האָט אָנגעשריבן איינס נאָכן אַנדערן די ווערק, וואָס באַרעכטיקן זיין רום. ער האָט אויסגעקליבן אַן אַלטן מיטאָס פון אייסכילאָס און אָנגעשריבן אויף דעם אַ דראַמע: „דער אויפגעבונדענער פּראָמעטעוס". די דאָזיקע דראַמע קענען מיר אָנרופן: דער קווינט-עסענץ פון דער רעוואָלוציע, ס'איז געווען די מאָדערנסטע פון אַלע פילאָזאָפישע דראַמען, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם ווידערשטאַנד פון מענטשלעכן גייסט קעגן די געטער. אין זעלבן יאָר האָט שעלי אָנגעשריבן אַ גאַנץ אַנדער ווערק „טשענטשי", אַ טראַגישער עפּיזאָד פון דעם רענעסאַנס-איטאַליען, איינפאַך און מענטשלעך, אָבער דערפאַר אויפטרייסלנדיק און אמת. דער דיכטער קיטס שטאַרבט און שעלי שרייבט אַן „אַדאָנאַיס". ווער עס רעדט זיך איין, אַז די קונסט איז נאָר לשם קונסט און די שיינקייט לשם שיינקייט, זאָל נעמען אין אַכט אַז „אַדאָנאַיס" אַנטהאַלט אין זיך, נישט געקוקט אויף איר גאַנצער פאָלקאָמענער שיינקייט, אַן עטישע טענ-דענץ און אַן אָנזאָג אויף קאַמף.

שעלי האָט געשריבן עטלעכע פּאָליטישע קאָמעדיעס אין סטיל פון אַריסטאָפאַנעס. די ענגלישע געזעלשאַפט איז פאָרגע-שטעלט געוואָרן דורך זיין באַגייסטערטן כאָר פון חזירים. די שטראָף פון די צייט-חברים איז געווען אַזוי אומבאַרמהאַרציק, אַז אַפילו נאָך היינט פאַרשווייגן די קריטיקער דאָסדאָזיקע ווערק „צוועלפוט דער טיראַן".

שעלי האָט געשריבן מיט פייער און איידעלער באַגייסטערונג, דאָך איז ער אָפטמאָל צעצויגן און איבערגעטריבן. אין זיינע לעצטע וווּנדערלעכע יאָרן האָט ער אויסגעמיטן דידאָזיקע פעלערן און געשאַפן לירישע ווערק פון אַזאַ שיינקייט, אַז ער איז געוואָרן פאַר אונז דער דיכטער איבער דיכטער, דער הייסער פריינט פון דער גרויסמוטיקער און באַגייסטערטער יוגנט. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אין לאָנדאָן געפייערט געוואָרן שעלים יאָר-צייט. אין דער פייערונג האָבן אַנטייל גענומען אַ מאַסע מענטשן, וואָס וואָלטן דעם דיכטער ביים לעבן אָפגעשינדן די הויט. אַ באַרימטער פאַרלעגער האָט ציטירט דאָס ליד: „מענער פון ענגלאַנד, צו וואָס אַקערט איר?" ווי אידיאָטיש. ווען די מענער פון ענגלאַנד הערן אויף צו אַקערן, שטאַרבן זיי פון הונגער, אָבער שעלי האָט לחלוטין נישט געשטעלט די פראַגע אַזוי, נאָר אַנדערש; „מענער פון ענגלאַנד, צו וואָס אַקערט איר פאַר די הארן, וואָס דריקן אייך אונטער." און אַ ווידער-קול פון פינף און אַ האַלבן מיליאָן שטימען האָבן אים געענטפערט: „צו וואָס?"

דערדאָזיקער דיכטער פון דער צוקונפט איז מיט דער צייט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, ווי קיין שום אַנדערער דיכטער. סיר וואָלטער סקאָט און די אויסוואָרפן פון דער טאָרי-באַנדע האָבן זיך איבערגעצלמט, ווען זיי האָבן אַרויסגערעדט שעלים נאָמען. און אפילו בייראָן, וואָס זיינע באַקאַנטע, די עלעגאַנטע לעב-יונגען האָבן פאָרגעוואָרפן זיין באַציונג מיט שעלין, האָט ער זיך נישט אָנגענומען פאַר זיין פריינט. שעלי האָט געגלויבט אין דער פרייער ליבע און זיין גלויבן האָט ער פאַרווירקלעכט אין טאַט. דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט זיינע צייט-חברים און אַ סך קריטיקער שאָקירט עס נאָך ביי היינטיקן טאָג. אָבער עס איז דאָך קלאָר, אַז די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל קען מאַכן אַ טריט פאָראויס נאָר דאַן, ווען מענטשן זאָגן אַרויס ערלעך זייערע איבערצייגונגען און פאַרדעקן נישט זייערע מעשים, אָנשטאָט צו רעדן אַזוי און צו טון אַנדערש, און צו זינדיקן שטילערהייט.

שעלי האָט גאָרנישט באַהאַלטן. ער איז געווען יונג און נישט געהאַט קיין עלטערע פריינט, וואָס זאָלן אים געבן אַן עצה

און לערנען. ער האָט געגלויבט, אַז אַ מענטש, וואָס זיין האַרץ איז פול מיט גוטסקייט, גרויסמוטיקייט, אָפּפערווויליקייט און אַ ליידנ־שאַפטלעכע ליבע צום יושר, דאַרף טרייסטנדיק נאָכגעבן זיינע פאַרלאַנגען אויך פון דער ליבע.

אַזוי האָט ער געטון און זיין לעבן איז באַשטאַנען פון ליידן און זאָרגן. אַוודאי איז באַקוועמער צו ווערן אַ קרוין־דיכטער אין דער זייל פון דער קירכע, ווי וואָרדספאָרט וואָס איז באַגאַנגען זיין איינציקע זינד אין אויסלאַנד, און פאַרהילט איר מיט אַ מאַנטל פון שווייגן.

שעלי איז געשטאָרבן צו דרייסיק יאָר. ער איז דערטרונקען געוואָרן בעת אַ שטורם. צוזאַמען מיט אים איז דערטרונקען געוואָרן דער הערלעכסטער גייסט, וואָס ענגלאַנד האָט אַמאָל אַרויסגע־בראַכט. איך ווייס וואָס דידאָזיקע מיינונג באַדייט. איך ווייס אויך, ווי ווייט מען וועט מיך אויסלאַכן צוליב דערדאָזיקער מיינונג. אָבער משפּט איר אַליין: נעמט די גרעסטע מענער פון ענגלאַנד און לאָזט זיי שטאַרבן צו דרייסיק יאָר, וואָס בלייבט איבער נאָך זיי? פון שעקספּיר: „ווענוס און אַדאָניס", „פאַרלוירענע ליבע־באַמיונג", „די קאָמעדיע פון בלאָנדזשענישן" אפשר אויך „רישאַרד דער דריטער" און עטלעכע סאָנעטן. פון מילטאָן: „איל פּענסעראָסאָ" „קאָמוס" און „ליצידאַס". און אויפן קאָנטינענט פון געטהען: „געטץ פון בערליכינגען", „די ליידן פון יונגן ווערטהער". שעלי האָט געהערט צו יענע רוסאָס אָנהענגער, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט קיין וואַקל געטון אין זייערע איבערצייגונגען, נישט אַוועק צום פעאָדאַליזם, קאַטאָליציזם אָדער מיסטיציזם. ער האָט געהאַלטן אָפן די וועגן אַנטקעגן דער צוקונפט, ער האָט אָנגעגריפן די קלאַסן־פּריווילעגיע, נישט נאָר די פּאָליטישע, נאָר אויך די אינדוסטריעלע און דערפאַר איז ער געוואָרן דער דיכטער פון פּראָלעטאַריאַט.

אין איינעם אַ טאָג — און גלויבט מיר, אַז דער טאָג איז נישט אַזוי ווייט — וועלן זיך צעפאַלן די מויערן פון די קלאַסן־רויבער און ווען דער באַפרייטער פּראָלעטאַריאַט וועט דאַן אויפ־בויען אַ נייע קולטור וועט ער זיך דערוויסן, אַז אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַראַן אַ גאָט־געבענטשטער נביא,

וואָס האָט פאַרויסגעזען דעמדאָזיקן טאָג פון פרייהייט, וואָס האָט מקריב געווען אַלץ, כדי דעמדאָזיקן טאָג צו דערנענטערן. און דער פּראָלעטאַריאַט וועט אָפּגעבן כבוד דערמיט, וואָס ער וועט אים דערהויבן פאַר זײַן דיכטער און אים פאַרהייליקן פאַר דעם גרעסטן שטאָלץ פון דער ענגלישער ליטעראַטור.

# 44

## דער זון פון אַ בעל-עגלה

ס'איז כדאי זיך צו באַקענען מיט נאָך אַ דיכטער פון יענער עפּאָכע מיט דזשאָן קיטס.

— מיט אים וועסטו האָבן אַ סך אַרבעט — האָט געזאָגט פרוי אַגי — זיי זענען דאָך אַלע איבערצייגט, אַז קיטס איז דער דיכטער, וואָס מען קען נישט באַשולדיקן אין פּראָפּאַגאַנדע.

— יאָ — ענטפערט דער מאַן — און דאָס איז אַ פײַנער בײַשפּיל, ווי גוט עס גיט זיך איין די קריטיקער פון דעם לײדיק-גייער קלאַס צו אינטערפּרעטירן. קיטס לעבן און פּערזענלעכקייט איז איין גרויס שטיק פּראָפּאַגאַנדע אין דער ענגלישער ליטעראַטור-געשיכטע.

— דו האָסט גוט אָנגעהויבן — לאָמיר זען, וויאַזוי דו וועסט עס באַווייזן.

דזשאָן קיטס איז געווען דער זון פון אַ בעל-עגלה, ס'איז מיר אוממעגלעך דיר צו געבן אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס האָט געהאַט אין די אויגן פון די בריטישע סנאָבן. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1796, נישט באַזוכט קיין שול, נישט קיין אוני-ווערזיטעט. די מאַניערן און די מנהגים פון אַן ענגלישן דזשענטל-מאַן האָט ער נישט געוווּסט. ער איז געווען אַן איינפאַכער פּרי-מיטיווער מענטש, אַ קלײנינקער — פינף פוס הויך, וואָס די

געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונגען האָבן געמאַכט זייער צוריקגעהאַלטן. ער האָט זיך געהאַלטן פונדערווייטנס פון די, וואָס האָבן געקענט אים פאַראַכטן צוליב זיין נידעריקן יחוס. אפילו אין דער באַציונג צו שעלין האָט ער נישט געקענט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ זון פון אַ באַראָנעט. ווען ער האָט זיך נאָר צוגעקוקט, ווי שעלי ווערט אויסגענוצט דורך זיינע באַקאַנטע האָט ער זיך פון אים צוריקגעצויגן.

„ער געהערט צו דער סקעפּטישער, רעפּובליקאַנישער שול", האָט געשריבן וועגן אים אַ יוגנטפריינט. „קעגן יעדער זאַך האָט ער תמיד עפּעס אַ טענה". דאָס ערשטע ליד, וואָס קיטס האָט זיך דערוועגט צו פאַרעפנטלעכן, איז געווען אַ סאָנעט לכּבוד דער באַפרייונג פון לייה האָנטס, וועלכער איז אָפּגעזעסן צוויי יאָר פאַר אַן אַרטיקל קעגן דעם פּרינץ-רעגענט. דאָס ליד איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין האָנטס צייטונג: „דער עקסעמענער". און דערדאָזיקער אומבאַקאַנטער רעדאַקטאָר איז געווען דער פריינט און באַשיצער פון צוואָנציק-יאָריקן דיכטער.

אין דערזעלבער צייט איז קיטס געוואָרן קראַנקן-וועכטער אין אַ שפּיטאָל. מ'האָט אים גערופן מיט חוזק דאָס „אַפּטייקער-יינגל". און בעת ער האָט פאַרעפנטלעכט „ענדימיאָן" האָבן זיך די קריטיקער פון דעם לייזיקגייער-קלאַס געוואָרפן אויף אים און געשריגן צוליב דער חוצפּה פון דעמדאָזיקן עם-הארץ, וואָס האָט געהאַט די העזה צו שרייבן אַ פּאָעמע מיט גריכישע, מיטאָלאָגישע געשטאַלטן, און איז אַריין אין אַזאַ געביט, וואָס איז מאָנאָפּאָליזירט בלויז דורך דער אַקאַדעמיע. „גיי אין דיין קרעמל אַריין, דזשאָן" — האָט אויסגעשריגן צו אים די „קוואַרטאַלי רעווו" — צוריק צו דיינע פּילן און שמירעכצער". מיר זעען, אַז אין דעם פאַל איז זיי גאָרנישט געגאַנגען אין ליטעראַרישע ענינים, נאָר אין ריין פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע. אין דער צייטונג „בלעקוואָד" איז אָפּגעדרוקט געווען אַן אַרטיקל, וואָס האָט אָנגעגריפן נישט נאָר קיטסן, נאָר אויך די גאַנצע אַזוי גערופענע „קאָקנע-שול", צו וועלכער עס האָבן זיך גערעכנט לייה האַנדט, האַצליט, לאָמב, שעלי און קיטס. די קולטיווירטע הערשער פון ענגלאַנד האָבן מיטן וואָרט „קאָקני" באַצייכנט די לאָנדאָנער אָרימע באַפעלקערונג מיט

זייער אָפּשטויסנדיקן דיאַלעקט. פאַר דידאָזיקע טאָרי-קריטיקער איז די ליטעראַטור געווען אַ צווייט-ראַנגיקע זאַך. דער עיקר זענען זיי געווען גוט-באַזיצער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די רדיפות אויף ראַדיקאַלן. זיי זענען געווען ספּאָרטסלייט, יעגער, רייטער. זיי האָבן געטרונקען אַ סך וויסקי, פלעגן זינגען אַ שיין ליד מיט אַ רע-פריין: „פאַרטיליקט דאָס פאָלק, כאַפּט דער טייוול דאָס פאָלק, פאַר-טיליקט די נידעריקע קלאַסן!" זיי האָבן נישט אָנגעגריפן דעם „קאַקני"-דיכטער צוליב זיינע דיכטונגען, נאָר צוליב זיין קליידונג, צוליב דעם, וואָס זיי איז נישט געפעלן געוואָרן די פנימער און די מאַניערן פון די דאָזיקע מענטשן. צו צוואָנציק יאָר האָט קיטס אָנגעשריבן זיין „ענדימיאָן" און אין צוויי יאָר שפּעטער קריגט ער אַ בלוט-שטורץ, פון וועלכן ער האָט זיך שוין נישט אויסגעהיילט. צו פיר-אונצוואָנציק יאָר האָט ער געשריבן זיינע לעצטע שורות, און אין אָנהויב פון זיין פינפאונצוואָנציקסטן יאָר איז ער געשטאָרבן. ער האָט געהאַט גאָר ווייניק צייט צו באַקעמפן אָט די דאָזיקע אַריסטאָ-קראַטישע מנוולים. ער איז געווען אָרעם, זייער עמפּינדלעך, גע-ליטן פון די רויע אָנגריפן און דאָך נישט אונטערגעגעבן זיך. ער האָט מקריב געווען דאָס לעבן און געזאָגט שטיל: „איך גלויב, אַז נאָך מיין טויט וועט מען מיר אַריינרעכנען צווישן די ענגלישע דיכטער".

די שטענדיקע זעלבסטקריטיק און די עקשנותדיקע זוכעניש פון נייע ווירקונגען און פאָרמען האָבן אים אָוועקגעפירט פון דער זינלעכקייט פון זיינע ערשטע ווערק. דאָס לעצטע ווערק זיינס איז געווען אַ מין איינלייטונג צו „היפּעריאָן"; אין דעם ווערק באַשעפטיקט ער זיך מיטן דיכטער און צווישן אַנדערס דריקט קיטס אויס די מיינונג, אַז די העכסטע מדרגה פון קונסט קען נאָר דערגרייכן די פערזענלעכקייט,

„וואָס דער עלנט פון דער וועלט איז פאַר אים
דער ווירקלעכער עלנט, און לאָזט אים נישט רוען".

ווי קיטס האָט זיך באַצויגן צום קלאַסנקאַמף, קען מען זען לויט זיין האַלטונג אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן. שווער קראַנק אויף שווינדזוכט פאָרט ער מיט דער שיף קיין איטאַליען. ער שטייגט אַראָפּ אין נעאַפּאָל. נעאַפּאָל אָבער איז שיין און וואַרעם, דאָס

ריכטיקע אָרט פאַר אַ דיכטער זיך אָפּצורוען און צו חלומען. קיטס וויל אָבער נישט רוען און חלומען; ער פאַרטראָגט נישט די פוילע אַטמאָספערע פון די ראַיאַליסטישע פאַרשווערונגען און בלייבט נישט אין נעאַפּאָל. איידער ער איז אַוועקגעפאָרן האָט אים אַ פריינט מיט־גענומען אין טעאַטער און קיטס זעט ווי ס'שטייט אויף יעדער זייט פון דער בינע אַ זשאַנדאַרם. דערדאָזיקער סימבאָל פון צענזור און דעספּאָ־טיזם האָט אים אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט נישט געקענט אויסזיצן אויף דער פאָרשטעלונג ביז צום סוף און אַוועק פון טעאַטער.

ער איז געשטאָרבן אין רוים. קורץ נאָך זיין טויט, האָט שעלי אָנגעשריבן זיין „אַדאָנאַיס", וואָס איז געווען אַ פאַרהערלעכונג פון קיטסן און אַן אָנגריף אויף זיינע שונאים. פּאַמעלעך איז גע־וואַקסן דער רום פונם טויטן דיכטער, און אומעטום האָבן די טאָריעס פון יענער צייט איינגעזען אין דעם פאַקט אַ צייכן פון קלאַסן־קאַמף. וואַלטער סקאָטן גופא איז אפילו געווען דערווידער די פערזענלעכע אָנפאַלן אויף קיטסן אין לאָקאַרטס אַרטיקל. דאָך האָט עס נישט געשטערט דעם אַלטן הער ווייטער אונטערצושטיצן מאַטעריעל דעם „בלעקוואָוד" און לאָקאַרטן אויסצוקלויבן פאַר אַן איידעם און פאַר זיין קינפטיקן ביאָגראַף. איינער, אַ יונגער ראַדיקאַל, האָט פאַרטיידיקט קיטסן, לאָקאַרטס אַ פריינט האָט זיך אַריינגעמישט אין דער מחלוקת און אַרויסגערופן קיטס פאַרטיידיקער אויף אַ דועל און אים דערהרגעט. אויף אַזאַ אופן האָט מען דעמאָלט געפירט ליטעראַרישע וויכּוחים.

אויב מיר וועלן מודה זיין, אַז קיטס פאַרדינט זיין רום, מוזן מיר גלייכצייטיק אָנערקענען, אַז דער טאַלאַנט איז בשום אופן נישט קיין פּריווילעגיע פון אַ הויכן ראַנג אָדער פון רייכטום, נאָר אַז דאָס הייליקע פייער גליט אויך אין דער מאַסע, און אַן אומגעבילדעטער, אַ בעל־עגלהשער זון, וואָס האָט זיך אַליין דערוואָרבן וויסן, קען אויסוואַקסן פאַר דעם גרעסטן דיכטער פון זיין לאַנד. אַ קליי־נע צאָל קריטיקער זענען היינט צו טאָג גרייט דאָס צו אָנערקע־נען, אָבער נאָך נישט אַלע.

דאָס איז געווען קיטס דער מענטש און איצט וועלן מיר

זעען זיין שאַפונג. איין זאַך דאַרף מען גישט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן צו טון מיט ווערק, וואָס זענען אָנגעשריבן נאָך פאַרן עלטער פון פיראונצוואָנציק יאָר. אַן אומוויסנדיקער און אומקולטיווירטער בחור ווערט באַהערשט פון דעם גלאַנץ און דער שיינקייט פון דער קונסט. די נאַטור פאַרשיכּורט אים און די ווערטער זענען פאַר אים עדל-שטיינער, וואָס אַנטציקן זיינע חושים. זיין ווונדער-לעכע שפּראַך פאַרמאָגט אַ גלאַנץ ווי אַ באַרג-אָזיערע אין לבנה-שיין. צוערשט פאַרליבט ער זיך אין דער נאַטור און דערנאָך אין אַן אַכצניעריק מיידל, וועלכע ער אַליין רופט אָן „עלעגאַנט" און „אומוויסנד". דערנאָך אָבער צערינט זיך דער כּישוף. נאָך זיין טויט דערקלערט די יונגע דאַמע, אַז דאָס בעסטע, וואָס מען קען פאַר אים טון, איז צו פאַרגעסן אים. אַזוי פיל פאַרשטענדעניש פאַרמאָגט דאָס טרוים-בילד פון אַ יונגן דיכטערס ליבע פאַר זיין כאַראַקטער און זיין גרויסקייט.

קיטס ערשטע שאַפונגען גיבן יענע פשוטע אינסטינקטיווע לעבנס-פריידן, וואָס מען קען אָנרופן „גריכיש". ער קלויבט אויס גריכישע טעמעס און סימבאָלן און איז קיינמאָל נישט מער גריכיש, ווי דאַן, ווען ער וויל דווקא זיין מיטלאַלטערלעך. דאָס מערקוויר-דיקסטע אין זיינע ווערק איז די צייטיקייט אין משך פון פיר יאָר. אַ שאָטן פון פיין האָט פאַרטונקלט זיין לעבן. די אַנטוישטע ליבע האָט אים פאַרשאַפט יסורים. אַזוי קומען מיר צו דעם צווייטן פעריאָד פון דעם גריכישן גייסט: דעם געפיל, אַז מען איז איבערגעענטפערט צום שיקזאַל, די אימה פאַר דער פאַרבאָרגענער גרויזאַמקייט פון לעבן, די פאַרצווייפלונג און דער יאוש צוליב דעם, וואָס יעדער שיינקייט איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג. מיט אָט דער שטימונג זענען פול זיינע הערלעכסטע געדיכטן. ווער עס לייקנט, אַז דער דיכטער האָט געוואָלט אין זיי אויסדריקן אַן אומגעווייניטלעך טרויעריקע שליחות, פאַרשטייט פשוט נישט די דיכטונג.

לאָמיר אפילו נאָכגעבן די, וואָס האַלטן פון קונסט לשם קונסט און מיר וועלן אָננעמען אַז קיטס איז געווען אַן עסטעט און גע-שאַפן ריינע קונסט. צי וועט דאָס זיין אַ באַווייז, אַז מיר וועלן געפונען אַ לחלוטין-ריינע קונסט אָן שום פּראָפּאַגאַנדע? בשום אופן

גישט. יענע וואָס גיבן אונז דידאַקטישע ביישפּילן, ווי די ווערק פון אַ שטייגער קיטס, גאָטיע, ווייסטלער, באַווייזן נאָר דורך דעם, אַז זיי האָבן פאַלש פאַרשטאַנען אונזער געדאַנק, אַז יעדע קונסט איז פּראָפּאַגאַנדע. עס איז אַ פונדאַמענטאַלער פּסיכאָלאָגישער פאַקט, אַז אַפילו אַזאַ קונסטווערק, וואָס פאַרנעמט זיך בלויז מיט דער פראַגע פון טויט און לעבן, איז אויך פּראָפּאַגאַנדע.

לאָמיר זיך אַ ביסל בעסער פאַרטראַכטן וועגן דעם: ווען אַ קינסטלער גיט זיך די מי אויסצודריקן זיינע געפילן אין אַ קונסט-פאָרם, טוט ער דאָס דערפאַר, וואָס ער וויל איבערגעבן זיינע געפילן צו אַנדערע מענטשן. ווי ווייט דאָס גיט זיך אים איין, גיט זיך אים איין צו פאַרענדערן די געפילן פון יענע מענטשן, זייער באַציונג צום לעבן און אויך זייערע האַנדלונגען. צי איז דאָס פריידיקן תענוגים און פרייד עפּעס ווייניקער, ווי דאָס פריידיקן פון שכל? אַז אַ דיכטער שרייבט אָן אַ פערז, „לאָזט אונז עסן, טרינקען און פריילעך זיין‟, צי שטעלט ער נישט אויף דערמיט אַ לערע? און אויב ער וויל עס נישט פּראָפּאַגאַנדירן, טאָ צו וואָס שרייבט ער עס אויף, אַנשטאָט אַליין צו גיין, עסן, טרינקען און זיין פריילעך? ווען קיטס שרייבט: „דאָס וואָס איז שיין, גיט תמיד פרייד‟, טרייבט ער זעלבסטפאַרשטענדלעך פּראָפּאַגאַנדע, ווייל דער באַגריף פון שיינקייט איז רעלאַטיוו און ענדערט זיך מיט יעדן סאָציאַלן איבערבוי. פּונקט אַזוי איז עס פּראָפּאַגאַנדע, ווען ער זאָגט:

דער אמת איז שיין און די שיינקייט איז וואָר.

דאָס איז גענוג, דאָס ווייסט איר אויף דער ערד, אויף קלאָר.

דערמיט פאַרראַט ער, אַז ער האָט זייער ווייניק געטראַכט וועגן שיינקייט און אמת און האָט זיך פּשוט באַנוצט מיט אַבסטראַקטע ווערטער אָן שום באַדייטונג.

איך האָף, אַז מיר איז געלונגען קלאָר צו מאַכן, אַז קיטס קונסט האַלט איך פאַר אַ שיינע ריינע קונסט פון אַ יונגען בחור צווישן צוואַנציק און פיראונצוואַנציק יאָר. די יוגנט, איך מיין די פּאָעטיש געשטימטע יוגנט, לעבט דורך אַ פּעריאָד פון אַ נאַיווען צוטרוי אין אירע אינסטינקטן. ווען מען שטעלט זיך אָבער צופרידן דערמיט אין די רייפערע יאָרן ענדערט זיך אַלדינג: ריינקייט און שיינקייט

פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ פֿלאַכער זעלבסטצופֿרידנקייט און אוממענטשלעבער נישטיקער שפּילעריי און ירידה. דאָס אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער גריבישער קונסט און דאָס קען מען באַמערקן אויך אַצינד אין די צייטן פֿון אונטערגייענדיקן קאַפּיטאַליזם.

פֿאַמעלעך קומען די טאָרים צו דער איבערצייגונג, אַז די דיכטונגען פֿון אָט דעם אומגליקלעכן יינגל זענען דאָך נישט אַזוי געפֿערלעך. די אַלע קלוגע טאָרים, ווי וואַלטער סקאָט האָבן עס טאַקע באַלד פֿאַרשטאַנען און די יונגע, ווי אַ שטייגער, טעניסאָן און ראָססעטי האָבן אָנגעהויבן אָפֿן צו רעדן וועגן דעם.

דער טויטער דיכטער האָט זיי שוין מער נישט געקענט שאַקירן מיט זיינע „קאָקנעי"-מאַניערן. איצט נעמען זיי זיך אָן פֿאַר זיינע ווערק און מאַכן פֿון אים אַ מאַנעקן פֿאַר דער קולטור פֿון דעם פֿוילנדיקן קלאַס, אַ הילפֿסמיטל צו יענער קריטיק, וואָס וויל אָפּהאַלטן די יוגנט, זי זאָל נישט טראַכטן וועגן געפֿערלעכע אַקטועלע פֿראַגן. איך אָבער דערוועג זיך צו זאָגן, אַז ווען אָט דער דאָזיקער בעל-עגלהשער זון וואָלט דערלעבט צו ווערן אַ רייפֿער מאַן, וואָלט ער געשטערט די ליידיקגייער און די דעקאַדענטישע עסטעטן צו באַנוצן זיך מיט זיין נאָמען און זיין לעבן אַלס טרייסט פֿאַר זיי. זיינע בריוו באַווייזן אויף אַ שטאַרקן גייסט און איבערצייגן אונז, אַז ווען אים זאָל באַשערט זיין געזונט צו ווערן און צו לעבן אַ ביסל לענגער, וואָלט ער געוועזן ענלעך צו מילטאָנען, וועלכן קיטס האָט אין זיינע לעצטע יאָרן היים ליב געהאַט.

# ⁝⁝⁝ אינגיכן דערשיינט! ⁝⁝⁝

## אײפטאָן סינקלער

# ד י

# גאָלדענע קייט

איבערגעזעצט: מארק פאָגעלמאַן.

### א י נ ה אַ ל ט:

1) דער רויב-פויגל-דיכטער ; 2) דער אַלטער קאָמונאַר ; 3) „עמיל און קאַמין" ; 4) דאָס קינד פון זיין צייט ; 5) תּפילה ביים פאַרראַטן דעם מאַן ; 6) „די הויפּטגאָס" אין פראַנקרייך ; 7) הייבריך היינע ; 8) זיגפריד באַקונין ; 9) דאָס עוואַנגעליום פון שווייגן ; 10) דער וויג-ליד-קרוינדיכטער ; 11) אינטעלעקטועלע קרייזן ; 12) גאָט, ראַטעווע דאָס פאָלק ; 13) דער גנאָב-זאַמלער ; 14) קונסט און מלוכה ; 15) מיר קומען קיין אַמעריקע ; 16) דער קוואַקער ; 17) דער אונטערגאַנג פון פוריטאַניזם ; 18) דער מלאך ישרפל ; 19) דער גוטער גרויער דיכטער ; 20) קרויט-באָרשטש ; 21) טויטע נשמות ; 22) דער רוסישער האמלעט ; 23) דאָס טויטן-הויז ; 24) דער פויערן-גראַף ; 25) קאָפּ-ווייטיק און שלעכטע פאַרדייונג ; 26) דאָס חזירים-שעפל פון זאָלאַיזם ; 27) דער שפּילערישער דעמאָן ; 28) דער שונא פון קאָוועגאַנסן ; 29) ביאָלאָגישע אַריסטאָקראַטיע ; 30) דער איבערמענטש ; 31) די אָקטאָפּוס-שטעט ; 32) די גרינע נעלקע ; 33) די ווייסע בריזאַנטעמע ; 34) דער דועל פון וויץ ; 35) דער היסטאָריקער פון די געבילדעטע ; 36) דער אומגעקרוינטער קעניג ; 37) דאָס שמייכלענדיקע אַמעריקע ; 38) דער טיבטיקער הוליאַק ; 39) דער דיכטער פון עלנט ; 40) דער קאַליפאָרנישער אָקטאָפּוס ; 41) דער דיכטער פון פיר מיליאָן ; 42) דער פולבלוטיקער מענטש ; 43) די אומברחמנותדיקע נעמעזיס ; 44) דער אומשטערבלעכער אַלס בונטאַר ; 45) אַ לערנבוך פאַר רוסלאַנד.